STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09082

DER VELT MAYKROFON

Melach Oizer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מלך עוזר

דער וועלט מייקראָפאָן

לידער, פּאָעמען און רעציטאַציעס

פון

מלך עוזר

אַרויסגעגעבען פון

„עבודת פרך" פאַרלאַג

ניו־יאָרק 1949

Copyright 1949 *by*
MELACH OIZER
NEW YORK, N. Y.

Address of Author:
216 FOURTH STREET
LAKEWOOD, N. J.

Printed in the United States of America by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.
253

איך ווידמע דעם בוך לידער מיין
ליבע פרוי איידע קעסלער, מיין
טעכטערעל ברכה׳לען און איר
מוטער פּאַולין.

מלך עוזר

הקדמה און אויטאָגראַפֿישע נאָטיץ

דער מחבר פון דעם בוך איז געבוירען געוואָרען דעם 5־טען אָקטאָבער, 1907, אין דער שטאָט קאָוועל, וואָלינער גובערניע, ביי אָרעמע, אָבער בעל־הבית׳ישע עלטערען. זיין פאָטער, זאָל זיין אויף לאַנגע און לעבעדיגע יאָר, הייסט ברוך־הערש, און זיין מוטער רופט מען טעמע. דריי ברידער האָט דער מחבר: שמעון, משה און פרץ. זיין אמת׳ער פאַמיליע־נאָמען איז עוזר סמאָלער, נאָר אזוי ווי זיין פאָטער׳ס טאַטע האָט געהייסען מאיר־ליב, האָט ער גענומען די ראשי־תיבות פון מאיר־ליב און דעם לעצטען אות פון זיין פאָטער ברוך, און געמאַכט פון זיי מלך, און אַזוי האָט ער זיך באַשלאָסען צו רופן מלך עוזר.

אין יאָר 1910 איז ער צוזאַמען מיט זיין מוטער און ברודער שמעון גע־קומען קיין אַמעריקע. אָבער אַפֿזייענדיג עטליכע יאָר, האָט אים זיין מאַמע צוזאַמען מיט די איבעריגע קינדער געבראַכט צוריק קיין קאָוועל.

דער מחבר האָט געקראָגען אַ פיינע אידישע דערציאונג, פריער אין חדר און דערנאָך אין דער אָסטראָווצער ישיבה.

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה קומט זיין פאָטער אַהיים און ברענגט די גאַנצע משפחה קיין אַמעריקע. דאָ גייט ער אָן ווייטער מיט זיין לערנען. זיינע רבנים זיינען אַזעלכע לומדים, ווי הרב משה ביק, הרב בלו־מענרייך, הרב מעסקין, הרב גראָסמאַן און הרב געלמאַן. גלייכצייטיג ענדיגט ער עלעמענטאַרע סקול און שפּעטער האַי־סקול. יעדע פרייע צייט איז ער געזעסן אין בית־המדרש און געלערענט. שפּעטער קריגט ער אַרויס קבלות שחיטה, אָבער שוין פון די גאָר אינגעלשע יאָרען ציט אים צום שרייבען, און דער חלום פון שרייבען רייסט אים אָוועק פון זיין פּראַקטיק אַלס שוחט.

זייענדיג אַרום 18 אָדער 19 יאָר אַלט, איז ער צוגעצויגן געוואָרן צום אידישן טעאַטער מיט דער אויפפירונג פון „בראָנקס עקספּרעס״ פון רודאָלף שילדקרויט. דאָרטען באַקענט ער זיך טאַקע מיט אָסיפ דימאָוו, דער פאַר־פאַסער פון דער פּיעסע. ער נעמט אָן אָנטייל אין אַ סאָבוועי־סצענע, און מיט דעם האָט זיך געענדיגט זיין קאַריערע אַלס שוחט.

אָבער דער ערשטער וואָס האָט אים עפּענטליך אָנערקענט פאַר אַ געהילף פאַר׳ן טעאַטער, איז געווען דער גוט־באַוואוסטער זינגער און שוישפּילער, סאַמועל איצקאָוויטש. ער צוזאַמען מיט דזשעק גראָסמאַן און וועקסלער, די דעמאָלסדיגע מענעדזשערס פון בראָנקס אַרט טעאַטער, ציען אים צו אַלס סצענאַריום־פירער, ראָלען־שרייבער און צייטווייליגער סופליאָר. זייט דאַן איז ער געבליבען אַ „געכאַפּטער״ — ווי מ׳זאָגט אויף טעאַטער־לשון — אָבער ער באַנוגענט זיך ניט מיט׳ן שרייבען פרעמדע ראָלען. ער הויבט אָן אַליין צו שרייבען איינאַקטערס און טאַקע גאַנצע פּיעסען, און ביז היינט צו טאָג האָט ער שוין אויף זיין געוויסען 96 איינאַקטערס און 12 פּיעסען. שוין אין יענע קינדער־יאָרען שיקט ער לידער צום „טאָג״, וועלכע ווערען פון צייט צו

צייט געדרוקט אין „קרומען שפּיגעל״, וויצען צום „מאָרגען־זשורנאַל״. און אַזוי ווערט אים די אידישע פּרעסע איינגעבאַקען אין האַרצען.

און איצט, נאָענט צו 42 יאָר, גיט ער אַרויס אַ באַנד לידער, וועלכע די מערסטע פון זיי זיינען געדרוקט געוואָרן אין „טאָג״, „אַמעריקאַנער״ און אין „וואָכענבלאַט״. גלייכצייטיג פאַרענדיגט ער אַ צווייטען באַנד לידער, וואָס גייט באַלד אַריין אין דרוק.

פאַר די לעצטע עטליכע יאָר געפינט זיך דער מחבר אין לייקוואוד, ניו־דזשוירזי, צוזאַמען מיט זיין איצטיגער פרוי איידע קעסלער, טאָכטער פון גאָטזעליגען קינסטלער, דוד קעסלער ע״ה. זיין פרוי איידע קעסלער איז אַ פיינע פּיאַניסטין און אַ באַגאַבטע קינסטלערין אויף אַרויסצוברענגען געלעכ־טער. זי שפּילט אין פאַרשידענע האָטעלען מיט אַ גוט־באַוווסטער קינסטלער טרופּע מיט די פאָלגענדע נעמען: סאל פיינשטיין, איידע דיימאַנד, עד מאַרקוס, מאַניע קאַנאפאָף, סעם שטערען, ענא מאַרקוס, הערי מילער און אַנדערע. אַ סך איינאַקטערס און לידער זיינען ספּעציעל געשריבען געוואָרען פאַר דער טרופּע פון מחבר, איבערהויפּט דער איינאַקטער פאַר זיין ווייב איידע קעסלער.

ביי דער געלעגענהייט וויל מלך עוזר אויסדריקען אַ האַרציגען דאַנק צו די יעניגע, וואָס האָבען אים פינאַנציעל און מאָראַליש אַרויסגעהאָלפען, אַז זיין בוך זאָל דערשיינען. דאָס זיינען: דזשעק וויטען, מר. און מרס. וויליאַם סטיין, אייגענטימער פון „ניו עמפּייער האָטעל, לייקוואוד״, מרס. לייקען און פאַמיליע, משה׳לע קורץ, גרויסער טעאַטער־אַגענט, מעצקי, בליימאַן, אויר־ווינג און סעם, פון „קליפטאָן רעסטאָראַנט״ אין לייקוואוד, דזשוליוס לעווין, ווי אויך אַלע האַרציגע סובסקרייבער. דער מחבר וויל עפענטליך באַדאַנקען זיין ערשטע פרוי, פאַולין, וואָס האָט אַ טייל פון אירע יאָרען פינאַנציעל מיטגעהאָלפען און געהאָפט, אַז דער דיכטער זאָל קענען אַנגיין מיט זיין אַרבעט. זאָל דער בוך לידער זיין אַ טרייסט פאַר די טעות׳ן פון ביידע צדדים...

אַ גרויסען דאַנק זיינע לאַנדסלייט, עטעל און איידע, פאַר זייער ביישטייער צו זיין בוך, ווי אויך זיין חשוב׳ען קאָלעגע און פריינדין, דזשעק קעסלער און בי.

צום סאַמע לעצט וויל איך באַדאַנקען די ברידער שולזינגער, צוזאַמען מיט זייערע אַלע מיטאַרבעטער, וואָס האָבען דערמעגליכט, אַז דער בוך זאָל דערשיינען.

טראָץ די אַלע זאכען, זאָלען די ווירדיגע לעזער וויסען, אַז דער מחבר איז דורכגעגאַנגען אַלע שוועריגקייטען פון לעבען, געטאָן כל עבודת פרך, אַפּט אפילו געליטען פון אָפּלאַכעריי און אַנטוישונגען, און דאָך אַנגעגאַנגען מיט זיין שרייבען.

די גרויסע שריפה פון אמונה אין השם יתברך האָט אים ניט פאַרלאָזט און וועט אים ניט פאַרלאָזען. ער בלייבט אַ געטרייער איד אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבען. ער האָפט נאָך צו זיין אין ארץ־ישראל. אָמן כן יהי רצון.

מלך עוזר

אינהאַלט

דער וועלט מייקראָפאָן

דער וועלט מייקראָפאָן........ 9
מענטש שטיי אויף........ 10
דעם אַרבעטערס מאַכט........ 11
די פאַרפּוצטע כלה........ 12
אַכט זיסע אותיות........ 13
דער ווילדער שטורעם........ 13
נאַר מיט מעשים........ 14
פרייהייט 14
פאַרוואָלקענטע הימלען........ 15
מיינע פריינד........ 16
דער דזשעיל........ 17
קאַפּיטאַל און אַרבעט........ 18
שטיינערנע הערצער........ 18
פאַרטרערענטע אויגען........ 19
צו איר........ 20
גרויע האָר........ 20
פון שטויב און ערד........ 21
דריי צייטען........ 21
די פרייהייטס פאָן........ 22
איך זעה דיך מענטש........ 22
דער נס........ 23
איך בלייב אַ סאָלדאַט........ 24
ווערטער מיינע........ 25
דער גן־עדן........ 26
מיין הייליגע שבועה........ 27
קומט לאָמיר גיין........ 28
שענקט מיר אַ האַרץ........ 29
פאַרדרייט די יוצרות........ 30
משיח וויל קומען........ 31
אפילו גאָט האָט חרטה........ 31
אפשר ווייזט זיך אונז אויס........ 32
די געטליכע שריפה........ 32
פאַנטאַזיע — הכל אין........ 33
דו גלויבסט אין תחית המתים........ 34
גאָט, וועלט און וויסענשאַפט........ 34
איך פאַרשטיי ניט........ 35
איינגערעדט 36

נאַטור געזעץ ... 36
וואָס איז אַ מצוה ... 37
די צוויי אידען ... 38
פאַרפאַלען ... 39
באַהאַלט דיין פאַרלאַנג ... 40
זאָג מיר צו ... 41
וואָס הייסט גהינום ... 42
דער אייביגער נאַר ... 43
צוריק צו גאָט ... 44
דער עפּעל בוים ... 44
אַ מענטש שטאַרבט ניט ... 45
אַ איד איז ניט קיין אפיקורס ... 46
דאָס צוויי שפּיציגע איי ... 47
דער קאַלענדאַר האָט געלאַכט ... 48
דער נאַרישער האָן ... 49
דער בעזעם און דער שוך ... 50
דאָס קראַנקע פייגעלע ... 51
בהמות רופען מיך פערד ... 52
די פליג און דער עלעקטריק באַלב ... 53
די צוויי מאַלפעס ... 54
פסח ביינאַכט ... 55
אַלע ווילן ... 56
דער גאָט פון מלחמה ... 57
חרם גערמאַניע ... 60
די פאָן פון דעמאָקראַטיע ... 62
דער כוס פון סם ... 64
וואָס שלאָגט איר זיך ... 65
שווייגט איר פאַלשע נביאים ... 66
די אידישע האָפענונג ... 67
צום אַלטען קוואַל ... 67
דער באָס באַי ... 68
וואָס איז טעאַטער ... 71
איך האָב ליב די אַקטיאָרען ... 72
די וועלט איז אַ דול־הויז ... 73
די הייליגע טבילה ... 75
צו אַ מענטשעלע ... 77
דער גרויסער נס ... 78
זינגענדע הערצער ... 79
איך בין צו אים דערגאַנגען... ... 80
מיין חלום ... 80
די גאָלדענע מטבע ... 80
צו שפּילען אויף בינעס ... 82
העלישע שרפות ... 83
צום משפּט ... 84

וואַמפּירען ... 85
די פריילּיכע פרויען ... 87
דינער פון קונסט ... 88
דער הספד... ... 89
געגוג שוין צו וויינען אויף טויטע... ... 90
עס שפּיגעלט זיך דער שלום... ... 91
שנייד מיין האַרץ ... 92
פּרוכט ... 93
דער חלום אַנטקעגן ... 94
דער לייטער... ... 95
קערפּער און גייסט ... 96
צו ענגלאַנד ... 97
זיין אונטערגאַנג ... 97
דאָס אייביגע ליכט ... 99
די דריי באַהאַלטענע... ... 99
אין פלאָנטער פון אייגענעם איך ... 101
די ווינטען... ... 102
נקמה ! ... 102
פאַרלאַנגען ... 103
פּעדעם ... 104
דאָס אויסגעלאָשענע ליכט ... 105
פאַרביטענע טעג ... 106
פאַרלוירענע וועלטען ... 106
זיידענע געבירטען ... 107
שטעכט ניט דערנער מיט די שפּיצען ... 108
אין די צירקלען פון דער בלויער אייביגקייט ... 109
פיר פאַרברענטע פייגעל ... 109
שפּאַנען דורות איבער פלאַמען ... 110
באַהאַלט מיין פאַרגאַנג אין געזאַנג ... 111
שיינט דער זילבער קאָרען ... 111
ווייסע טויבען ... 112
די ירושה פון געזאַנג ... 113
דער גרויער טאָג ... 114
צוואַנציג יאָהרהונדערטיגע ציוויליזאַציע ... 114
טאַנצען ניגונים ... 115
איך האָב גאָט אין מיין האַרצען געטראָגען ... 116
איך בענק נאָך דיר ... 117

צעבראָכענע פידלען

מען רופט מיך דער משוגענער ... 121
דער פאַרגעסענער קינסטלער ... 122
די בלוטיגע פראַגע ... 124

די פאַרשאַלטענע כלה........................ 127
סעמקע אידיאָט........................ 131
דער שרעקליכער בלבול..................... 134
דער זינדיגער........................ 137
דער טייוועלשער וועט........................ 138
יענטעלע חלום........................ 146
ניט איצט איז די צייט........................ 150
דער בעטלער........................ 153
רב סנדר גאון........................ 156
דער קאַדעט........................ 158
דער טרעמפּ........................ 159
זעלדע די יתומה........................ 160
דער דיכטער........................ 163
גיט מיר אַ דזשאַב........................ 164
דער סוף........................ 166
דער האַלבער יתומ׳ל........................ 167
בעני דער טישלער........................ 168
מרס. עלקינס טראַגעדיע........................ 170
רב נפתלי׳ס לוויה........................ 173
איר געראָטענער זון........................ 174
מלכה לאה׳ס אייניקעל........................ 175
די לאַנדרי ליידי........................ 177
זיין בת יחידה........................ 179
גיטעל די משוגענע........................ 180
דעם דאָקטאָרס נקמה........................ 181
מיין שטעטעלע קאַוועל........................ 183
פאַלשע חלומות........................ 186
די פאַרליבטע........................ 187
די פלעפערקע........................ 188
די יונגע אלמנה........................ 190

פרילינג בלומען

דער געטליכער פאַנצער........................ 195
מזל טוב........................ 196
שלום עליכם........................ 197
דער ריינער אמת...................... 198
דער שבת קודש........................ 199
אי זעך פאַר מיר...................... 200
נו, איז וואָס ?........................ 201
דער הונט און די קאַץ........................ 202
מאַלע וואָס מ׳זאָגט........................ 203
לאָז אים אַריין........................ 204

לעש אויס די לאָמפּען 205
דאָס פאַרבאָטענע 205
אין חלום 206
אַ קאַצען שפּרונג 207
ליבע און ווייטאָג 207
קאַלטער מערדער 208
דאָס איירישע צעטעל 210
שפּילט מיין האַרץ 211
וואָס לאַכט איר ? 212
איך זע 214
ווען איך שלאָף 215
דער מענטש 216
אַזוי ווי דו 217
זיי פרום 218
אויף הייסע מינוטען 218
פאַנטאַזיע 219
פון זיך אַליין 220
טויזענד געשטאַלטען 220
איך ווייס ניט פון וואַנען 220
דער בוים 222
זיי וויסען מענטש 222
רעד צו דיין פאָלק 223
קאַשמאַרען 224
פאַרביטענע טעג 224
אַ וואָרנונג 225
בויגען זיך בוימער 226
דער כעס 226
טראַכט פון מיר 226
זון־אונטערגאַנג 227
צוויי חבר׳טעס 228
קום צו מיר 230
אַ געזאַנג 231
שוויג ! 232
די שטים פון אמת 233
שמע ישראל 234
אַ פינסטערע שטימונג 235
אַ צייטיגע קוויט 235
אַלץ הייסט אַ גליק ! 236
אינגעלשע חלומות... 237
פאַרליבטע הערצער 237
געוועגנדעל 238
אין מיין קינדהייט 239
די מוזע 240
זאָג מיר פאַרוואָס ? 241

צו מיין גליק 242
איך באַוויין אייך 242
ווייב — מוזע און פליכט 243
זומער 244
יאָרן לויפן 245
עולים ויורדים 245
וואָס מער 246
דער וועיטער־פּאָעט 247
דער קאַלטער מערדער 248
זינדיגע מחשבות 248
דער באַרבער 249
שלום בית 250
דער אַלטעטשקער 251
דרייצען יאָר 253
דער נס גדול 254
גאָט׳ס גנבים 255
איך קען ניט פאַרטראָגען 255
האָט רחמנות 256
לעש אויס די לאָמפּען 257
אומזיסט די שבועה 258
צו אונזער אָנקעל 259
צום „קרומען״ 260
וואו איז יושר ? 261
דעם זיידען׳ס נבואה 262
צוויי וועלטען 263
פרעג ניט... 263
רבנים 264
דער תלמיד־חכם 265
אַ גרוס פון ווייבעל 265
יענעמ׳ס פּאָמפּאדור 266
איך זע דיך... 267
דאָס טייבעלע... 268
חשבון הנפש 269
רשעים... 270
דריי פּליכעס 271
דער שטרויענער העלד 272
דער „חולה״ 273
דער דלות 274
מיין שטאָם 274
אַלערליי ליבעס 275
מיין באַגלייטער 276
ווי אַ שיפס־קאַפּיטאַן 277
מיין קריטיקער 279
זינג, מיין קאַנאַריק ! 280

דער וועלט מײקראָפאָן

דער וועלט מייקראָפאָן

איך בין דער וועלט מייקראָפאָן, דורך מיר רעדט אַ יעדע נאַציאָן
דורך מיין האַלדז און מויל ווי אַ שטורעם קול
רייסען זיך הונדערטער טויזענטער מיליאָנען געשרייען
פון אַלע פּאַרטייען

קולות פון בחורים און זקנים, יתומים און אַלמנות
פון געקריוודעטע פּאַרפּייניגטע צעבלוטיגטע קרבנות
איך בין זינדיג שרייט די וועלט, באַרבאַריש און וואולגאַר
כאָטש מיר ווייסען שוין די סודות פון אַטאָם און פון ראַדאַר
כאָטש מיר הערען שוין לבנה קלאַנגען און צום שטערען מאַרס
שוין באַלד דערגאַנגען

זענען מיר צעטיילט אין צענדליגער פּאַרטייען
און איינער ביי דעם צווייטען קען דעם אמת ניט דערזען
און אין די קרייזען אַליין פעלט אחדות און שלום
צו פאַרווירקלעכען דעם פּראָפעטישען חלום.
מיר פריידיגען אַלץ נאָך ראַסען האַס
און מלחמה שפּרינגט פון פּולווער פאַס
פון שיסעריי פון שטעכעריי, ס׳איז די וועלט פון בלוט ניט פריי.
דער פאַשיזם גיפטעט ווי אַ שלאַנג
כאָטש מיר ברענגען זיך צום אונטערגאַנג
אונזערע מעשים זענען עקלהאַפט, מיר נוצען אויס
פאַר שלעכטס די קראַפט

פאַרניכטונג הערשט אין אונזער שפּיל
און פאַרגעסען מענטשען ציל.
יאָ, איך בין דער וועלט מייקראָפאָן, מיין אויער הערט יעדן נאַציאָן
עס פרעסט דאָס קול מיר ביז׳ן ביין, אָה וועלט דאַרפסט צוריק
אין חדר גיין,

דו ביסט ווילד, נישט דערצויגן,
דער גזלן גלאַנצט פון דיינע אויגען,
מיט דיין גאַנצע בילדונג ביסטו ווילד.
דאָס בייז אין דיר ווערט ניט געשטילט
דו קלעטערסט צו די הימלען, ווילסט וויסענשאַפט באַווייזען,
מיט דיין טעכניק קענסטו באַלד, די גאַנצע וועלט באַרייזען
נאָר מיט דיין גאַנצען וויסען האָסטו ניט קיין ווערט
ביז דו וועסט צעשטויסן, אויף אש און שטויב דיין שווערד!
יאָ, איך בין דער וועלט מייקראָפאָן.

מענטש שטיי אויף

וועלט, זינט דו האָסט אָנגעצונדען
דאָס חכמה ליכט פון מענטשען רעכט
האָסטו קניפּ און פלאָנטער אויפגעבונדען
און לעבענס גייסט אין מענטש געצונדען
דו מאַרשירסט פאָראויס מיט פעסטע טריט
מיט אייזען-האַנט וואָס שמידט דיין ליד
מיט נצחון קאַמף און ווערסט ניט מיד
שרייענדיג — מענטש שטיי אויף — מענטש שטיי אויף!
וויש אָפּ דעם שלאָף פון ברעם און מוח
שעפּ אָן דיין גוף מיט פרישען כוח
פאָראויס ניט צוריק, צעריים די שטריק
מענטש שטיי אויף!

בויג ניט דיין קאָפּ פאַר קיין שטורעמווינט
ווייל דו ביסט דעם אַרבעטערס אַ קינד
דו ווייסט דעם טעם פון פיין און נויט
פון קריזיס צייט — פון הונגער טויט
מענטש שטיי אויף.
דערלאָז ניט מער אַז רייכער לוסט זאָל רייטען אויף דיין ביינער-ברוסט

גיי האַנט אין האַנט מיט מיר געשפּאַנט
דו מיט מוסקעל איך מיט גייסט,
ווייל דורך קאַמף ווערסטו געשפּייזט
מענטש שטיי אויף!

אַזוי וועקט די וועלט אונז יאָר נאָך יאָר
ביז אויפשטיין וועט אַ פרייער דור...

דעם אַרבעטערס מאַכט

ווי האָניג וועט טריפען דיין נאָמען
אין אַלע פיר ווינקלען פון וועלט;
די צייט איז שוין נאָהענט צו קומען
און טויטען דעם שאַנדפלעק דאָס געלט.
דער אַרבעטער וועט מעהר געניסען
ניט זיין וועט קיין באָס, קיין פּראָפיט
ס'וועט אַרבעטער בלוט זיך ניט גיסען —
קיין מענטש וועט ניט ליגען אין סטריט.

איין גאָט וועסטו דינען מיט ליבע
די פרייהייט, אָט דאָס איז דיין גאָט,
די שאַפענדע קראַפט און די סיבה
פון פאַרניכטונג פון שאַנד און פון שפּאָט.
יאָ, די טראָפּען פון שוויים וועט פאַרשווינדען
ניט זיין וועט קיין ווילדער טיראַן;
אויסהיילן וועלן זיך דיינע וואונדן
פאַרביי וועט דער שקלאַפען טומאַן.

דעם פּראָלעטאַריאַט", וועט מען בענטשן
ווייל ער טראָגט פון שאַפען די קרוין —
פערד וועלען פאַרוואַנדלען אין מענטשען
און מאַהנען זייער אמת'ען לוין.

אַך גליקלעך איז דער וואָס דערלעבען
וועט יענעם געגאַרטען מאָמענט
ווען פרייהייט און גלייכהייט וועט געבען
די מאַכט אין דעם אַרבעטערס הענט...

די פאַרפּוצטע כלה

קום צו מיר פאַרפּוצטע כלה
דעק מיר מיט דיין שלייער צו
טרונק מיר אָן מיט זיסען אָטעם
אין דיין שוים זאָל זיין מיין רוה.
לעב מיר אויף מיט דיינע בליקען
האָסט דאָך וועגען גאָר אַ סך
לאָז דיין שענקייט מיר דערקוויקען
מיט געצונגעלדיגער שפּראַך.

זאָג מיר ליבסטע פרויען מוטער,
ברוסט געזעטיגטע פאַר קינד;
באַזיצטו אויך דעם בליק פון פאָטער
צו שטראָפירען פאַר אַ זינד?
ווייל נישט אין שלאָגען ליגט דיין טאַקטיק
אָהן אַ קאַנטשיק הייסטו העלד
בלאָזט אַריין דיין הייסען אָטעם
און אַזוי צעשמעלסטו קעלט.

וואָסזשע זאָגסטו שיינע כלה
דיקטאַטור פו מענטשען־רעכט
קיינען פון דעם שטורעם וועלטעל
ווערט גאָרניט געבאָרען שלעכט?
נאָר צייט און אומשטאַנד האָט דעם מענטשען
מיט בייזען גייסט אין סם גענערט

און אַ לומפּ איז יענער אונמענטש
וואָס וועט דענקען פּונקט פאַרקערט.

אַכט זיסע אותיות

פון אַכט זיסע אותיות חלומ׳ט זיך מיר
און דערפרייהענדיג ווערט מיר מיין שלאָף
פון אַכט זיסע אותיות חלומט זיך מיר
נאָר דער חלום קומט גיך צו אַ סוף.

איך פיהל ווי אַ ווינטעל אין פּנים מיר בלאָזט
דאָך האָב איך קיין סימן פון שרעק
איך האָב דאָס ווינטעל דוכשוועבען געלאָזט
און ס׳איז זיך מיט שנעלקייט אַוועק.

ווינטען נאָך שטאַרקע קומען אין וועג
דאָך בין איך אַלץ שטאַרקער פון זיי
איך גיי זיך געלאַסען און קום צו מיין צוועק
זיי בלייבען מיט ווילדען געשריי.

דער ווילדער שטורעם

איך פיהל ווי אַ שטורעם וואָס רייסט זיך אַרוים
פון אַ געשטויסענער קראַפט און געזעצען
און וויל מיט פאַרפלייצונג דעם ערדישען שוים
מיט הימלישע גייסטער באַנעצען.

איך פיהל זיך אַצינדער ווי אַ שיכורער פלאַם
וואָס וויל אַלץ אין וועג נאָר פאַרצערען
פאַרקיהלען די טיפקייט פון ברויזענדען ים
און די מענטשהייט זייער שלעכטסקייט דערקלערען...

נאָר מיט מעשים

איך וויל מיט מיינע לידער אייער שלעכטקייט פארסאמען
אויסוואָרצלען דאָס פאַלשקייט אין אייך איז פאַראַן
ניט מערדעריש שלאָגען און אויך ניט פארדאמען
נאָר ליכטיגען בלויז אייער געהירען טומאַן

וואָס טויגען די פּלענער וואָס איר מאַכט אויפן קישען
ווען אין אייך איז דער ווילען פאַרהונגערט און שוואַך,
וואָס טויגען די ברעקלעך וואָס איהר שאַרט פון די טישען,
אַז עס פעהלט אוים דער אחדות און שלום ביי אייך.

די וועלט איז אַ רייכע און איהר די נאַראָנים
לאָזט זיך פאַרשלונגען אין אייביגע נויט,
ער ליפּעלט מאַמאָנען און אייך די קבצנים
זאָגט מען גן עדן ערשט צו נאָכן טויט.

גענוג אייך צו דולדען ליידען און שווייגען
און בלויז רעוואָלטירען ביי אייך נאָר אין שטוב.
לאָזט אייך ניט פאַררעדען מיט פוסטע יום-טובים
איהר דאַרפט דעם גן עדן ניט האָבען אין גרוב.

דאָ זאָלט איהר קעמפפען פאַר אייערע רעכטע
צו האָבען אַ הויז אַ שיך און אַ קלייד
די אַרבעטער וועלען אַרוים די גערעכטע
מיט מעשים און מעשים נאָר ניט מיט קיין רייד.

פרייהייט ?

ווער זאָגט אַז די פרייהייט מיינט מאָרדען און שיסען,
פאַרניכטען אַפּראַמען דעם סטרייקער פון וועג,

די סטרייקער ווילען אויך פון לעבען געניסען
און זיי וועלען אונז ברענגען ליכטיגע טעג.

ווער זאָגט אַז די פרייהייט מיינט צו פאַרשליסען
די טירען וואָס פיהרען צום פרידלעכען לאַנד,
און אָרעמע מענטשען דאָס בלוט צו פאַרגיסען
עס זאָגען נאָר יענע, וואָס פעהלט זיי פאַרשטאַנד.

ווער זאָגט אַז די פרייהייט מיינט האַסען דעם אידען
ניט לאָזען דעם שוואַרצען אויסזיינגען געזאַנג,
דאָס זאָגען נאָר יענע וואָס האָבען אין הארצען
פאַרוואַנדעלט רחמנות אין אַ גיפטיגען שלאַנג.

ווער זאָגט אַז די פרייהייט מיינט קידנעפּען קינדער
און לאָזען ביי ליבסטע אין הארצען אַ וואונד,
דאָס זאָגען מאַניאַקעס און ווילדע סאַדיסטען,
וואָס בילען נאָך ערגער ווי אַ משוגענער הונט.

ווער זאָגט אַז די מענער מעגען פאַרשקלאַפען
די פרויען וואָס זוכען דאָס מענטשלעכע רעכט,
דאָס זאָגען נאָר מענער וואָס ווילען פאַרברענגען
מיט אַנדערע פרויען אין זנות דורך די נעכט.

פאַרוואָלקענטע הימלען

די פאַרוואָלקענטע הימלען יאָגען און טרייבען
אַריין אין מיין הארצען אַ שווערען געמיד
און פיינלעכע זיפצען, דערשטיקטע פאַרלאַנגען
דיכטען פאַר מיר אוים אַ טרויעריג ליד,
און געריזנצעלטע שטערענס העלפען באַקלאָגען
די ביין אויסגעטרוקענטע האַנט פון שיקזאַל,

און קאַרטשען מיט ווייטאָג שמערצלעך צוזאַמען
און געבען צו טרינקען פון גאַליגען קוואַל.

די שלאָפלאָזע נעכט פאַרברענען די אויגען
און שטעמפלען סימנים פון ווייניגען רויט,
די פאַנטאַזיע געדאַנקען צעקריצען דעם מוח,
פאַרוויגען און טרייסטען מיט שטילקייט פון טויט.
נאָר די יוגענט פאַרמעסט זיך מיט קלוגע געדאַנקען,
געוואונען מיט שטאַרקייט די מאַכט איבער איהר,
מיט באַגייסטערטען פייער און מעכטיגע כוחות
וועט זי אויסקעמפען אַ טרייסטונג פאַר מיר.

ווייל מער ווי מיט שריפטען קען איך ניט שטראָפען
די הערשער וואָס האָבען די רויבערשע מאַכט
דאָך וועלען פאַרשווינדען די אַלע טייוואָלים
צוזאַמען מיט זיי אויך די פינצטערע שלאַכט
יאָ, האָפען און קעמפען דאָס קענען די יונגע,
צו האַקען די דערנער וואָס ליגען אין וועג,
דאַן וועלען דערשיינען פאַר די אַרבעטער מאַסען
פרידלעכע גליקלעכע פריידיגע טעג.

מיינע פריינד

אַ דערשטיקטער זיפץ פון טיפען ברוסט
אַ שמייכעל פון אַ בלוט שטורץ הוסט,
אַ מוסקעל וואָס איז האַרט ווי שטיין
זענען מיינע פריינד אַליין.
דיין ליגען טיף אין וויגעל־ערד
און מיטן קאָפּ אַראָפּגעקערט,
און דער געשריי דאָרט אונטער דיר
שאַפען פיין און ווייטאָג מיר.

דער כוח וואָס מאַכט דיר אויפגעקלערט
אַ זעלבסט קאָנטראָל, אַנטקעגען שווערד
אַן אויג וואָס זעט, אַ האַנט וואָס שאַפט
פליסיגען דאָס שרייבער קראַפט
אַ טריבער קוש פון דיין מידער ליפּ.
דער גליוועד טרער פון דיינס אַ כליעפּ
און בלויער אָדער פון דיין האַנט
האַלטען תמיד מיר געשפּאַנט.

און ווען דו ליגסט אין קלאָרען בעט
און זייגער ווייזט עס איז שוין שפּעט
די אויגען רויטלען שוין ביי דיר
ביסטו אַלץ נאָך וואַך ביי מיר,
ווייל וואָס נאָך האָב איך אויף דער וועלט
וואָס איז אויף רשעות אויפגעשטעלט
אַחוץ די זון וואָס אָפּטמאַל שיינט
און אייך אַרבעטער פאַר מיינע פריינט.

דער דזשעיל

ווי אַ צאַרטע ליבע מוטער נעמט די קינדער אויף איר שויס
אַזוי ווייזט דיר דעם ים אין זומער פריינטשאַפט צערטלעכקייט אַרויס.
הערסט דאָס רוישען פון די כוואַליעס, אויסגעמישט מיט אַ געזאַנג
און בחורימלעך און מיידעך קאָקעטירען מיט דעם קלאַנג.

אַ גאַנצע וואָך זיי זיצען נעבעך אין דעם שוויצען דזשייל פאַרשפּאַרט
ווי די שטריכען פון דעם לעבען האָבען שווינדלעריש פאַרנאַרט
אויסגעווייקט אין שווערען אומעט, ווערט דער מענטש נאָך אַלס קינד
וויל מען פון דעם גליק געניסען, שרייען הערשער ס'איז אַ זינד.

רייכע שטאָלצע שיינע דאַמען ווערען פון דער דינסט געצירט
ווערען זינד דאָרט פיל באַגאַנגען, ווערט פון געלטען גאָט באַשמירט.

דאָך ס'איז קיין חכמה ניט צו שווייגען, עפּעס מוז ווערען געטיהן,
זוכט דעם עפּעס אונטער האַמער אין די שעפּער ביים מאַשין.

קאַפּיטאַל און אַרבעט

זיין גאַנץ לעבען איז געפּוידערט, זוכט און נישטערט לייכטען פלווירט
וויל מיט רייכטום אַלץ פאַרגלעטען, זינדיגען ביז מיאוסען קויט
נאָר דער אַרבעטער אין קייטען האָט געמיטלעך זיך אַ פּרוי
ווערט פאַרשוואַרצט דאָרט ביי זיין אַרבעט
אויסגעטרוקענט ווי אַ שטרוי.
ווייסט קיינמאָל ניט פון קיין לוקסעס
פילט קיינמאָל דעם טעם פון פרייד
נאָר מיט טרערען אָבער ערלעך
ווערט דער טיש פאַר אים געגרייט.

לאַנג און שווער זענען די ליידען, דאָס לעבען זיינס איז זייער קורץ
אָפּט צו ענדע שטאַרבט דער קעמפער, פון אַ געדיכטען בלוטענשטורץ
וויינט דאָס ווייב, עס בלייבט יתומים, עלענד אויף דער וועלט אַליין
אָהן דעם טאַטען דעם פאַרזאָרגער, נעמט זיך אָן פאַר זיי אַ שטיין,
אָך דו וועלטעל, דו פאַרפירטע, ביסט מיטן רייכען שותפים נאָר
האָסט דעם קבצן גאָר פאַרזען, און ער פּלאָגט זיך אַלע יאָר.

שטיינערנע הערצער

דיין האַרץ איז געוואַקסען פון שטיין
און מיטלייד פון דיר איז גאַנץ ווייט,
דו ביסט דאָך קיין מענטש ניט אַליין
און געלט איז די ווערט פון דיין צייט.

ס'איז דיין גוטסקייט מיט גיפט אויסגעמישט
דער אמת מיט שקר באַקליידט,

בייטאָג רייסטו פון מענטשען די הויט
און זינדיגסט ביינאַכט שטילערהייד.

דיין פריינד ליגט באַהאַלטען גאַנץ טיף
ניין איילען דאָרט אונטער דער ערד,
און אַלעמאָל ווען דו ווערסט פעט
שפילט מען אַ ווערים קאָנצערט.

מיר קענען דיר אייביגער שלאַנג
מיר ווייסען דיין בלאָף און באַריר,
ס'איז קופּער דיין איינציגער קלאַנג
דו בלוטיגער זויפען־וואַמפּיר.

נאָר ווען נאָהענט וועט קומען דיין טאָג
פאַרטונקעלט וועט ווערען דיין וועלט
אָנשטאָט הערען געוויין מיט אַ קלאָג
מען האָט אים אין דרערד מיט זיין געלט.

פאַרטרערנטע אויגען

ווען דיינע אויגען ווערען פאַרשווימען אין טרערען
און דיין האַרץ גייט אוים פון פאַרדרוס
אַזוי פיל איך דאַמאָלט ווי די וועלט צו צעשטערען
און מאַכען צו אַלדינג אַ שלוס
איך הויב ערד ווי אַ מענטש הויבט אַ פעדער
ווי אַ שיכור וואָס פאַלט פון די פים
פאַרניכטען די וועלט איז מיין נדר
און דאָס איז ניט קיין קינדערש קאַפּריז.

ווייל איך קען שוין דיין לאַסט ניט פאַרטראָגען,
עס שטעכט ביזן ביין דיינס אַ טרער,

נו גענוג שוין צו וויינען און קלאָגען
איך קען עס ניט הערען שוין מער.
פאַרפולט איז געוואָרען דער בעכער
עס קייקלען די טרערען אַרויס
איך וועל באַלד פאַרניכטען די שטעכער
די דערנער פון ערדישען שוים.

צו איר

ווי שיין ווי ריין ווי פיין דו ביסט,
גיבסט לעבען פרייד און גליק אומזיסט
דיין ברוסט איז ווייס און קלאָר ווי שניי,
און ווען עס וויל דער זויגט פון זיי
אַנטבלויזט זיך ביז דעם אונטערהעמד,
קיין זאַך איז דאָך פאַר דיר ניט פרעמד,
עס האָסט דיר בלויז נאָר דער וואַמפיר
וואָס שותפות מאַכט מיט דעם גביר.
נאָר שקלאַפען יאָך און אויבערמאַכט
פאַרשווינדען וועלען איבער נאַכט.
זיגען וועסטו ליבסטע מיין,
פרייהייט גייסט פון זונען שיין.

גרויע האָר

ווען דו שלאָפסט איין שוין אַ מידער, און גֶעניסט פון דרימעל געטראַנק
דאַן שאַף איך די אַרבעטער־לידער, פאַרקנעטענדיג דיר אין געזאַנג.
איך קען דיינע סודות די שטילע, חלומות וואָס חלומען דיר,
דו האָסט דעמאָלט קיין אַהנונג אַפילו, אַז זיי ווערען
פאַרצייכענט ביי מיר.

און ווען נאַכט געבירטיגט פרימאָרגען און גייסט פון געלעגער אַראָפּ
קליידט איך זיך אָן אין דער לופטען און טראָג זיך מיר
שטילערהייט אָפּ.
איך לופטיג אַרום אין די גאַסען, ביז די שטערען באַווייזען זיך קלאָר,
באַטראַכט דאַן די אַרבעטער-מאַסען, און באַוויין יעדע גרוילעכע האָר.

פון שטויב און ערד

(מאָנאָלאָג פון צייט צו די רייכע קמצנים)

כ׳לאָז דיר גיין די טרעפּ אַרויף, און ווען דו גרייכסט שוין אויפן שפּיץ
קלאַפּ איך אַראָפּ דעם פונדאַמענט און צעברעכט דאַן פיס און הענט.
ווייל פון שטויב און ערד שטעל איך דיר אויף צו שטיצען אָרעמע
אין נויט
קערסטו גאָר אָפּ מיט שטאָלץ דיין קאָפּ, און פאַרהונגערסט זיי
גאָר ביז צום טויט.

טו איך זיך באַלד צו דיר אַ נעם, באַפלעק מיט שאַנד דיין
שטאָלצע פאָן
מאַך דיר אָרעם ווי די נאַכט, איך טו אַ טאַרבע אויף דיר אָן.
און פיל צוריק די נויט און פיין, אין זייער רייע שטעל זיך אויס,
ווייל אַלץ באַדאַרף אין גלייכען זיין, שוואַך און שטאַרק,
קליין און גרויס.

דריי צייטען

איך האָב אין דריי צייטען אויסגעוויינט מיין ליד
וואָס האָט געבריט אין אַלע מיינע אברים,
נאָר די ווילדע גאַס איז געבליבען קאַלט ווי שטיין
האָב איך געבלאָנדזשעט מיט מיינע יסורים
איבער וואַרעמע צעאַקערטע ערד גאַנץ אַליין...

די פרייהייטס פאָן

אַפּטמאָל הער איך קלאַנגען
פון נאָהענט און פון ווייט
אַרבעטער געזאַנגען
פון שווערן יאָך באַפרייט,
הויבט אָן מיין נשמה
שפּילען מיט טאַקטיק
זע איך ווי די מענטשהייט
טיילט זיך איין מיט גליק.

שטיי איך פון דער ווייטען
און קוועל מיט שמחה אָן,
דערלעבט גוטע צייטען
עס הערשט די פרייהייט פאָן
לאָמיר גיין א טענצעל
וואָסזשע שטייט איר וואָס
מען האָט דאָך שוין צעשמעטערט
פון שקלאַפעריי דעם שלאָס.

קומט טרינקט מיט מיר לחיים
און זאָל זיין צום געזונד
צו דעם דור דעם נייעם
צו אונזער שטאַרקען בונד
מיר האָבען דאָך פיל יאָרען
קעמפּענדיג פאַרבראַכט
אַצינד איז טאָג געוואָרען
פאַרשוואונדען איז די נאַכט.

איך זעה דיך מענטש

איך זע דיך מענטש
אין טויזענט יאָר

דיין גרויסען קאָפּ
דיין קליין פיגור.
איך זע דיין אויג,
איך זע דיין נאָז,
איך זע דיך פּונקט
ווי דורך אַ גלאָז.

איך זע דיין פלי
צום הימעלס הויך
דיין קלאָרען מוח
דיין שטאַרקען כוח.
איך זע דיין טאַט
און הער דיין וואָרט,
אַז שלום, אחדות,
הערשט נאָר דאָרט

איך זע דיין שפּייז,
איך זע דיין הויז
וואָס איז ווי
אַ בינשטאָק גרויס
כ׳זע דיינע הענט
די טריט, די פיס
איך רוף דיין וועלט
אַ פּאַראַדיז.

דער נס...

מיין פאָלק, דו מיינסט אַז דיר איז ביטער
און דיין אייביגקייט געשטערט;
אַז עס האָט זיך גאָטס השגחה
פון דיר אינגאַנצען אָפּגעקערט?

האָסט אַ טעות, ברודער מיינער,
ערגעץ צינד אַ ליכט זיך אָן,
וואָס באַלייכטען מיט קדושה
וועט דיין מגן־דוד פאָן.

ווען אונז טויזענט חיות פרעסען,
און שרפות ברענען לייב און ביין
וועלען מיר זיי אויף להכעים
לסוף הדורות ווידערשטיין!

עם ישראל דו ביסט אייביג!
דיין בטחון ווי אַ ריז
אוראַגאַנען און וואולקאַנען
וועלען דיך ניט וואַרפען פון די פיס.

ס'האָבען צייטען שוין באַוויזען
על פי טבע, און על פי נס,
וואָס מער מען זוכט אונז אונטערגראָבען
מאַכען מיר אַלץ מער פראָגרעס.

איך בלייב אַ סאָלדאַט

ווי לאַנג ס'וועלען הערשען מאָרד און כעס
קנאה־שנאה, ראַסען האַס,
פיין און טרערען צער און נויט
רויב און גאַז און אויוועץ טויט,
וועל איך שמידען וואָרט און טאַט
און בלייבען ווייטער סאָלדאַט.
יאָ אַזוי לאַנג ס'וועלען הערשען מיין און דיין
און מאָרד וועט שאַרפען זיין כלי זיין
שקלאַפעריי און וועלט צעשטער

און פראָפיט לוסט פון מיליאָנער
און געגען אמת האנט גראַנאַט,
וועל איך בלייבען אַ סאָלדאַט.
ווי לאַנג ס'וועט לעבען קאַפּיטאַל מיט זיין פינצטערער מאָראַל
מיליטער פון רעאַקציאָנער
וואָס מאַסען גיפט איז זיין באַגער
וועל איך דינען פאָלק און שטאַט
און בלייבען ווייטער אַ סאָלדאַט.
ביז דו וועסט ניט וויסען דעם באַדייט
פון פרייהייט — גלייכהייט — גערעכטיגקייט,
ניט האַסען מער קאָלירען הויט
אַז דער פאַשיזם זאָל זיין טויט
און ווי לאַנג ס'וועלען אידען נאָך זיין נע-וונד
וועל איך בלייבען אַ סאָלדאַט.

ווערטער מיינע . . .

ווערטער מיינע, אייער שליחות אויף דער וועלט
איז דורכצובויערען טויבע אויערען —
ווערטער מיינע, איר גליהענדיגע פונקען
צעשמעלצט די פאַרגליווערטע מוחות
צעשטערט און פאַרניכטעט אַלע פינצטערע כוחות,
ווייל פון מזרח און פון מערב
פון צפון און פון דרום
טראָגען זיך קולות פון פריצייטיגע קברים
פאַרטרייבט די בייזע שטורעמדיגע ווינטען
וואָס האַלטען צוריק די רעדער פון פּראָגרעס,
פאַרטרייבט זיי דורך אַרבעט און אייניגקייט
און ניט דורך קיין נס —
ווערטער מיינע,
איך באַשווער אייך ביי הימעל און ערד

און ביי די קרבנות וואָס זענען געפאַלען
דורך פייער דורך ביקס און דורך שווערד,
אַז איר זאָלט אין שטילקייט ניט פאַרבלייבען
ביז איר וועט די מענטשלעכע שטיינערנע הערצער צערייבען!
און די ווערטער מיינע האָבען געענטפערט
יאָ — דיין ווילען וועט געשעהן
וואו דו וועסט אונז שיקען אהין וועלען מיר גיין.
מיר וועלען וואַנדערען פון מענטש צו מענטש,
מיר וועלען גיין ביי טאָג און ביי נאַכט
אין היץ און אין קעלט
מיר וועלען ניט רוהען ביז מיר וועלען אויסקעמפען
אַ שיינע און ערלעכע פרייערע וועלט...

דער גן עדן

איך בין ניט געקומען אהער באַזינגען די שטערען און פלאַנעטען,
ווי אַמאָל די פּאָעטען
וועלכע האָבען זיך געזעטיגט מיט געגוס פון דער געטלעכער יצירה
און געזונגען צו איר שירה.
ניין, דאָס איז ניט דעם דיכטערס וועג, אין די איצטיגע טראַגישע טעג.
ווען מ׳איז אַרומגערינגעלט פון רעאַקציאָנערען און באַנדיטען
און פון בייזע אַנטיסעמיטען
קען מען ניט זינגען פון הימעלס מאַיעסטעטען, פון פרויען
און פון וויין און פון גאָלדענע קאַרעטען,
ווען דער הימעל איז פאַרוואָלקענט פאַר דעם אתה בחרתנו
קען מען ניט מאַכען אויף אים קיין שהחינו.
איך בין אייך געקומען אויפקלערען — צעשטערען און פאַרניכטען
דעם בייזען גייסט
וואָס שפּייזט אייער מוח און געדאַנק ווי די גיפטיגע מיקראָבען
אין דעם סם פון אַ שלאַנג
איך בין אייך געקומען זאָגען, ברידער-קינדער פון איין מאַמען
מיר מוזען זיין פאַראייניגט — מיר מוזען זיין צוזאַמען

גענוג געפּירט מחלוקת ווי קאָשמאַרען אין אַ חלום,
קינדערלעך, מיר דאַרפען אַלע לעבען זיך בשלום.

איך בין נישט געקומען אַהער אייך פאַרגעלטען און מאַכען
קאָמפּלימענטען
דערפאַר ווייל איר האָט זיך דערוואַרטעט פון אידישען בוך,
טעאַטער און קולטור
וואָס חכמים שאַפען און האָבען געשאַפען זייט טויזענטער יאָר,
אָדער אייך צערטלען און בעטען — מענטשען קערט זיך צוריק
צו גאָט און זיין געבאָט
ווייל דאָס וועט פריער צי שפּעטער מוזען געשען.
און דער מענטש וועט צוריק צו דער געטלעכקייט גיין.

איך בין אייך געקומען שטראָפען און דערקלערען, כאָטש אַ סך
וועלען שונאים מיר ווערען
פּונקט ווי אַ קינד איז אין כעס, ווען די מאַמע האָט אים
געכאַפּט אין גאַס
און אַנגעהויבען צוזאָגען ער זאָל אויף זיך די בלאָטע נישט טראָגען.
איך בין אייך אויך נישט געקומען מיט יענער וועלטיגע
גהינומס דערשרעקען
ווי אַמאָל אייער זיידען
איך בין אייך נאָר געקומען זאָגען און בעטען
ברידערלעך — שוועסטערלעך געסטעלעך —
לאָמיר מאַכען פון דער וועלט אַ גן עדן.

מיין הייליגע שבועה

איך בין ניט קיין נביא, און אויך ניט קיין זון פון קיין נביא
נאָר אַ מענטש וואָס טראָגט אויף זיך דעם סימבאָל
פון זיין פאָלק ישראל
און אַלס איד גיב איך אייך מיין הייליגע שבועה,
אַז וויפיל מיר וועט זיין באַשערט, צו לעבען אויף גאָט'ס ערד

וועל איך רופען מענטשען צוריק צו דיר, אָה גאָט, און
צו דיין געטלעך געבאָט
און מעגען אַ סך פון מיר שפּאַטען און לאַכען און אַפילו חוזק מאַכען
וועט דער בורא און די תורה שטיין העכער ביי מיר
פון דער גאַנצער וועלט, מיט מיליאָנען געלט.
ווייל ניט בלויז עסען טרינקען און קליידען
איז דעם מענטשענס גאַנצער פאַרלאַנג,
עס איז דאָ נאָך אַ העכערער גייסטיגער געדאַנק,
אַ טיפזינגער געדאַנק וואָס ציט אַ מענטשלעכע נשמה צו דערהויבען
צו אַ ליכטיגען הימעלשען גלויבען —
און קענען אַ סך פרעגען פאַרוואונדערט
ווי קומט עס, אַז אין צוואַנציגסטען יאָרהונדערט
אין אַ צייט פון טעכניק און אַטאָמען,
אין אַ צייט ווען מען וויל אַפּלייקענען גאָטס נאָמען
זאָלען מענטשען דורך לידער און שריפטען, צו גאָט אליין דיכטען?
וועל איך ענטפערען יענע סייענטיסטען און אַטעאיסטען,
אַז עס וועט זיי קיינמאָל ניט איינגעבען
דעם אידישען דת איבערצולעבען,
ווייל ווי מען זאָל אונז נישט יאָגען און פּלאָגען און זיין אונטער קלעם
זענען מיר זיך אַלץ מקריב על קידוש השם.
די אידישע אמונה, ווי עס דאַכט זיך אויס, ווערט וואָס אַמאָל
בלאַסער און בלאַסער
דאָך וועט זי אַרויפשווימען ווי בוימעל אויף וואַסער
דערפאַר ווען מיין לעצטע שעה וועט אין מיינע טירען אָנשלאָגען
וועל איך מיט הייליגע פרייד אין מיין צוואה אָנזאָגען
אַז איך וויל ניט קיין לידער, קיין בלומען טראָמפּייטען
נאָר דיין געטלעכע אמונה, זאָל מיך צום קבר באַגלייטען...

קומט לאָמיר גיין

קומט לאָמיר גיין אין שול אַריין צוריק
דאָרט איז אונזער גלויבען, דאָרט ליגט אונזער גליק,

גענוג שוין געבלעטערט אַלץ וואָס איז פרעמד
און אונזערס צעשמעטערט מיט אייגענע הענט.

וואָס טויג אונז מלבושים פון פרעמדען פאַסאָן;
ווען מיר האָבען בעסערע קליידער אויף זיך אָנצוטאָן.
מיר טאַנצען באַגייסטערט אַרום פרעמדע קולטור
ווען מיר האָבען אַ רייכע אייגענע ליטעראַטור.
חומש מיט רש״י, גמרא, תנ״ך,
מדרש, יורה דעה, אַ ט״ז און אַ ש״ך.

טויזענטער ספרים אָהן שיעור און אָהן צאָהל,
פאַר ווענען, פאַר וועמען, אויב ניט פאַר ישראל!
פאַר וועמען דער שוחט דער חזן דער רב
טלית און תפילין דער כיבוד האב?
אה זאָל אייך ניט אַרען דער אַפיקורס קריטיק
קומט לאָמיר גיין אין שוהל אַריין צוריק.

שענקט מיר אַ האַרץ

שענקט מיר אַ האַרץ אַ זיפץ און אַ טרער
די לופטיגע כוואַליעס צו אייער געהער
העלפט יענע קרבנות מיט ברויט און מיט קלייד
נישט בלויז מיט רחמנות וואָס ליגען אין רייד,
דער ווינטער קומט אָן מיט זיין פראָסטיג געשטאַלט
ווי קען אייך זיין וואַרעם ווען זיי וועט זיין קאַלט
ווען זיי וועלען פרירען מיט ציטער פון קעלט
וועט פאַלען די שולד אויף אונזער זייט וועלט.

עס מוז אונזער הילף זיי דערגרייכען נאָך היינט
מיר זיינען די טאַטעס די מאַמעס און פריינד
שטיצט זיי וואָס גיכער ניט פלאַנעוועט לאַנג

מלך עוזר

דערלאָזט ניט אַ פאָלק צו טויט אונטערגאַנג
זיי שטרעקען די הענט, צו אייך איצטער אויס
אידען — רחמנים העלפט אונז אַרויס
מיר זיינען צעבראָכען אָרעם און שוואַך
וועט איהר אונז העלפען וועט גאָט העלפען אייך.

פאַרדרייט די יוצרות...

פרייהייט, מיינט ניט: אַפּיקורסות, עסען טריפות — בשר קוויטש,
צונדען לעמפּלעך — שטעלען בוימער — בלאָזען טרובקעס, —
מיטנאַכט ספּיטש.
פרייהייט מיינט גישט: שפּילען קאָרטען, פערד — מאַשינען, ווייך
און זנות
עסען פרעסען, גאָט פאַרגעסען, און דיסקוטירען פּוסטען שמיאוס...

פרייהייט, מיינט ניט: פליאַטקעס טראָגען, פירען קריג,
אַ שטאָך אין זייט
שאַרען פיסלעך, פינטלען אויגען, קרומען ליפען, זיין פאַרשייט.
פרייהייט, מיינט ניט: בלוט פאַרגיסען, שקר — תאווה כאַפּעריי
ווייל אָט די אַלע פרייע זאַכען, ווערען אָנגערופען שקלאַפעריי.

ביסטו אַ קנעכט צום יצר הרע. דינסטו צו אים ווי צו אַ גראַף,
וויזשע קענסטו וועלט באַפרייען, ווען דו אַליין ביסט נאָך אַ שקלאַף?
פּוץ נאָר אויס דיין אייגען פענצטער, טרייסעל אָפּ די שטויב פון דיר,
ווייל ווער עס קעמפט פאַר יענעמס פרייהייט, באַפרייט מוז דער
אַליין זיין פריהער...

פרייהייט, מיינט: באַהערשען תאוות, וואָס בונדען אונז
אַרום מיט שטריק,
קאָנטראָלירען יענעם טייוועל, וואָס שטעלט זיך קעגען אונזער גליק.

די צרה איז, מיט אונזער וועלטעל, ווייל די יוצרות האָבען
מיר פאַרדרייט,
שקלאַפעריי, הייסט ביי אונז פרייהייט, און פרייהייט הייסט
ביי אונז אַ קייט...

משיח וויל קומען...

משיח וויל קומען, נאָר מען האַלט אים צוריק
מיט זינדיגע מעשים מען טויטעט זיין בליק
פרעגט ביי דאָקטוירים, פרעגט אין אַפּטייק
ביי פעלדער און וועלדער ביים ים ביי דעם לייק
זיי וועלען אייך זאָגען מיט וויטאָג אין קול
געוועז איז משיח שוין טויזענטער מאָל
ער האָט זיך באַוויזען אין אַ פליסיג געשטאַלט
נאָר עס האָבען רשעים פאַרניכטעט אים באַלד,
נאָר אפשר אַנטרעפען וועט ער אַזאַ פּאָר
וואָס וועלען אים פּאָרט ניט אָפּקירצען די יאָר.
דאָס מיינען חכמים מיט זייער מאמר אין ליד
אַז משיח וויל קומען — נאָר ער איז נעבעך געשמיד.

אַפילו גאָט האָט חרטה...

גאָט האָט פון ערד אַ מענטש געמאַכט
און צו די חיות אים געבראַכט
באַטראַכטען זאָלען זיי די קרוין
פון אויפגעשטעלטען מאַנספאַרשוין
האָט אַ קלוגער פוקס אים קריטיקירט
און זיינע מעשים פּראָפּיצירט
ניט פריי זיך גאָט, מיט דיין באַשאַף
וועסט ווערן נאָך ביי אים אַ שקלאַף

באַדענק זיך גאָט ס'איז נאָך ניט שפּעט
אַנטפּלעק אים ניט דעם וועלט סעקרעט
צי זעסטו ניט אויפן מענטש פון ערד
איז אויסגעמאָלט אַ רויטע שווערד
פון וועלכע אַ ים מיט בלוט עס פליסט
און פּלאַנט די וועלט צו מאַכען וויסט
גאָט האָט זיך צום פּוקס ניט צוגעהערט
און דעם מענטשן ניט צעשטערט
אָבער זייט יענער צייט רוט גאָט ניט איין
און ער קען זיך אַלץ ניט מוחל זיין.

אפשר ווייזט זיך אונז אויס

אפשר ווייזט זיך אונז אויס אַז מיר זענען דאָ
און אין ווירקליכקייט אמת זענען מיר גאָר נישטאָ,
וועל ווער קען זיך דערגריבלען צום ערשטען יסוד
צום יצירת הבריאה, צום סוד וואָס הייסט גאָט
מעגלעך דאָס פאַרשען דאָס זוכען די מי
איז נישט מער ווי אַ חלום אַ שטיק פאַנטאַזיע
נאָר צוריק געשמועסט אויב ס'איז נישט מער ווי אַ פלעי
פאַרוואָס אַז מען שלאָגט אונז — טוט אונז אַזוי וויי?

די געטלעכע שריפה

ס'איז דאָ אַזאַ שריפה, וואָס ברענט דיין געביין
אַ שריפה וואָס שכל קען ניט פאַרשטיין
די שריפה הייסט גלויבען, וואָס ציט און עס בריט
זע, זאָלסט ניט פאַרלעשען דאָס פינטעלע איד.

עס האָט שוין היסטאָריע באַוויזען פיל מאָל
די אייביגע פאַקטען פון דרך ישראל

אַז קוים גליטשט זיך נאָר יעקב אַראָפּ פון זיין וועג
ווייזט אים די צוקונפט פאַרגאַנגענע טעג.

ווייל דאָרט וואו ס'איז גלויבען, געפינט זיך אויך פרייד
אמונה — בטחון פאַרגרינגערען לייד —
וואָס טויגען די חקירות, צי ס'איז דאָ, צי ס'איז ניט,
דו ביסט אַ ישראל — טו לעב ווי אַ איד.

זאָג ניט אַז אידיש איז מער ניט קיין שפּראַך
אַז אידישע טראַדיציע פאַר דיר איז צו פלאַך
קענסט מאַכען זיך ווייס, שוואַרץ, גרין און רויט
וועסט קיינמאָל אַרויס, פון דיין אייגענער הויט.
קוים וועסטו פאַרלעשען די שריפה וואָס ברענט
האָסטו זיך ביים לעבען אַליין שוין פאַרלענדט
נישטאָ מער קיין האָפען קיין עונש קיין שכר
האָסט נישט געלעבט ווי קיין חכם און געשטאָרבען אַ נאַר.

פאַנטאַזיע — הכל אין...

דער „יש מיטן „אין" ליגען אין „זין" און שרייען
נישטאָ קיין דאָרט קיין דאָ — עולם הזה, עולם הבא
שקר, הבל הבלים, דמיון, חלום.
די פאַנטאַזיע הכל אַין, דאָס גאַנצע בויען.
און איך אַליין נישט געווען, ניט גרויס נישט קליין,
אומזיסט דעם מענטשענס מי
אַלץ פאַנטאַזיע —
גן עדן — גהינום — דין ומשפט —
מענטשלעכע פאַרלאַנגען
אויף די הימלען אויפגעהאַנגען...
פאַנטאַזיע — הכל אַין...
אַלץ אמונה...

מלך עוזר

דו גלויבסט אין תחית המתים

גלויבסט אין תחית המתים —
ניין, איך יאָ.
פאַרוואָס ניט?
אויב אין סוד איז גאָט, אין וואָרט געבאָט
איז על פי רמז שם אחד
אויב פון אַן אין, איז געוואָרען אַ יש
און פון אַ יש ווערט צוריק אַן אין
פאַר וואָס זאָל ניט קענען זיין קיין תחית המתים?

אַז פון וואַסער ערד און אויך פאַרקערט
וואָס וועלט געזעץ האָט אויסגעקלערט
פון פריער געבוים — דערנאָך צעשטערט
פאַרוואָס זאָל ניט קענען זיין קיין תחית המתים.
אַז פון אַ זאָג אַ טאָג
פון אַ יהי אַ ויהי —
אַ דומם אַ צומח — אַ חי אַ מדבר
און ווידער אויף צוריק — אַזוי גלגלדיג
פאַרוואָסזשע זאָל איך ניט גלויבען אין קיין תחית המתים
און אויב אַלץ איז אַ חלום — אַ הבל הבלים
דערפירט כאָטש דער גלויבען, ביז צו עליו השלום
איר פאַרשטייט?
הייגט פאַרוואָס זאָל איך ניט גלויבען אין קיין תחית המתים.

גאָט וועלט און וויסענשאַפט

די וועלט איז אַ חלום, אַ גאָרטען פון פלאַנצען, אַ מיסטעריז
געפינזועלטער סוד
און דעם וואָס געדאַנק קען ניט דערגרייכען, הייסט ביי די גלויביגע גאָט
די וויסענשאַפט זוכט מיט מעכטיגע כוחות, צעשטערען
דעם גלויבען זאָפאָרט

מיט חשבון זיי שוועבען אין די הויכקייט פון הימעל, און זוכען
די געטלעכקייט דאָרט.
זיי זאָגען זיי האָבען דאָרט קיינעם געזען, נישטאָ דאָרט
קיין טויער קיין טיר
עס איז דאָרט נישטאָ קיין כסא הכבוד, וואָס איינער
זאָל זיצען אויף איר,
די פאָרשער זיי זענען צום ענדציל געקומען אז אַלץ איז גאָרניט
א נאוט
דעפּאר ווילט זיך שרייען חכמים גדולים — דער גאָרניט איז
טאקע דער גאָט.

איך פאַרשטיי ניט

איך פאַרשטיי ניט.
פאַרוואָס שלאָגט זיך אַ איד חטאתי?
אַ איד גנבעט ניט הרגעט ניט
רעדט ניט קיין לשון הרע,
האָט ניט קיין עין הרע
און גלויבט אין בראשית ברא
פאַרוואָסזשע פאָרט, שלאָגט זיך אַ איד חטאתי?

ווייל אַ איד איז שוין אַזוי צוגעוואוינט, אַז מען זאָל אים שלאָגען
אַז אַפילו ווען קיינער שלאָגט אים ניט
שלאָגט ער זיך אַליין —
איר פאַרשטייט — איך פאַרשטיי ניט.

איינגערעדט

איך האָב אָפּט אַליין זיך איינגערעדט
אַז איך ווייס אַז איך קען, אַז איך פאַרשטיי
אַז איך בין אַ חכם גדול מאוד.

הכלל אַז נאָר איך אַליין בין לויטער איך
אָבער שפּעטער קלעטערענדיק אויפן פערטען שטאָפּעל
האָב איך אויפגעפונען
אַז איך בין נישט קיין גאַנצער איך
אַז עס איז דאָ אַ שטיקעל דו אויך
און אַז איך קען גאָרניט,
טאָקע גאָרניט
אָבער ג־אָ־אָ־אָ־רנישט — נאָטהינג!...

נאַטור־געזעץ

ווען נאַטור־געזעץ האָט אַ שטוים געטאָן יענע געטלעכע קראַפט מיט פערציק יאָר צוריק אַז אַ מענטש זאָל באַשאַפען ווערען — האָט זיך אַ טראַגישער קול דורכגעריסען דורך אַלע זיבען הימלען שרייענדיק באַשאַף מיך ניט — איך וויל ניט אַרומבלאָנדזשען אויפן עולם הטועה — אויפן עולם השקר — איך וויל ניט אָטעמען די פאַרפּעסטעטע לופט פון נייַנצענטען יאָרהונדערט — איך וויל ניט לעבען אין אַ וועלט ווי עס וועלען הערשען אומנאַטירלעכע בעסטיאַלע אויסוואורפען געפּאַנצערט מיט מענטשלכע פּנימער אויפגעשטעלטע חיות וואָס טראָגען כלומרשט דעם שטעמפּעל פון גאָט — דער געשריי פון יענער נשמה איז אָבער נישט דערהערט געוואָרען — דורך פאַרשיידענע גילגולישע פּראָצעסען האָט ער זיין איצטיגע פאָרעם אָנגענומען, איצט דרייט זיך אַרום יענע אומגליקלכע נשמה אָנגערייפעלט מיט זיין מאָגערע בינטעל ביינער אויף אַ ערד פון בלוט און שווערד און שעלט די בייזע מאַכט וואָס האָט אים צו זיין איצטיגע שטופּע געבראַכט, און ווייסט איר מיינע ליבע געסט, אַז ווען יענע נשמה דרייט זיך אַרום אייערע טישען און נעמט צו די געשירען פליהען זיינע געהירען אין די הימלען און ציען אַרונטער הויכע רעיונות פון הימלישע מקומות און ווערען פאַרוויקעלט אין זילבען און אין גראַמען

ניט ווי אַזוי די מענטשען פאַרניכטען נאָר לידער צו דיכטען,

שריפטען וואָס זאָלען דעם אמת אויסטייטשען
און ברענגען צו קבורה די טייוועלשע בייטשען
וואָס האַלטען דער מענטשהייט זייט יאָרען געפאַנגען
און איז צו אַ צייט ווי סדום שוין דערגאַנגען
און דערפאַר טאַקע האָט זיך אַ קול געריסען מיט וויטאָג און צאָרען,
ווייל פון דער נשמה איז שפּעטער אַ באָס באַי געוואָרען.

וואָס איז אַ מצוה?

וואָס איז אַ מצוה, דאַכט זיך אַ קלייניגקייט, האַ?
עס געווענדט זיך ווי אַזוי מען קוקט אויף אַ מצוה,
קוקט איר מיט אַ מיקראָסקאָפּ אויף אַ מצוה
איז די מצוה אַ גרויסע
קוקט איהר מיט אַ טעלעסקאָפּ אויף אַ מצוה
איז די מצוה אַ קליינע
אָבער וואָס איז אין דער אמתן אַ מצוה?
וועלען מיר קודם צעגלידערען אַ מצוה
אָנטאָן דעם ווייסען מאַנטעל, סטעראַלעזירען די אינסטרומענטען
אור דורכפירען אַן אָפּעראַציע אויף אַ מצוה.
שאַ וואָס פאַר אַ מצוה זאָלען מיר נעמען —
מיר וועלען נעמען צום ביישפּיל, אַ היטעל,
ווייל אַ איד טאָר ניט גיין אָהן קיין היטעל.
און ווען ער גייט יאָ אָהן אַ היטעל — ווי ליגט דאָס אומגליק?
וואָס פאַרלירט גאָט אַז אַ איד טראָגט נישט קיין היטעל
און וואָס קען אַ היטעל העלפען דער מענטשהייט?
הכלל הערט:
ווען אַ מענטש טראָגט אַ היטעל, דאַרף די היטעל געמאַכט ווערען
פון אַ קירזשנער, דער קירזשנער דאַרף האָבען אַ שער — אַ מאַשין,
נאָדלען פרעסאייזענס — פלאַץ מאַטעריאַל — שאַכטלעך — מאַ-
טעריאַל דאַרף האָבען ווער עס זאָל עס אויסאַרבעטען און דאָס איז
אַ מעשה אין לשער — און ביי יעדע מלאכה וואָס מען דאַרף

צו דער היטעל דאַרפען האָבען מענטשען און מענטשען האָבען פאַ־מיליעס און פאַמיליעס האָבען מיילער או מיילער ווילען עסען און אַז עס איז נישטאָ קיין עסען ברענגט עס צו קריג — און קריג ברענגט צו בלוט פאַרגיסונג און בלוט פאַרגיסונג מיינט מאָרד, און מאָרד מיינט די צעשטערונג פון דעם צלם אלהים — איז מיט דעם וואָס אַ מענטש טראָגט אַ היטעל שפּייזט ער מיליאָנען פאַמיליעס — איצט פאַרשטייסטו וואָס פאַר אַ טובה דער מענטש טוט גאָט מיט דעם וואָס ער טראָגט אַ היטעל — און וואָס פאַר אַן אומרעכט ער באַגייט געגען דער מענטשהייט ווען ער טראָגט ניט קיין היטעל און דאָס זעלבע גייט אויף אַלע מצות, ווייל עס שטייט אין דער תורה וחי בהם — דאָס הייסט דורך די מצות זאָלט איר לעבען און די קיילעכדיגקייט פון דער היטעל ווייזט אויף דעם בלי ראשית און בלי תכלית פון דער געטלעכקייט.

אַ יאָ, דאַכט זיך וואָס איז אַ מצוה?

די צוויי אידען

איך וועל דיר פרעגען אַ פראַגע
נאָר ווער ניט בייז, ווער נ׳יט ווילד,
רוהיג — געלאַסען — שאַ — שטיל —
אַזוי ווי עס פירט זיך ביי אידען,
כ׳מיין, ווי עס דאַרף זיך פירען ביי אידען,
נאָר איידער וואָס ווען — זאָלסטו וויסען זיין
אַז איך בין ניט קיין אַפּיקורס
קיין היפּאָקריט, קיין משוגענער, קיין בעל-תאווה׳ניג
קיין בעל גאווהניק — נאָר אַ איד
ס׳הייסט אַ איד פון אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָר.
איז וואָסזשע וויל איך דיר פרעגען
איך וויל דיר פרעגען אַ טעגלעכע פראַגע?
דו זעסט אין סידור צוויי אידען,
קלאָרע אידען — שיינע אידען —

הייליגע אידען — געטלעכע אידען שטילע אידען —
רופסטו אָן די צוויי אידען, אַדושם
פאַרוואָס עפּעס אַדושם?
נו אַז איך האָב דיר געפרעגט
מוז דאָך עפּעס שטעקען אַ סוד אין דעם —
האָסטו מיר געענטפערט
אַז צוויי אידען איז בגימטריה צוואַנציג
און אַדושם איז בגימטריה פינף און זעכציג
און פינף און זעכציג איז סה — און סמך איז דער פופצענטער אות
אין אַלף-בית, און הא — דער פינטער
איז צוזאַמען צוואַנציג,
און איד איד איז צוואַנציג,
איצט ווייסטו פאַרוואָס מען רופט
אָן די צוויי אידען אַדושם? —
או איצט אַז דו ווייסט שוין
זאָלען דיר די צוויי אידען בענטשען
מיט מזל ברכה און הצלחה...

פאַרפאַלען...

דו וועסט דורךגיין זיבען טויערען
פון געבוירען ביז פאַרלוירען
און ביז דיין לעצטער ווידוי שעה
מיט גאָטס חתימה אין דיין בלוט
וועסטו שטאַרבען אַ איד...
פאַרפאַלען, אַזוי וועט עס זיין
ביז אין די אייביגע דורות אַריין.
און ווען דיר וועט זיך דאַכטען
אין די גלות פאַרנאַכטען
אַז דו האָסט שוין צעריסען דעם געטלעכען שטריק
וועט מען דיך יאָגען און טרייבען

וועסט ביי זיי ניט פאַרבלייבען
ביז דו וועסט קומען צוריק
און אַפילו ווען דיין האַרץ און מוח
זאָלען אויפן פרעמדען מזבח
געבראַכט ווערען פאַר אַ קרבן
וועט מען אַלץ שרייען נאָך דיין טויט
אַז אַ איד איז געשטאָרבען,
פאַרפאַלען — אַזוי וועט עס זיין
כן יהי רצון ונאמר אמן...

באַהאַלט דיין פאַרלאַנג

באַהאַלט דיין פאַרלאַנג אין שראַנק פון דיין גלויבען
און דו וועסט זען ווי עס וועלען וואונדער געשעען
איז דיין נעכטען געשאָכטען געוואָרען פון זאָרגען
וועט פון דעם היינט ווערען געבוירען אַ ליכטיגער מאָרגען
נאָר זאָג ניט עס קען ניט געשען,
ווייל מיר האָבען שוין נסים געזען.

אַט נעמט זיך אַ ביישפּיל פון יענע באַרבאַרען
וואָס האָבען אידען געוואָלט פון דער ערד אָראָפּשאַרען
געברענט און געבראָטען שטיקער געריסען
אין האַרצען קיין ברעקעל רחמנות געוויסען
רשעות געטאָן פאַר זייער זעלבסט פאַרגעניגען
און געקלערט אַז זיי וועלען די וועלט באַזיגען.
געמיינט האָבען אידען, אַז גאָט האָט געשוויגען
ווען מען האָט קינדער געשאָכטען פאַרבלוטיגט די וויגען
היינט ווייסען מיר אַלע אַז דער גאָט פון נקמה
האָט אויף זיי יעדען געשיקט אַ שוואַרצע חרמה
אַ היטלער אַ גערינג, אַ געבעל, אַ שטרייכער
צעפּלאַצט איז געוואָרען פון גיפט זייערע בייכער, ווייל גאָט האָט

גענומען זייערע נעמען אָפּמעקען פאַרן בית דין של מעלה זייערע זינד דאָרט אויפדעקען,
מען האָט זיי געהאַנגען ווי מיאוסע נפשות
צו קוקען אויף זיי געווען איז חלשות
איצט דערציילען רעפּאָרטען אַז מען האָט זייערע ביינער
צעברענט און צעמאָלען ווי זאַמדיגע שטיינער
די אַשעס צו וואַרפען אין טייך צו פאַרשווימען
ווי זיי וועלען קיינמאָל צו אַ מקום מנוחה ניט קומען,
גאָט האָט זיי געשיקט צום ווייסטיגען שטן
ווי זיי וועלען אין גהינום אויף אייביג זיך בראָטען
דערפאַר זאָלען אידען צום בורא נאָר האָפען,
ווייל ער וועט די אידישע שונאים באַשטראָפען.

זאָג מיר צו

זאָג מיר צו, ווען דו וועסט קריגען, אם ירצה השם, דיין אייגען לאַנד, וועסטו גאָט׳ס תורה ניט באַטריגען, און שטיין וועט זי
ביי דיין רעכטער האַנט.
ווייל אמת, יושר, משפט, רחמים, איז דער בעסטער פונדאַמענט ;
קנאה־שנאה, לשון־הרע, מאַכען שפּאַלטען אין צעמענט...
אחדות — ברידער, זאָלט איר האָבען, שקר זיין פון אייך זאָל ווייט,
וועט איר דעם תענוג פון קדושה דאָרט געניסען יעדער צייט.
קינדער, פרעגט ניט:
ווער איז יענער, וואָס ער פריידיגט אונז מאָראַל —
ס׳איז אַ איד, ווי אַלע אידען
וואָס געטרונקען האָט פון גלות־קוואַל...
מיך האָט אויך גערמאַנסקער פייער גייסטיג אָפּט געברענט, געבריט ;
און צעשניטען מיין נשמה, און פאַרטרוויערט מיין געמיט...
כ׳בין ניט קיין שטראָפער, ניט קיין נביא,
און איך זוך אויך ניט ביי אייך קיין חטא ;
נאָר אויף אַ „יקום פורקן מן שמיא״ —
וואַרט מלך עוזר דער פאָעט...

וואָס הייסט גהינום?

וואָס הייסט גהינום?
פאַר קאַפּווייטאָג
פאַר ציין-ווייטאָג — גהינום?
צי פאַר אַנדערע
נישטדאָגעדאַכטעגע ווייטאָגען — גיהנום?
פאַרוואָס קומט גניהום פאַרוואָס?

פאַר אָרעמקייט?
פאַר אומגליקלעכע ליבע?
פאַר קורצע יאָרען?
פאַר לאַנגע געמוטשעטע יאָרען, — גהינום?
פאַר וועלען און נישט דערגרייכען?
פאַר דערגרייכען און נישט וועלען
פאַר האָבען און פאַרלירען — גהינום?
פאַרוואָס קומט גהינום פאַרוואָס?

איי מען האָט נישט געדאַווענט,
נישט געטראָגען קיין ציצית,
נישט געלייגט קיין תפילין
נישט אָפּגעהיט דעם שבת קודש, איז טאַקע אַ פאַרדרוס
חוזק געמאַכט פון תורת משה
פון תורה של בפה
פון נביאים פון חכמים
פון דעם גאַנצען שולחן ערוך
זעט איר דאָס איז טאַקע אַן עוולה. אָבער גהינום?
פאַרוואָס קומט גהינום, און לאָמיר שוין זאָגען יאָ גהינום,
איז ווען איך בעט איבער אייער כבוד
זאָל מען דאָ גיין מעשטיינס געזאָגט שטראָפען
און שיקען אין גהינום?
אַ צעל, אַ מיקראָב, אַ מילב

א ווערימעל, אַן אויפגעשטעלט מאַלפּעלע?
אדרבא זאָגט מיר ווער
אַ מענטשעלע, אַ מענטשעניונטשיקעל
אַ טיפּה סריכעלע, אַ אַ נישטיגקייט... אַ חלום?
ווייס איך ווייס ס׳לייגט זיך ניט אויפן שכל.

דער אייביגער נאַר

צערעדט זיך אַ נאַר, ווען די וועלט רופט אַן אייביגער צער,
הויך אויפן קול,
געוועגלעך ווי אַ נאַר רעדט אַלע מאָל
איר ווילט מיר דערציילן אַז כ׳זאָל גלויבן, אַז חכמה ליגט
אין דער וויסענשאַפט —
אין פילאָזאָפיע, אין תורה, אין יראת הבורא, אין דיכטען אין שרייבען
און וואָס מערער לערע אָנקלייבען
כ׳דענק אַז די אמתע חכמה ליגט אין שקר, אין חניפה, אין כיטרעקייט,
און טאַנצען ווי אַ משוגענער ליץ אויף אַלע חתונות,
אין גלעטען יענעמס קאָפּאָטע און צו יעדער צייט אים געבען
מיט אַ מעסער אין זייט...
היינט, אַז דער נאַר וויל אַז אַלע זאָלען אים הערען,
שיסט ער אוים אין אַ משוגענעם געלעכטער
און הויבט איין אָן צו דערקלערען:
איך האָב שוין געזען רבנים, דיינים — דאָקטוירים אינזשענירען,
מיט וואַסערדיגע געהירען, וואָס האָבען נישט אין מוח קיין פאַרשטאַנד,
און מ׳האַלט זיי פאַר חכמים איבערן גאַנצען לאַנד, און איך אַזאַ
אָנגעזעהענער פּאַרשוין וואָס ווייס דעם טריק פון אַלע שטיק
וויל קיינער מיט מיר נישט האָבען צו טאָן, און זיי זאָגען איך זאָל זיך
נישט שטופּען הויבען אָן. בלייבט זיך אַ פראַגע אויב איך וועל זיך
נישט לאָזען הערען און מיין מיינונג דערקלערן ווי אַזוי ווערט די וועלט
קענען עקזיסטירען אָן אַזאַ וויכטיגען פּערזאָן וואָס דער
גרעסטער געלערנטער

זעט זיך געגעגן מיר אָן ווי אַ מאָן. אַז פון מיין אייגענער פּראַקטיק
האָב איך דערפּאַרען, אַז מען דאַרף נאָר וויסען ווי צו שווינדלען
און צו נאַרען

אַנשטאָט מיט בילדונג דעם קאָפּ זיך אויסדאַרען —
אויב חכמה זאָגט דער נאַר ליגט עס איינגאַנצען ביי מיר
נישט ביי אייך געלערנטע וואָס זעטיגען זיך מיט אותיות פון פּאַפּיר
און אַזוי האָט זיך דער נאַר פאַר מענטשען אויסגעדריקט
און אויף יעדערען געקוקט, און אַלע אַרום האָבען געלאַכט
און שטילערהייד צו זיך געטראַכט און איבערגעבליקט —
ווי איינער רעדט
היינט גיי פאַרשטיי ביי וועמען די חכמה ליגט...

צוריק צו גאָט

מיך אַרט ניט אין וועלכען איזם דו גלויבסט
אויף וועלכע וועגען עס שטעלט זיך דיין טראָט
איינס בין איך זיכער ברודערל מיינס:
אַז דו וועסט זיך קערען צוריק צו דיין גאָט...

קענסט טונקען דיין גוף אין אָפּפאַל פון וועלט;
די ליפּען באַנעצען מיט שאַנד און מיט שפּאָט;
נאָר פריהער צו שפּעטער וועט קומען די צייט,
ווען דו וועסט זיך שיפלען צוריק צו דיין גאָט.

מעגסט חוזק'ן איצט און לאַכען גאַנץ פיין
און פייפען אַפילו אויף יעדען געבאָט
אַזוי איז געוועזען אַזוי וועט עס זיין:
אומקערען וועסטו זיך אַלץ צו דיין גאָט!...

דער עפּעל בוים

קינדער מיינע ברידער פיינע
טאַנצט ניט אין דער פרעמד

חברים שיינע גייסטער ריינע
באַרגט ניט יענעמס העמד
קריכט ניט אין קיין פרעמדע גערטנער
עס קומט ניט צו געזונט
ווייל יעדער גאָרטען האָט זיין היטער
מיט אַ בייזען ווילדען הונט.
ווילט איהר נאַשען גלוסט זיך עסען
עסט געזונטערהייד
פון אייער פּראַצע און האָרעוואַניע
איר האָט צוגעגרייט
ישראליק טאַטע האָסט מאַראַנצען
באָקסער באַר און פלוים
אַ ירושה פון דיין רבין, אַ גוטען עפּעל-בוים.
וואָסזשע טויג דיך קריכען דאָרטען
וואו מען האָסט דיין שטאַם
אַז מיט דער גאַנצער חכמה דיינער
האָט פיינט דיך יעדער חם...

אַ מענטש שטאַרבט ניט

אַ מענטש שטאַרבט ניט. אַ מענטש לעבט, שטרעבט, שפּאַצירט,
קאָמבינירט שטאָלצירט און פּלאַנירט.
אָבער שטאַרבען, וואָס הייסט אַ מענטש שטאַרבט?
פאַרוואָס זאָל אַ מענטש שטאַרבען?
און צווייטענס טאָר דאָך אַ מענטש ניט שטאַרבען...
ווייל דער שוסטער דאַרף אים, דער שניידער פאַרלאַנגט אים,
דער קירזשנער זוכט אים דאָך אויך און אַן אָרגאַניזאַציע דאַרף מען
אים דאָך געוויס. קען ער דאָך ניט שטאַרבען, און אַז מען שטאַרבט
ניט איז דאָך אַ סימן אַז מען לעבט —
און לעבען מיינט דאָך קאַמף — קאַמף געגען חיות געגען שלאַנגען
געגען ראַסען האַס און געגען פּראָפיט משוגעת...
זעהען מיר אַז אַ מענטש שטאַרבט ניט.

א מענטש קלייבט, שרייבט, זינגט, שפרינגט, פילט צילט
קהלט מאָלט און באַצאָלט
אָבער שטאַרבען ווייס איך וואָס, אַן אויסגעבלאָזען איי
פון ששת ימי —

ס׳איז גלאַט אַן איינגערעדטע זאַך
ווייל די קיילעכדיגקייט פון דער זון-לבנה פלאַנעטען
און שטערען דערקלערען
און זאָגען עדות דערויף, אַז די גאַנצע יצירה האָט נישט קיין סוף —
אָבער שטאַרבען — ווייס איך וואָס? וואָסזשע ווײַנט מען? —
איז טאַקע צום לאַכען

מען וויל דווקא פון אַ ליגען אַן אמת מאַכען.
פונקט ווי דאָס באַשליסען פון טעג וואָכען חדשים און יאָרען.
און ס׳איז גאָר אַ סברה איר הערט, אַז מען לעבט נישט,
מען שטאַרבט ניט

און מען ווערט ניט געבאָרען.
היינט גייט דערציילט דעם קברן, דעם אַנדערטייקער,
אַז דאָס שטאַרבען און באַגראָבען — געוועז איז אַ שקר.

אַ איד איז ניט קיין אַפּיקורס

אַ איד איז נישט קיין אַפּיקורס —
אַ איד איז אַ חקרן, אַ צווייפלער
אַ פינגערדרייער אַ פילאָזאָף
אַ פשרה מאַכער אַ וויסענשאַפטסמאַן
אָבער נישט קיין אַפּיקורס.
אַ איד קען זיין אַ טריפניאַק
אַ צביע׳אַק אַ משודאַק
און אַמאָל די שעה זאָל ניט זיין אַ פּאַסקודניאַק
אַ פּעסעמיסט אָבער ניט קיין אַטעאיסט.
אַ איד הערט אויף צו גלויבען אין גאָט,
צוליב צרות — צוליב גזירות

צוליב שחיטות צוליב רדיפות
אָבער אַ איד איז נישט קיין אפיקורס
אין יעדען איד ברענט גאָט
איז נישט במעשים איז בדיבור
איז נישט בדיבור איז במחשבה
אויב נישט במחשבה איז בצדקה
און אַז ער קען נישט געבען קיין צדקה, שרייט ער כאָטש סלח לנו —
אַ איד וויל זיין פרום — עסען כשרות
היטען טהרת המשפחה
דאַווענען, לערנען אָפּהיטען שבת קודש
נאָר אביסעל שעמט ער זיך —
אביסעל האָט ער מורא פאַר דער פרנסה
אביסעל, וואָס וועלען מענטשען זאָגען?
אין יעדען אידענס הארץ
וועט איר געפונען אַ ביסעלע בענקשאַפט,
אַ ביסעלע חרטה, אַ קאַפּעלע תשובה,
אָבער אַן אפיקורס — זאָל גאָט אויסהיטען
אַ איד קען נישט זיין קיין אפיקורס.

דאָס צוויי שפּיציגע איי

דריי פאַרטאָג איז דאָס געשען
ווען איך בין געלעגען אין בעט
מיט מיין אייגענעם סקעלעט
און ליגענדיג האָב איך געטראַכט
ווער טראַכט עס ניט, איר טראַכט ניט,?
נו, האָב איך אויך געטראַכט, און אַזוי טראַכטענדיג
האָב איך זיך פאַרטיפט
וואָס הייסט אין וועמען?
אין זיך אַליין —
און אַזוי פאַרטיפענדיג

האָב איך פּלוצים אַ גרויס איי דערזען.
אַלץ הייסט אַן איי — אַ צוויי שפּיציג איי
און אַ צוויי שפּיצעדיג איי ווייסט איר דאָך
איז על פּי דין — נישטיג ווערעמדיג — לא טובעדיג
הכּלל, האָב איך אָפּגעשיילט — אַ שמעק געטאָן
פון — טוכלע — אָבער אַלץ הייסט טוכלע — סכּנה נפשות.
נו האָב איך ווייטער געטראַכט.
ווי אַזוי האָב איך זיך אין דעם איי אַריינגעכאַפּט?
און אפשר ווייזט זיך דאָס מיר בלויז אויס ס׳קען דאָך זיין
אַן אפשר...

אַז ס׳איז אַ היה ולא נברא
אַ קשיא אויף אַן איי?
האַ וואָס זאָגט איר?

דער קאַלענדאַר האָט געלאַכט

אַ קאַלענדאַר וואָס איז געהאַנגען אויף אַ טשוועקל פון אַ וואַנט
האָט פּלוצים דערפילט ווי אַ מענטשלעכע האַנט
רייסט אומרחמנות אַרונטער זיין הויט
און פאַראורטיילט דאָס נעכטיגע בלעטל צום טויט,
אָבער פאַרוואָס און פאַר ווען פאַר אַ וועלכע זינד
איז געקומען צו טויטען דעם קאַלענדאַרס אַ קינד
ווי דאָס בלעטל פון בוים וואָס ווערט פאַרניכטעט פון ווינד
האָבען זיך מענטשלעכע מוחות נישט דערטראַכט ביז אַצינד.
נאָר ווער הערט זיך גאָר צו — צו אַ קאַלענדאַר
וואָס כאָטש מאַטעמאַטיש איז עס אַ פּאַפּירענער נאַר
דאָך ווי אים זאָל נית ווי טאָן, איז ער פאָרט טאָלעראַנט
האָט ער איראָניש געשמייכעלט צום טשוועקעל פון וואַנט
און מיט באַהאַלטענעם ווייטאָג פילאָזאָפיש געטראַכט
און טראַכטענדיג האָט ער זיך סאַרקאַסטיש צעלאַכט.

נאָר דאָס טשוועקעל וואָס שטעקט דאָרט פון יאָרען און טעג
האָט אוים נייגער געגעבען דעם קאַלענדאַר אַ פרעג:
איך בעט דיך, דערקלער מיר פון דיין געלעכטער דעם זין
ווייל מיין פאַרזשאַווערטער מוח, פאַרשטייט ניט דעם שכל דערפון.
איך וויים, אַז מען שלאָגט מיך מיטן האַמער איבערן קאָפּ
זינק איך וואָס טיפער מיט וויטאָג אַריין און אַראָפּ
צי פילסטו דען וויניגער שמערצען פון מיר
ווען מען רייסט אָפּ אַ הייטעל אַ בלעטעל פון דיר
ווייל געהערט האָב איך דאָך זאָגען אַז אַפילו אין פּראָסטען פּאַפּיר
איז דאָ אַ נשמת החיים, אַ לעבענס באַריר —
כאָטש מען הערט עס ניט שרייען, האָט עס וויטאָג און צער
אַ פּשיטא נאָך דו אַזאַ קאַלענדאַר...

דער קאַלענדאַר האָט געלאַכט און געענטפערט דעם טשוואָק
כ'האָב געמיינט דו ביסט קלוג, צום סוף ביסטו אַ באָק
איך לאַך ווייל דער שוטה וואָס רייסט מיך וויל ניט פאַרשטיין
אַז ער רייסט פון מיר אָפּ זיינע יאָרען אַליין.

דער נאַרישער האָן

(אַ פאַבעל)

אַ נאַרישער האָן האָט אַמאָל הויך אויפן קול
אין אַ פאַרצווייפעלטען מאָמענט אַ זאָג געטאָן
איך דענק אַז צוליב מיין הענערישען שטאַם
און רויטבלוטיקען קאַם
נעמען זיך אַלע צרות, וואָס אַלע כאַמולעס שלאָגען מיט מיר כפּרות,
דעריבער וועל איך ווייזען אַט די הענער פרעסער און באַנדיטען
ווי ווערען וועט מיין קאַם באַלד אַראָפּגעשניטען
און טאָקע נאָר אויף אַזאַ מין קלוגען אופן
וועט מיר געלינגען אויף אייביג פון מיינע שונאים צו אַנטלויפען.

אָבער דאָרט נישט ווייט ביי אַ פּלויט איז די גאַנצע צייט אין אַ זייט
געשטאַנען אַ הינדעל און האָט זיך איינגעהערט
צו דעם פּלאַן וואָס דער האָן האָט אויסגעקלערט
אַז מיט דעם וואָס ער וועט מאַכען אויף זיך די אָפּעראַציע
וועט מען נישט דערקענען אַז ער שטאַמט פון דער העגערישער נאַציע
דעריבער האָט זיך דאָס הינדעל שטאַרק צעלאַכט
און מיט באַהאַלטענעם חוזק דעם האָן אויפמערקזאַם געמאַכט.
דו נאַרישער תרנגול דו רעדסט דאָך ממש פון שגעון,
דו מיינסט מן הסתם אַז ווען דו וועסט אָפּשניידען דיין קאַם
וועט מען נישט דערקענען אַז דו ביסט אַ האָן.
טו זאָל זיך דיר דאַכטען אַז פון דיין נאַרישען טראַכטען
אָרונטערצושניידען דעם קאַם איז אינגאַנצען אומזיסט
ווייל נאָך קרייען דערקאָנט מען באַלד ווער דו ביסט...

דער בעזעם און דער שוך

אַ בעזעם איז אַמאָל געשטאַנען אין אַ ווינקעל און געקלערט
פאַרוואָס האָט אים גאָט אַזאַ מזל באַשערט,
אַז ער זאָל די פּאָדלאָגע אויסקערען ריין
און זיך מיט זיינע אברים באַנוצען צו ריניגען ציין
אָפט פילט ער ווי פון שטויב וועט ער ווערען דערשטיקט,
ווייל נאָכן אויסקערען ווערט ער אין אַ ווינקעל פאַררוקט
נאָר ניט ווייט פון דעם בעזעם איז געלעגען אַ צעריסענער שוך,
און מיט'ן צינגעל פון שוך אים געענטפערט אויף גיך:

מיין טייערער בעזעם, אַנטשולדיגט וואָס איך אַ צעריסענער שוך
האָט דיינע מחשבות דערהערט, און דיין רוה איצט צעשטערט,
נאָר ווי זאָגט די גמרא, אַז פאַר יעדער מכה און צרה
איז דאָ אַ רפואה, און פאַר יעדער פאַרלוסט אַ כשרה מציאה
דערפאַר וויל איך טרייסטען דיין שטרויענע נשמה
אַז צרות רבים איז חצי נחמה...

אַט, ווי דו קוקסט מיך אָן, האָב איך אויך אַמאָל אַן אַנדער פּנים געהאַט
אַ מענטשלעכע פּוס פלעג איך באַדעקען גאַנץ גלאַט
געגאַנגען צו בעלער, צו חתונות צו קאָנצערטען
און אַמאָל אויך אין פּאַסט אַפּים פּאַר מאַרקעס קאָנווערטען
נאָר קוים איז פון מיר אַראָפּ דער גלאַנץ און קאָליר
בין איך איצט געוואָרען אַ שיתוף צו דיר
איך ליג איינגעניאָרעט אין אַ ווינקעל און שלאָף
און ווער ווייסט וואָס פון מיר וועט נאָך זיין דער סוף
פון דעסטוועגען האָב איך פון אַ למדן געהערט
אַז נעמען אַ ביישפּיל דאַרף מען זיך פון דער ערד
אַז כאָטש אַלע ברואים טרעטען אויף איר מיט די פיס
איז זי ביי זיך ניט געפאַלען און מאַכט זיך ניט מיאוס
אפילו ווען איר פלייש אויף שטיקער מען רייסט
ווערט אין איר זכות די וועלט תמיד געשפּייזט
דעריבער זיי ניט פאַרצווייפעלט און געפאַלען ביי זיך
זיי צופרידען אַלם בעזעם, און איך אַלם שוך...

דאָס קראַנקע פייגעלע

שטייט אויף אַ בוים אַ פייגעלע און קען ניט פליהען, ניין
פרעגט אַן אַנדער פייגעלע, וואָס איז מיט דיר געשען?
קלאָגט פאַר איר דאָס פייגעלע, ווי איז מיר און ווינד
אויף יענער זייט אין נעסטעלע בענקט נאָך מיר מיין קינד
עס וואַרט און האָפט און וואונדערט זיך, פאַרוואָס איך בין ניטאָ
ווייל ס׳איז געוואוינט צו זען מיך שטענדיג אין דער שעה
עס טראַכט געווים מיין קינדעלע אַז אַ שטורעם האָט אין וועג
מיט בליצען און מיט דונערען מיר אָפּגעקירצט די טעג.
אַז קומען וועל איך שוין ניט מער, איר קאָרמענען מיט שפּייז
און דער אמת פון איר טראַכטעניש איז אַן אמתער באַוויז,
איך בין געפלויגען פראַנק און פריי, נאָר פּלוצים האָט מיר ווער
אַ זעץ געטאָן אין פליגעלע, און איך קען ניט פליהען מער —

נו, ווײַן ניט טײַער פײגעלע, איך האָב פאַר דיר אַ טרײסט
לײג זיך אויף מײַן רוקענדעל, און זאָג מיר וואו דו גײסט?

פליהען בײדע פײגעלעך, צום באַשטימטען אָרט
נאָר געטראָפען האָבען זײ שלעכטע ראָבען דאָרט
הויבט אָן דאָס קראַנקע פײגעלע ציטערען פון שרעק
לאָזט מיך צוגײן צו מײַן קינד, איך בעט אײַך גײט אַוועק
זענען ראָבען אָבער פון נאַטור שלעכט און אײַנגעשפּאַרט
שרײַען זײ צום פײגעלע פון דרויסען שטײ און וואַרט
נאָר פּלוצים פון דער העלער הויט, איז אַ גרויסער נס געשען
אײַן ראָב דעם צווײטער האָט געטויט, האָבען איצט פײגעלעך אהײם...

בהמות רופען מיך פערד

פאַרוואָס בהמות רופען מיך פערד, קען איך ניט פאַרשטײן
נאָר לאָמיר טאַקע די זאַך באַטראַכטען גוט אַלײן —
מעלקען מעלק איך זיך ניט, קײן קעלבלעך האָב איך ניט
און קײן כשר'ן טאָפּ קאָך איך זיך ניט
אלא וואָס דען, איך גײ אין שפּאַן, און לאָז זיך ניט שפּײען אין
דער קאַשע אַרײַן

איז דעריבער דאַרפען בהמות מיך רופען פערד
ווײַל איך וויל זײ מאַכען פאַר אויפגעקלערט
איך פאַרשטײ ניט. אַז קײן לשון הרע רעד איך ניט
פון פאַשיזם ווײס איך ניט, קײן ראַסען האַס טראָג איך ניט
קײן מלחמות פיר איך ניט, און קײן פּראָפיטען קלײב איך ניט
פאַרוואָסזשע זאָלען בהמות מיך רופען פערד
מיר דאַכט זיך אַז עס דאַרף זײַן פאַרקערט
ווײַל על פי שכל זענען זײ גאָר די אמתע פערד
זײ לאָזען זיך מעלקען, זײערע קעלבלעך פירט מען צו דער שחיטה
שפּעטער בודקן און אָפּשינדן די הויט
און נוצען זײער פלײש נאָכ'ן טויט.

נו, זענען די בהמות נישט קיין פערד
אַז זיי לאָזען זיך לייגען ביים לעבען אין דרערד —
אָבער ווען פאַרמאָגען זאָלען בהמות מיין פאַרשטאַנד
וואָלטען זיי דאָך געגאַנגען מיט מיר האַנט אין האַנט
נאָר גיי רעד זיך צוזאַמען מיט בהמות,
אַז זיי רופען מיך פערד
און האַלטען זיך נישט דאָ געדאַכט פאַר אויפגעקלערט
נאָר אפשר וועט קומען אַמאָל אַ צייט
ווען פאַרשטיין וועלען די בהמות פון מיין וואונק דעם באַדייט...

די פליג און דער עלעקטריק באַלב

ס'האָט אַ פליג ארום אַן עלעקטריק באַלב, זיך געצירקעלט און געדרייט
האָט לאַבענדיג די עלעקטריק באַלב געטראַכט זיך שטילערהייד.
דו קענסט זיך דרייען חוצפהדיג מיליאָנען יאָר אָן צאָל
איינגעבען דיר אויסלעשען מיך, דאָס וועט דיר ניט קיינמאָל.

עס האָבען פליגען אין די טויזענטער פאַרלעשען מיר פּרובירט
און וואָס עס וועט מיט דיר געשען, האָט שוין לאַנג מיט זיי פּאַסירט
וואָסזשע טאַנצסטו בייזע פליג אַרום אַזוי פאַרשייט
צי ווילסטו דוקא פונקט ווי זיי שטאַרבען פאַר דער צייט?

ביסט אַן אָנגעשטעקט באַשעפעניש, אַ טרעגערין פון קרענק
אַ בייסענדיגע בריאהלע, וואָס די וועלט איז פאַר דיר ענג.
דו זשוזשעסט אין די אויערען און רופסט עס אַן געזאַנג
און פליענדיג און בייסענדיג זוכסטו יענעמס אונטערגאַנג.

איר קענט נאָר בלויז פאַרעיפושען דאָס דרויסענדיגע גלאָז,
און פאַלען ווי דערשאָסענע ביים ערשטען אָטעם בלאָז
פון אייער פליקען דרייען זיך, קומט אייך קיין גוטס אַרויס
ווען איר ליגט שוין לאַנג צעטראָטענע, באַלייכט איך אַלץ דאָס הויז.

די פליג האָט דורך טעלאפאטי זיין מחשבה אויסגעהערט
און אָן אַנגעווייטאָגט ברוגזע פון באַלב זיך אָפּגעקערט,
ס׳האָט ניט געדויערט דריי מינוט, נאָך יענעם שטילען קריג
דער בייסער איז שוין ווידער דאָ, ווי ס׳איז די טבע פון אַ פליג.

די צוויי מאַלפּעס

מאַכט איין מאַנקי צו דער צווייטער אין דער זו
נשמהלע מיינס, קוק זיך נאָר צו
ווי די מענער און פרויען קוקען אויף אונז לאַכען
ווייל מיר מאַכען פאַרשיידענע הוויות
און קווימשען ווי משוגענע חיות
טאַנצענדיג פון איין שטאַנג הין און צוריק
ווי צירקוס אַקראַבאַטען אויף די שטריק
און צווישען די טענצלעך מיר נעמען זיך קראַצען
אין דער זעלבער צייט עטלעכע פינאַטס צופּלאַצען.
זיי טראַכטען מסתמא אַז אונזערע זאָלאָגישע טירען
זענען געמאַכט געוואָרען בלויז זיי צו אַמוזירען.
עס באַגרייפען ניט אָט די מענשען קינדער
אַז די קונצען וואָס מיר ווייזען אַצינדער
איז נישט בלויז פאַר דעם ביסעל פאַרגעניגען
נאָר אויך אַ קאַפּעטשקע שכל צו קריגען
אַז זיי זאָלען זען און פאַרשטיין, ווי מיאוס דאָס איז
ווען איינער מאַכט נאָך דעם צווייטען
און טאַנצט אויף אַלע פיר.
קוקען זיי אויס ווי מיר
און דו ווילסט עפּעס הערען האָט די מאַלפּע גערעדט ווייטער
קאַרטשענדיג דעם שטערען.
עס איז גאָר אַ סברה, אַז לויט דאַרווין און גמרא
אַז אָט די לצים וואָס שטייען אונז אַנטקעגען
ליבען זייער שטאַרק די מאַלפּישע וועגען

און זאָל קיינער נישט הערען וואָס איך וועל דיר דערקלערען
אַז מיר זאָלען אַזוי ביידע האָבען חן און הצלחה
ווי איך האָב מורא אַז זיי שטאַמען פון אונזער משפחה...

פסח ביינאַכט

איינמאָל אין אַ פסח ביינאַכט
ווען מען האָט געפּראַוועט דעם סדר מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט
האָט זיך פון אונטערן דעם העסעבעט אַ מצה פלוצים צערעדט
אַזוי הויך אויפן קול אַ געשריי טוענדיג שמע ישראל:
הערט זיך צו מיינע הארציגע קינדער
צו די רייד פון אַ מצה אַצינדער —
וואָס האָט זיך די חוצפּה צו מישען, ליגענדיג אונטער אַ קישען.
איך וויל אייך דערקלערען און זאָגען
אַז נישט בלויז פאַר דעם מאָגען
בין איך געוואָרען געמאַכט צום סדר נאַכט מען זאָל מיר באַנייען,
נאָר אויך מיין לאַנגיאָריגע היסטאָריע צוקייען
דורך דער הגדה וואָס מען האָט צוזאַמענגעשטעלט
איר זאָלט וויסען ווי איר זענט אין דער וועלט —
אַ יאָ איר לאַכט, זאָגט האָט זיך וועד פון אייך אַמאָל פאַרטראַכט
פאַרוואָס בין איך אַזוי צערײדעלט און צעשטאָכען
און אָפטמאָל אַזוי צעבראָכען?
דאָס האָט דער בעקער נים דערלאָזען אַז איך זאָל זיך
אָנהויבען בלאָזען

און ווייסט איר מיינע ליבע אידען, אַז ווען איר לעבט זיך גוט
און צופרידען
און איר הויבט אָן פאַר וואוילטאָג אין פרעמדע אויוועגס צו קריכען
זענט איר דעמאָלט צו אַ מצה געגליכען —
ווייל אַזוי שנעל ווי איר הויבט אָן עסען פרעמדע קניידלעך
מאַכט מען באַלד אויף אייך עטלעכע דריידלעך

כדי איר זאָלט ניט ווערן צופיל צעלאָזען
און זיך אַנהויבען געגען אַנדערע מענטשען צו בלאָזען.
און כאָטש איך וויים, אַז מיין מוסר וועט אייך אַביסעל פאַרדריסען
וועל איך מיט טרייסטווערטער מיין רעדע באַלד שליסען
וויל ווער ווייסט און ווער קען מיט זיכערקייט זאָגען
וואָס אייך מאַכט נאָך פרעמדע קולטורען זיך יאָגען
איך בין דאָך נישט מער ווי אַ טרוקענע מצה
אַפצושאַצען די ווערט פון דער אידישער פראַצע
דאָך גלויב איך באמונה שלימה אַז ס׳איז די העכסטע צייט,
אַז איר זאָלט שוין ווערען פון גלות באַפרייט —
אומקערען צוריק צום אַלטען אַמאָל
אין אייערער אייגענער היים, קיין ארץ-ישראל...

אַלע ווילען

(הומאָריסטישע רעציטאַציע)

פון געבוירען ביז פאַרלוירען, ווי לאַנג די וועלט וועט נאָך געדויערען
האָט דער מענטש אַ שטאַרקען ווילען, צו דערגרייכען זיינע צילען
אינגלעך, מיידלעך — מענער דאַמען, מען קען דעם ווילען
ניט איינצאַמען
פון דעם גרעסטען ביזן קלענסטען, פון דעם מיאוסטען ביזן שענסטען
אַלע ווילען — אַלע ווילען — מען קען דעם ווילען ניט איינשטילען
אַלע ווילען — אַלע ווילען — אויפן ערשטען פידעל שפּילען.

דער רייכער וויל מער געלט אין די בענק, דער דאָקטער —
וויל אַ לאַנגע קרענק
אַ קראַנקער ווערען וויל געזונט — אַן עקרה האָבען וויל אַ קינד
אַ מיידעל וויל קריגען אַ מאַן — אַ קבצן וויל אַרייכער זיין
אַן אַלטער וויל צוריק ווערען יונג, אַ שיכור וויל אַ גוטען טרונק
אַ וועיטאָר וויל נאָר גוטע געסט, און געסט ווילען גוטע קעסט
אַ פּייקער וויל נאָר שטענדיג בלאָפען, אַ פוילער וויל נאָר תמיד שלאָפען

פרויען ווילען אַ דייעטע, דאַרע מענער ווילען פעטע —
דער לאָיער וויל אַ גוטע קעיס, דער שוואַרצער מאַרקעט וויל אַ רעיז
אַלע ווילען — אַלע ווילען, מען קען דעם ווילען ניט איינשטילען
אַלע ווילען — אַלע ווילען, אויפן ערשטען פידעל שפּילען.
אָט ליגט אַ בייבי־באָי אין וויג, האַלט מיטן דייפּער דאָרט אַ קריג
און די משפּחה אַרום אים, קאָכט זיך ווי אַ קעסעל סטים.
דער זיידע וויל ער זאָל זיין אַ רב, די באָבע שרייט אַ פילאָזאָף
דער טאַטע וויל אַן אינזשעניר, די מאַמע זאָגט אויף לאָו שטודיר
דער אָנקעל וויל סייקייעטריסט, די טאַנטע אַן עקאָנאָמיסט
און ער אַליין רעדט ניט קיין וואָרט, ליגענדיג אין וויגעל דאָרט
ווייל אַלע ווילען — אַלע ווילען, מען קען דעם ווילען ניט איינשטילען
אַלע ווילען — אַלע ווילען, אויפן ערשטען פידעל שפּילען.
געוואָרען איז דאָס אינגעל גרויס, טומעלט זיך ביי זיי אין הויז
דער זיידע וויל אַ ביזנעסמאַן, די באָבע שרייט אין סקול אַריין
דער טאַטע וויל נאָר פאַרעסטרי, די מאַמע שרייט דזשעאַלאָדזשי
דער אָנקעל וויל פאָטאָגראַפיסט, די טאַנטע נאָר אַ סייענטיסט
שרייט דער בחור אויפן קול, איך וויל שפּילען בעסקעט באָל
אַלע ווילען — אַלע ווילען — נאָר פאַרשיידען זיינען צילען
אַלע ווילען — אַלע ווילען, אויפן ערשטען פידעל שפּילען.
ס'וויל וועלט פון חיות מענטשען מאַכען, קראָקאָדילען זאָלען לאַכען
אַז אַלע שווינדלער רעקעטירער, ניט ווערען זאָלען פאָלק פאַרפירער
און אַז אַלע סאָרטען איסטען, זאָלען ניט די וועלט פאַרוויסטען
אַלע ווילען, אַלע ווילען, נאָר פאַרשידען זיינען צילען
איינער וויל די וועלט זאָל מערען, דער צווייטער וויל זי
נאָר צעשטערען
נאָר מען וויל, נאָר מען וויל, נאָר מען וויל, — נאָר —מען—וויל...

דער גאָט פון מלחמה

אַ בילד וועל איך מענטשען פון לעבען אייך מאָלען,
פון אַלע נאַציאָנען און אויך פון ישראל'ען,
וואָס זיינען פאַרשאָלטען מיט זייערע קינדער,

צו לעבען אין יענעם גהינום אצינדער.
אָה, יענעם גהינום דאַרף איך ניט פּאַרטייטשען,
איר האָט שוין געהערט פון די נאַצישע בייטשען,
וואָס שלאָגען און פּלאָגען און מאַכען סקאַנדאַלען,
וואַרפען גראַנאַטען און שאַרפע שראַפּנאַלען.

די קולות געשרייען צעשפּאַלטען די הימלען,
די באָמבעס זיי קענען דעם מוח פאַרטומלען
עס פליהען קאַנאָנען, עס רייסען האַרמאַטען,
דאָ גע׳הרג׳עט אַ מאַמען, דאָרט געטויטעט אַ טאַטען.

כלות, חתנים, אויף שטיקער צעריסען,
מיט אויגען פאַרגלאָצטע, ווי פון חיות צעביסען,
קינדער אין וויגען פאַרניכטעט, צעשטאָכען,
די נאַצישע באַנדע האָט אַלעם צעבראָכען.

עס טרייסעלט די ערד דאָרט, ווי פּיס פון שיכורים,
עס טובלט די וועלט זיך אין אַ ים פון יסורים,
געביידעס און הייזער, אויף פּיצלעך צעשמעטערט,
דער טויט מיט זיין חיל אויף טורעמס איצט קלעטערט.

נישטאָ דאָרט קיין רעטער, נישטאָ קיין דערלייזער,
דער גאָט פון מלחמה איז אַ שטרענגער, אַ בייזער,
ער האָט קיין רחמנות אויף ביידע געשלעכטער,
ער פאָדערט קרבנות און וויל בלייבען אַ גערעכטער.

בלאָנדזשען איצט שיפען מיט אידען אין איינעם,
אין בלוטיגע ימים וואָס באַלאַנגען צו קיינעם,
און שווימען אַרום פאַרצווייפעלט דערשלאָגען,
נישטאָ מער קיין טרערען צו וויינען און קלאָגען.

זיי ווערען פאַרפייניגט פון חיות רעגירער,
ווייל אזוי האָט געהייסען דער דייטשישער פירער,

וואָס לעבט מיט מחשבות פון גערינג און געבעל
און איז היפּנאָטיזירט פון שטרייכערישען שוועבעל.

איצט האָט יאַפּאַנטשיק אויף אונז אויך פאַרמאַסטען
דאָך שווערט אָנקעל סעם, עס וועט אים טייער קאָסטען,
פאַר פוירל הארבאָר און אַנדערע שיכטען,
עס וועט אונזער כוח זיי אינגאַנצען פאַרניכטען.

ליגען סאָלדאַטען אויפן שלאַכטפעלד צעשאָסען,
דאָס בלוט פון דעם קערפּער האָט דאָס פּנים פאַרגאָסען,
די פיס און די הענט אויפן שלאַכטפעלד פאַרלאָרען,
זיי וויינען און שעלטען דעם טאָג פון געבאָרען.

טאַטעס און מאַמעס וואָס האָבען דאָרט קינדער,
ווייסען און פילען דעם וויטאָג אַצינדער,
זיי האָבען פיל נעכט דורך זיי ניט דערשלאָפען,
אין וואַסער, אין פייער, פאַר די קינדער געלאָפען.

איז געקומען אַ בעסטיע, אַזאַ ימח־שמוניק,
וואָס המנס מפּלה וועט זיין פאַר אים ווייניג,
און האָט זיי אָפּגעשניטען ווי בלעטער פון צווייגען.
אַלמעכטיגער בורא, ווי קענסטו אים שווייגען.

פאַרשאָלטען זאָל ווערען די הערצער באַגערען,
וואָס זוכען דעם פרידען, פון דער וועלט צוצעשטערען,
וואָס ווילען פיל לענדער און רייכטום אַנקלייבען
און די זינד צו ערלעכע מענטשען צושרייבען.
הער צו זיך בעל רחמים צו די וויינענדע קלאַנגען,
צו ווייט איז דער שונא אין בלוט שוין פאַרגאַנגען,
שטיל איין רעם רשע און זיינע ווילדע באַגערען
און זאָל שוין די וועלט פון אים פּטור ווערען...

חרם גערמאַניע

האָסט מיט קאַלטע גזלנות צעשאָכטען די קינדער
וואָס האָבען געבלאַנדזשעט פאַרצווייפעלט אליין
פאַרקייטעלט געפּענטעט ווי קרעציקע רינדער
און סאַרקאַסטיש געשמייכעלט אין זייער געוויין.
זיי האָבען געגאַרגעלט, געכאָרכעלט פאַרמאַטערט
פאַרצויגען די בליקען אין פייניגען ווייַ
און דו האָסט באַגייסטערט געהאָפּקעט אויף קברים
זיך היפּאָנטיש געזעטיגט מיט זייער געשריי.
דו האָסט פּרוּיעשע ברוסטען סאַדיסטיש צעאַקערט
געפּאַלמעסט פיגורען אויף טויזענטער טייל
עס האָבען די בעסטיעס פון וואַנזין גערמאַניע
צעווילדערט געזשליאָקעט דעם פירערס באַפעל.
און אַלע וואָס האָבען אין הארצען געטראָגען
די פאַקלען פון פרייהייט, די פונקען פון רעכט
האָסטו אויסגעקוילעט אין שיין פון אילוזיעס
אין בלוטיגע שעה'ן פון טאָג און פון נעכט.
די וועלט וועט אייך אַלע פאַרנעגלען צום משפּט
און ציילען נפשות פון קליין און פון גרויס
וואָס אייערע מערדער, רוצחים, באַנדיטען
האָבען פאַרשניטען פון ערדישען שויס...
איר האָט אָנגעצונדען אַ נקמה'שען פייער
וואָס צירקעלט אַרום אונזער גאַנצען פּלאַנעט
און ס'טראָגען זיך קללות דורך טייכען און ימים
דורך וועלדער און פעלדער, דערפער און שטעט.
מיר וועלען גראַווירען אייערע מעשים תעתועים
פאַרצירעווען חרמות ביזן טויזנטען דור
און זאָלען די מענטשען פון קונפטיגע צייטען
פאַרשטעלען אויף יענעם באַרבאַרישען יאָר.
גערמאַניע פאַרשאָלטען עד סוף כל הדורות
זאָלסט ווערען, און יענער וואָס האָט דיך אַנטדעקט

ווייל דו האָסט מיט דיינע אַזיאַטישע לאַפּעס
דעם הייליגען מאַנטעל פון בורא פאַרפלעקט.
דו האָסט אויסגעראָטען פיל ליכטיגע גייסטער
וואָס האָבען געקלאָמערט אין מענטשען פּרינציפּ
פון זוניגע שטראַלען פון פרייהייט און גלייכהייט
פון אַחדות העמים און געטלעכען קניפּ.
פלעגסט תמיד זיך שפּיגלען אין טייוועלס חלפים
און העדלזער געשניטען אָהן מורא פאַר גאָט
און נאָכדעם צעשיסען די טויטע פּרצופים
געשפּיגען אויף מענטשהייט אין זייער געבאָט.
איר האָט די מענטשלעכע לייבער שענדלעך צעשניטען
און געמיסטיגט די פעלדער מיט זייער געביין
אויף פּריצייטיגע קברים זיך לוסטיג געריטען
פאַרטויבט זיך מיט באָקבוס אין זייער געוויין.
עס וועלען די לענדער פון אמת און יושר
פאַרלאַנגען אַ חשבון פון יעטוועדען שריט
נקמה! נקמה! וועט שרייען איעדער
פאַרשניטענער לעבען פון קריסט און פון איד.
די קוילען וואָס זיינען אין אויוועז פאַרבליבען
זיי וועלען פאַרוואַנדלען אין מענטשען געשטאַלט
זייער אומשולדיג בלוט איז אין ביכער פאַרשריבען
זיי וועלען אייך שלעפּען צום שטראָף מיט געוואַלד.
עס וועט דעמאָקראַטיע מיט אייך זיך גאָר שעמען
איר זענט קאַניבאַלען, דער אָפּפאַל פון שמוץ
עס קלינגען באַרבאַריש די דייטשישע נעמען
און יעדער פריידענקער האָט פאַר אייך ניט קיין נוץ.
פע, ווי איר עקעלט אונז ווילדע ברואים
איר היטלערס, איר געהרינגס, איר געבעלס און שטרייך,
פאַרשוואונדט אין מדבריות איר בייזע רשעים
אַן אייביגער תל זאָל איצט ווערען פון אייך.
מיר הערען ווי טויזענטער טויטע פון קברים
שרייען צום הימעל מיט ביטער געוויין

אַלמעכטיגער בורא, באַשטראָף די נאַציסטען
די דייטשישע בעסטיע זאָל שנעל אונטערגיין!

די פאָן פון דעמאָקראַטיע

צו אייך, איר בלאָנדע וועלט פאַרשאָלטענע
איזאָלירטע נאַצי גערמאַנישע בעסטיעס,
שיק איך מיין הימעל-שרייענדיגע קללה
צו אייער ביטערע פינצטערע מפלה.
איר גאָט'ס פאַרדאַמטע נידערטרעכטיגע אָפשטויסענדע רוצחים,
איר האָט מיט סאַרקאַסטישען סאַדיזם געשונדען די הויט
און קאַלטבלוטיג פאַרמאַטערט צום טויט
מענטשען וועלכע האָבען באַוואוסטזיניג געשטרעבט
צו אַ פרייערע בעסערע וועלט, צו אַ שענערע וועלט.
איר האָט אין אייער פאַנטאַסטישער שוידערלעכער גרויזאַמקייט,
אין אייער אומנאַטירלעכער צערייצטער בלוטדאָרשטיגקייט
אָפגעשניטען די ברוסטען ביי יונגע פרויען,
אויפגעריסען און דורכגעלעכערט בייכער פון שוואַנגערדיגע,
סטערעליזירט ביידע געשלעכטער
און מיט אַ ווילדען משוגענעם געלעכטער
זיי לעבעדיגערהייט אין קברים געשליידערט.
אָ, איר זענט די וועלכע גראָבען זיך איצט
ווי פאַרשטונקענע ראַצען, ווי צוזאַמענעקנוילטע ווערים און שלאַנגען
אונטער דער טיפעניש פון דער ערד
אונטער דעם סדומדיגען פאַרשאָלטענעם בערלין,
און מזרח, מערב'דיגע קללות טראָגען זיך אַהין.
יאָ, אייער סוף איז נאָהענט.
דער יום הדין שאַרפט זיין גערעכטע שווערד פון נקמה.
איר וועט רעווען ווי פאַסקודנע בלאָטיגע זשאַבעס,
ווי אָפגעפאַרעטע מייז, ווי אָנשטעקענדיגע קרעציגע חזרים.
איר זענט פאַראורטיילט צו אייביגען חרם.

ניט נאָר מיר אַליין שעלטן אייך,
אונזערע טויטע קינדער שעלטן אייך.
אונזערע קוילן-געוואָרענע ברידער,
אונזערע צעביילטע צעשפּיזעלטע חברים,
ליגן אייך אין אייביקן חרם...!
אָ, איר פאַרשיווע קאַניבאַליסטישע
ים-אויסשפּייענדיקע מענטשן פאַרדאַרבער,
די וועלט האָט איינגעהאַמערט אין געדעכעניש,
אין זכרון אייערע נאַצי בעסטיאַליסטישע גרוילטאַטן,
מיט רויטע פייערדיקע בוכשטאַבן האָט זי איינגעגראַווירט
אייער אומאויסשעפּלעכע גרויזאַמקייט און מערדערייען.
אין בלעטער פון געשיכטע וועט אייער רשעות פאַרצייכנט ווערן.
זאָלן די צוקונפטיקע דורות לייענען און שפּייען
אויף אייערע אָריגינאַלע אַבנאָרמאַלע
אויסגעטראַכטע מאַטערנישן און מעשים תעתועים.
זאָלן זיי לייענען און אייך שעלטן לדור דורות
פאַר אייערע בלוט פאַרגאָסענע מאָרד פאַבריקן,
פאַר אייערע ווייסטיקע שוידערלעכע גזירות,
פאַר אייערע ווילדע אוממענטשלעכע מאָרד דערפינדונגען,
פלוכן פאַר די געטאָס און געלע לאַטעס,
פאַר די ברענענדיקע אויוונס און גאַז קאַמערן,
פאַר אייער סאַדיזם, באַרבאַריזם און דעגענעראַציע,
פאַר אייער דיסקרימינאַציע, סטעראַליזאַציע, דעפּאָרטאַציע,
וואָס איר טייוועלס אויסדערוויילטע האָבן געראָפן
צוואַנציק יאָר הונדערטיקע ציוויליזאַציע...
איר, אָפּגעגרילטע דייטשישע שווינען,
צעעפנט אייערע ווערימדיע דורכגעפוילטע גזלנישע אויגן,
זעט, קוקט אייך צו, איר אייביק פאַרשטומט געוואָרענע
נאַצי סאַדיסטן,

זעט ווי מיר טראָגן ווייטער און ווידער
פון מזרח ביז מערב, פון צפון ביז דרום
די פאָן פון פרייהייט און גערעכטיקייט,

די פאַן פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט
זעט ווי מיט געשלאָסענע הענט טראָגען מיר
די בלוט אויסגעקעמפטע פאַן פון דעמאָקראַטיע,
דער שטאָלץ פון אינטערנאַציאָנאַל,
די פאַן פון אחדות און יושר —
מיר וועלען זי טראָגען לאַנג, לאַנג, נאָך אייער אונטערגאַנג...

דער כוס פון סם

ברעכט אוים דעם לעצטען כוס פון סם,
איר קינדער פון דעם טייוועל שטאַם!
העלדזער פאַרצויגענע,
באַווײנט נאָר פון אייגענע...
איר וועט זיך וואַרפען אויף די תליות
ווי די לעבענס־פונקען אין אויוועז
פון זעקס מיליאָן פון אונזער פאָן.
ווי די נקמה וואָס האָט אַרויסגעשריגען
פון די פאַרקלעמטע פויסטען
אין מאַסען קברים —
אייער געדעכעניש וועט פאַרשווינדען
אין מדבריות ווי אַ שטורעם.
אייער אויפגאַנג איז אַ קללה געוועז
צו אייך אַליין
ווייל איר האָט זיך געלאָזט פירען
פון אַ שווײן, וואָס האָט געפרײדיגט
יודען ריין!

די וועלט וועט מיט אייך קיין שלום ניט שליסען
ביז אייער געוויסען וועט זיך ניט לייטערען
אין דעם חרם וואָס עס ליגט אויף אייך.
ביז אייערע קינדער וועלען פאַרגעסען

דעם בלוטיגען צייכען פון אַ היטלער קרייץ
וואָס האָט געבושעוועט אין פוילען
אונגאַרן איטאַליע און אין די שווייץ.

אין אייער לעצטע מינוט ווען דער טויט
וועט אַנטקעגען אייך אָנהויבען שפּרייזען,
וועלען זיך אומשולדיגע קרבנות
פאַר אייערע אויגען באַווייזען
די פאַרמאַטערטע קערפּערם
פון מענער פרויען און קינדער
וואָס איר האָט געטריבען
אין די שלאַכטהייזער ווי שאָף און ווי רינדער
איר וועט הערען ווי זיי שרייען — נקמה, נקמה!
זאָל די וועלט נעמען פאַר יעדער
פאַרשניטענע אידישע נשמה!...
און דעם זעלבען סוף ווי איר זאָלען האָבען
אַלע פאַשיסטען און רעאַקציאָנערען
וואָס לעבען אויף מלחמה, אויף פּראָפיטען
און אויף אַרבעטער טרערען.

וואָס שלאָגט איהר זיך?

וואָס שלאָגט איר זיך קינדער, פאַר רייכטום און לוקסוס
מיר זיינען דאָך אַלע ווי גלייכע געבויט!
עס האָט דער באַשאַפער אונז אַלע געפורעמט,
ווי אָדם הראשון, פון זעלביגען קויט...

וואָס טויג אונז באַקליידען מיט גלאַנציגער צירונג
אַ קערפּער, וואו ס'ווימעלט אַ מיקראָבען אַרמיי
וואָס שפּייזט די געהירען, דאָס בלוט און די גלידער
מיט טויטלעכע גיפטען און שלאַנגען געדריי?

מיר ווערען פון קנאה צערייצט און צעפרעסען,
מיר טאַנצען ווי מאַלפּעס, נאָך יעדען פּאַסאָן!
אָנשטאָט צו באַלויכטען מיט גייסט דאָס געוויסען
און צוגעבען שיינקייט צו אַלץ וואָס מיר טאָן.

פאַרשוואונדט ניט די קרעפטען פאַר ביליגע צוועקען,
דערשטיקט די געפילען צום מאַגנעטישען געלט
און זאָל מען צוזאַמען, מיט ריינע נשמות,
אויסקעמפען אַ שיינע און ערלעכע וועלט...

שווייגט, איר פאַלשע נביאים

שווייגט, איר פאַלשע נביאים, שיכורים פון בלוט און פון האָס,
איר גיפטיג פאַרפעסטעטע ברואים, סאַדיסטען פון קריגס משוגעת
וואָס שטופּט איר די וועלט צו פאַרניכטונג, וואָס טרייבט איר
די פליגעל פונמאָרד,
וואָס העצט איר די וועלט צו פאַרוויסטונג צו אומגליק
פון יעטווידען סאָרט

די ערד איז שוין זאַט פון קרבנות, סאָלדאַטען שוין מיד פון געווער
גענוג שוין יתומים, אלמנות, די הימלען פון טרערען שוין שווער
וואָס זוכט איר די וועלט צו פאַרדאַרבען, איר פרעסער פון בלוט
און פראָפיט
פאַראורטיילט נאַציאָנען צו שטאַרבען, פאַרן ערשטן קרבן
ברענגען אַ איד.

מיר ווילען ניט מער קיין מלחמה, צו שווער האָט
די מענטשהייט באַצאָלט
מיט טויזענטער מענטשלעכע לעבענס, פאַרן שפּיל וואָס אייך
האָט זיך פאַרוואָלט.
פאַרשאָלטען זאָל ווערען דער שטן און דער וואָס מלחמה באַגערט
זאָל קיינמאָל פון נחת ניט וויסען, איינשלינגען זאָל אים נאָר די ערד...

די אידישע האָפענונג

אין אַלע גאַסען, אויף אַלע סקווערען
שרייט די האָפענונג, מען זאָל הערען
קיינער וועט מיך ניט צעשטערען
ווייל איך לעב.

הערט איר רוצחים, פאַראַזיטען,
קאַניבאַלען, וועלט באַנדיטען
גייסטער שוואַרצע שטן־קינדער
ראַסען־העצער מלחמה צינדער
איך לעב.
איך וועל אַלע פלעשער גיפט אויסגיסען
דעם נאָמען האַס וועל איך פאַרמיאוסען
אין אַ טויטען קאַסטען אים פאַרשליסען
ווייל איך לעב.
ס'וועט אייך קיינמאָל ניט איינגעבען,
אַז שלעכטס זאָל גוטס ווען איבערלעבען,
ווייל קין'ס שטראָף און קין'ס זינד
ווערט איינגעקריצט אין אייער קינד
ווייל איך לעב.
איך האָב געלעבט אין משה'ס דאָרען
געברענט און ניט פאַרברענט געוואָרען
און וועל נאָך לעבען ביליאָנען יאָרען
ווייל איך לעב.

צום אלטען קוואַל

איך האָב טויזענט געטער אויסגעדינט
געזוכט ביי זיי מיין גליק ;
נאָר געבראַכט האָט מיך די צייט
צום אַלטען גאָט צוריק.

איך האָב פיל ביכער דורכגעלייענט
התלהבות׳דיג שטודירט;
ביז מיך האָט אמונה-גייסט
צו משה׳ס דת דערפירט.

איך דערצייל עס אייך אָקעגען דעם
אַז איר זאָלט וויסען זיין,
אַז חקירה ברענגט אייך סוף כל סוף
צוריק אין שול אריין...

דער באָס באָי

אייך וואונדערט וואָרשיינלעך וואָס איך בין אַ באָס באָי
און טראָג זיך אַרום מיט געשיר
אַ מענטש מיט טאַלאַנט און שאַרפען פאַרשטאַנד
ווי קומט אַזאַ אַרבעט צו מיר?
האָט איר זיך אַמאָל אַ פראַגע געשטעלט
אָדער אפשר דאָס ערגעץ דערבליקט
מענטשען וואָס עס האָט דער סיסטעם פון דער וועלט
אינגאַנצען פאַרניכטעט דערשטיקט.
זינגער און שרייבער, קינסטלער אָן צאָל
טאַלאַנטען אויף יעדען געביט
וואָס האָבען גע׳חלום׳ט צו ווערען אַמאָל
מייסטער פון שריפט און פון ליד
זענען געבליבען אין אַ ווינקעל פאַרשטופּט
קיינמאָל פון זיי ניט געהערט,
ווייל דאָס גרויזאַמע לעבען און די שווערד פון דער צייט
האָט זייער ליכטיגען חלום צעשטערט.
און אויב אייך האָבען סטרונעס פון צווייפעל באַרירט,
אַז איך טונקעל דאָס לעבען צו שוואַרץ,

אַז איך האָב ניט מיינע בילדער אויף פאַקטען באַזירט
ניט געפּענזילט מיט בלוט פון מיין האַרץ
נעמט-זשע זייט מוחל אַ שפּאַציר דאָרט אַהין
אין אָפּפאַל פון מענטשלעכען שוים
וואָס מיר רופען באַורי
און אייערע זין מיידען דאָס פאַרזיכטיג אוים.
דאָרט וועט איר געפינען רייכטום פון גייסט
טאַלאַנטען און פילאָזאָפיע
ליגען פאַרטרונקען געזינקען אין שמוץ
און קיינען צו זיי גייט ניט צו.
מענטשען וואָס האָבען מיט ביכער פאַרבראַכט
געלעזען און שטענדיג שטודירט
ווערען סאַרקאַסטיש אַצינד אויסגעלאַכט
פון יעטוועדען מיאוס איגנאָרירט.
דאָס פנים פון זיי איז פאַדריידעלט פאַרגעלט
פון שיכרות די ליפען פאַרקרימט,
איין בליק נאָר אויף זיי און דאָס אויג אייך דערציילט
וואָס דאָס לעבען פאַר זיי האָט באַשטימט.
אויך זיי האָט געגלעט אַ וואַרימע האַנד
פון מוטער געפיל און באַגער
אויך זיי האָט אַ צערטלעכע מאַמע געקושט
און פאַרגאָסען אין קראַנקהייט אַ טרער
איצט בלאָנדזשען זיי אַלע אַרום מיט פאַרדרום
פאַרגעסען פון גאָט און פון לייט
שעלטען דורך טרערען דעם בייזען שיקזאַל
און האַלטען פון מענטשען זיך ווייט.
איז אייך באַקאַנט דעם מענטשנס נשמה
די שלאַנגען וואָס גריבלען אין קויט
די אייפערזוכט, שנאה, בלוטדורשטיגע קנאה
וואָס וויל אייך פאַרמוטשען צום טויט.
איר טאָרט פאַר דער וועלט זיך גרעסער ניט ווייזען,

זי וועט אייך פאַראַכטען מיט כעס
קוים באַווייזט איר זיך קלוגער פון חכמה דער זיגער
טראָגט מען אויף אייך באַלד אַ האַס.
עס מעג זיין אַ טאַטע, אַ מאַמע, אויך ברידער
אַ שוועסטער, אַ פרוי, צי אַ קינד
ווייזט איר טאַלאַנט ווערט באַלד אַ גערידער
ווי איר וואָלט באַגאַנגען אַ זינד.
עס ווערען דערווייטערט פון אייך אַלע קרובים
איר ווערט פאַר משוגע דערקלערט,
דאָס בעסטע און ליבסטע וואָס איר האָט אין לעבען
ווערט אייך ראַפּטאָוונע צעשטערט.
עס הייבט אָן פאַרצווייפלונג אויפפרעסען דעם מוח
איר פילט אָנגעווייטיגט אַנטוישט, אויסגעלאַכט
ווען עס ווערען די טירען פון אַלע רעדאַקציעס
מיט אייזערנע שלעסער פאַרקלאַמערט פאַרמאַכט.
איר פילט ווי די הויט פון זיך אָפּצורייסען
דערשלאָגען פון מידקייט און פיינלעכען ווייי
אין דראַנג פון יסורים די פינגער צו בייסען
עס זאָל ביז'ן הימעל גיין אייער געשריי.
מען הויבט אָן צו דאַרען ווי ווערים וואָס נאָגען
אָן מיטלייד רחמנות דאָס בלוט דיר אַרויס
עס ווערט דיין פאַנטאַזיע פון טייוואָלים געטראָגען
דו שוואַנגערסט געדאַנקען נאָר זאָגסט ניט אַרויס
דו מוזסט זיי דערשטיקען מען זאָל ניט דערהערען
דעם אָפּקלאַנג פון ווערטער וואָס קלינגען אין קאָפּ.
די מענטשהייט זי וועט דיך מיט שטיינער באַוואַרפען
שרייען אַז דו ביסט פון דיין זינען אַראָפּ.
און ווייסט איר פאַרוואָס איך בין שרעקלעך פאַרביטערט
און שריי אויס מיין ווייטאָג מיין צער טאָג און נאַכט
ווייל אויך מיך האָט מיין פינצטערער ביטערער מזל
אָנשטאָט פאַר אַ שרייבער פאַר אַ באָס באַי געמאַכט

איך פלאָנטער געמיטלעך אַרום צענדליגע טישען
נעם צו די לעפעל גאָפּעל געשיר
קוק אויף די געסט וואָס מאַכען גרימאַסען
און אַזוי ווערט אַ בילד פאַרצייכענט ביי מיר...

וואָס איז טעאַטער?

וואָס איז טעאַטער
בינע, אַקטיאָר,
דראַמע־קאָמעדיע
ראָלע, סופליאָר?

צי מיינט דאָס אַ שפּיל
וואָס אָטעמט מאָראַל;
צי גלאַט אַ קאָרעטע,
פאַר בהמות אין שטאַל?

צי האָט עס אַ שייכות
מיט וואוקס פון קולטור
מיט צייטיגע פירות,
פאַרן קומענדן דור?

צי איז דאָס טעאַטער
אַ טרייבקראַפט פון זנות;
צי אַ הייליגער טעמפּעל,
פאַר גייסטיג גענוס?

צי מיינט דען אַ פידלער
אַ ציהער פון סמיק?
ווילען קריטיקער שרייבען
בלויז שלעכטען קריטיק?

טעאַטער מיין פריינט
האָט אַ העכערען ציל
ווי צינדען די תאווה
מיט ביליגער שפּיל.

טעאַטער מיינט שפּיגעל
פון לעבען אַליין,
מיט עטיק פאַר מענטשען
ווי אָנצוזעהן.

שטיצט דאָס טעאַטער
מיט אָפטען באַזוך
ווייל טעאַטער איז וויכטיג
ווי ברויט, קלייד און שוך...

איך האָב ליב די אַקטיאָרען

איך האָב ליב די אַקטיאָרען, די קינסטלערישע קינדער,
אַ וועלטעל פאַר זיך, איז דאָך יעדער באַזונדער
זיי וויינען דורך לאַכען און לאַכען דורך טרערען
און שווער איז מיט זיי גאָר ברוגז צו ווערען.
זיי קלאַפּען אין פּלייצע און רעדען געבוימעלט
און האַלטען מיט ווערטער אייך שטענדיג געצוימעלט.
זיי רופען דיך טאַטע, זיס קינד און נחמה
און ציהען מיט ליבשאַפט אַרוים דיין נשמה.

ביסטו אַ שרייבער, שרייב אָן פאַר זיי פּיעסען
אָבער קריגען באַצאָלט, אין דעם זאָלסטו פאַרגעסען,
זיי זיינען דאָך תמיד דריי־פּערטעל געבראָכען
דאָס גאַנצע טעאַטער איז צען־צוועלף וואָכען.

און באַלד נאָכן סעזאָן זיי הויבען אָן פאָרען
ווער אין די מאָונטענס און ווער ביי די שאָרען

מען באַקט הונדערטער סקעטשעס, ווי אַ בעקער באַקט בייגעל
און באַלד נאָכן זומער, זיי פליהען ווי פייגעל
ווער אין טעאַטער און ווער אין קאַפיינע
מען טראָגט אַפֿ די פליאַטקעס אַלע ווי איינע.

כאַטש איינער דעם צווייטען וואָלט מיט גאָפּעל דערשטאָכען
העלפט איינער דעם צווייטען ווען ער ווערט געבראָכען.
מען רופט זיי צעגיינער — פאַרבלאַנדזשעטע שטערען
דאָך לעבען זיי בעסער ווי די מיליאָנערען.
זיי קוקען אין שפּיגעל דאָס פּנים פאַרפּוידערט
גלייך ווי אַ סטרונע נאָר זיך מען גוידערט
די ראָלע אין פּאַקעט מען יאָגט זיך צו פּראָבע
און מען ווינטשט דעם דירעקטאָר אַ פאַנסקע כאַראָבע
נאָר אַז ער גיט זיי אַ ראָלע אַ גרויסע צו שפּילען
וועט זיך זייער פריינדשאַפט צו אים ניט אָפּקילען.
אָה איך קען זיי די חברה די שוישפּילער אידען,
דאָך בין איך מיט זיי שטאָלץ, גליקלעך, צופרידען.
איך פיל ניט קיין אומעט, ס'ווילט זיך ניט עסען
ווייל צווישען אַקטיאָרען, קען מען די צרות פאַרגעסען.
און אפילו איך זאָל זיי מיט ווערטער אָפּט קנאַקען
בלייבען זיי תמיד אין הארצען ביי מיר איינגעבאַקען...

די וועלט איז אַ דולהויז

די וועלט איז אַ דול-הויז, דער מענטש אַ פּאַציענט,
די תאווה אַ קייטעל, וואָס קאָוועט די הענט,
שנאַפּס איז אַ שיכרות און קאָרטען אַ שפּיל,
פרויען אַ כישוף, וואָס רייצט דיין געפיל.

קאַפּיטאַל איז אַ לוקסוס, אַרבעט אַ צוואַנג
פּראָפיטען די נאָטען פון רייכענס געזאַנג.

כעס איז אַפייער, וואָס צערט אַפּ דיין לייב
קנאה די פאַרניכטונג פון דיר און דיין ווייב.

טאַבאַק אַ געוואוינהייט, וואָס פרעסט אויף דיין לונג,
שטות דער געלעגער ביים נאַר אויפן צונג.
שטאָלץ אַ באַלון, אַ בלאָז-זאַק פון לופט,
פערד שפּיל אַ טאַט פון וויניג פאַרנופט.

רכילות אַ שלאַנג וואָס טויטעט אַפּט דריי
ליבע אַן הייראַט איז אַ קיי און שפּיי
שרייבער אָן שטעלעס, זיינען ווי בלעטער אָן בוים,
פּאָעטען אָהן קריטיק, ווי אַ פערד אָן אַ צוים.
פוילקייט אַ קרענק, אַ שוועסטער פון שלאָף,
איילעניש אַ סימן פון אַ שלעכטען סוף.

חובות אַ שחין וואָס נידערט דיין קאָפּ,
זאָרג איז אַ שווערד וואָס האַקט יאָרען אַראָפּ.
קריג איז אַ גאַסט וואָס צעשטערט דיר דיין הויז
און פון אַן אָפענע טיר, קומט קיין גוטס ניט אַרויס...
אַ מאַן איז אַ קינד ביז זיבעציג יאָר
אַ פרוי איז אַן אייביגע קויפערין נאַר.

אַ דאָקטאָר בעט תמיד אויף אַ גרעסערע קרענק
אַ קמצן וויל האָבען מער געלט אין די בענק.
געלט איז אַ רעדעל, וואָס גייט הין און צוריק,
עס ברענגט איינעם צרות דעם אַנדערען גליק.
מלחמה איז אַ פאַרב פון רויטען קאָליר
און יעדער דיקטאַטאָר פאַרבט זיך מיט איר,
די וועלט איז משוגע נאָר איך קליינער סקעלעט
בין געוועזן און פאַרבלייב אַ קלאָרער פּאָעט...

די הייליגע טבילה

(געווידמעט מיין חבר דעם יונגען שוישפילער סאַל פיינשטיין)

איך האָב זיך געטובלט אין מים טהורים
און מיינע גייסט אינסטרומענטען סטעראַליזירט
פאַנאַנדער צעשרייפלען גאָטס אַ מאַשינקע
וואָס רופט זיך אָן מענטש און איז קאָמפּליצירט.
איך וועל זיין מדקדק אין סיבות ראשונות,
וואָס האָבען געקנאָטען אַ מענטשען געשטאַלט
און האָבען דעם גייסט פון עולם העליון,
דורך קרעפטיגע כוחות געשלעפּט מיט געוואַלד.

עס וויינט אַ נשמה אין הימלעשען מקום
ווען זי דאַרף באַטרעטען אונזער זינדיגע ערד
און ווערען פאַרבונדען מיט אַנישטיגען חומר
וואָס איז אין איר צענטען גילגול ניט ווערט.
אָה אַלמעכטיגער בורא זאָלסט מיך ניט פאַרלאָזען
אין מיין מלאכת הקודש וואָס איך גיי איצטער טיהן,
אויסדריקען געדאַנקען וואָס זאָלען באַזיצען
דעם ריכטיגען טייטש און פאַרשטענדלעכען זין.
דעם מענטשען וואָס איך וועל אַצינדער באַשרייבען
זאָל עקזיסטירען אויף גליקלעכע יאָר,
ווייל איך און מיין חבר מיסטער סאַל פיינשטיין
זענען געטרייע חברים אַ פּאָר.
קודם כל איז דער בחור אַ קינסטלער
אויף זיין אייגענעם לשון דריי פערטעל פאָרמאַט,
און וואָלט פון קאָמעדיע זיך אינגאַנצען דערוויטערט,
ווען ער וואָלט נאָר דעם שכל הישר געהאַט.

וואָס טויג דיר פאַרפּעסטען אַ ריינע נשמה
מיט ביליג-לצנישע נאַרישע שטיק,
ווען דו קענסט דערפרייען מענטשלעכע הערצער,

מיט דראַמע וואָס דו ביסט דאָרט אַן אַנטיק.
דיין ערלעכער שפּילען צעגייט אין די גלידער,
ווייסט דאָך אַליין נישט ווי ווייט דו ביסט גוט
פּאַרוואָסזשע זאָלסטו ניט פּאַלגען אַ מענטשען
וואָס קונסט און מבינות ליגט אין זיין בלוט.

אַנטלויף פון קאָמעדיעס ווי אַ שד פון מזוזות,
דו ביסט ניט באַשאַפען געוואָרען דערפאַר
איך וועל ניט דערלאָזען אַז מיין פריינד און קאָלעגע
זאָל מאַכען פון זיך אַ פולשטענדיגער נאַר...
עס האָבען פאַנטאַזיעס דעם בחור געצויגען
צו שוישפּיל געביטען אין זיין קינדערישען בליק
אויפטרעטען אויף ברעטער וואָס רופט זיך טעאַטער
אין דעם איז געלעגען פון חלום זיין גליק.

וואָלט פיינשטיין מיין חבר געוועזען אַ לערנער
אַ בטלן אַ מתמיד מיט תורה באַגריף
וואָלט ער פאַרשטאַנען די שטים פון געוויסען
דעם העלישען פייער וואָס ברענט אין אים טיף.
עס רייסען זיך קולות אַרוים פון זיין האַרצען
ר׳ צלצל — ר׳ צלאל, איר זענט דאָך אַ איד,
עס פלאַקערען פונקען פון גרויסער אמונה
עס שפּראָצט דער בטחון אין דיין יעדען גליד.

עס רוהען אַרום דיר מלאכים קדושים,
זיי וועלען דיך היטען אויף יעטווידען וועג,
די עטלעכע ווערטער וואָס איך האָב געשריבען
וועסטו באַגרייפען אין דיינע עלטערע טעג.
די סודות הבורא זיי זענען פאַרשלאָסען
פאַר דיר איז געבליבען צו האָפען און זען
ווען עס וועלען מיינע ברכות מקויים דיר ווערען
ערשט דעמאָלט מיין פריינד וועסטו מיר פאַרשטיין.

איך וועל נאָך דערלעבען דיר זען קאָלעגע
אין פרידלעכע שטימונג אין רייכבארען גליק,
גאָט וועט דיר באַצאָלען מיט פרייד און מיט שמחה
פאַר דיינע יסורים מיט יאָרען צוריק.

שפיל געמיטלעך דיין דראַמע אין וואָס דו ביסט געוען
זאָלסט האָבען הצלחה אויף יעדען געביט
נאָר איין זאַך טאָוואַרישט זאָלסטו ניט פאַרגעסען
ביסט געווען און דו ביסט און וועסט שטאַרבען אַ איד...

צו אַ מענטשעלע

צי האָסטו מענטשעלע אַמאָל
אַ טראַכט געטאָן ביי זיך:
מי אני ומה אני?
ווער אַזוינס בין איך?

איך טו זיך אָן און פוץ זיך אוים,
שפּאַציר מיר אויף דער גאַס;
האַלט זיך זייער גדולדיג
מאַך פון יעדען שפּאַס.
פּלוצים גיט אַ שטאָך אין זייט,
אַ שווינדלעניש אין קאָפּ
אין הארצען גיט אַ זייגער קלאַפּ
דער וויטאָג לאָזט ניט אָפּ.

איך הער אַ טומעל אַרום מיר
דער אַמבולאַנס איז דאָ
איך, דער גבור פון אַט ערשט,
בין דאַכט זיך באַלד נישטאָ

איך פיל מען שלעפּט מיך אין שפּיטאָל,
מיין שרעק איז אָן אַ גרונט;

איך ליג דאָרט אַפּ אוואָך צו דריי
און ווער צוריק געזונט.

איך האַלט זיך ווידער גדול׳דיג
ווי גאָרניט וואָלט געשען;
און בלייב דער זעלבער פּאַסקודניאַק
ווי איך בין געווען...

דער גרויסער נס

אויב פון גאָרניט ווערט אַ וועלטעל,
און פון פינצטערניש ווערט ליכט;
קען פון זילבען ווערען גראַמען
און פון גראַמען אַ געדיכט.

אויב פון וואַסער ווערט אַ מענטשעל
און פון מענטשעל שפּעטער ערד,
קען פון ערד צוריק ווערען וואַסער
און מענטש אויפסניי געבוירען ווערט.

אויב פון אייער ווערען הינער,
און פון הינער אייער צוריק;
קען איך לעבען זיך איינגעבען
אַז שלעכטס זאָל נאָך געבוירען גליק.

אויב פון שנורען ווערען שוויגערס
און פון איידעם ווערט אַ שווער
קען אַ רייכער ווערען קבצן,
און אַ חזיר מיליאָנער.

אויב פון א שטומען ווערט אַ חזן
און פון אַ קרומען ווערט אַ העלד,

קען אַ פערד אָנהויבען פירען
ביי דער נאָז די גאַנצע וועלט.

אויב פון אַ פאַרבער ווערט אַ רשע,
און פון אַ רשע ווערט אַ פלאַם
איז אַ סימן אַז ס'קען קומען
משיח אויך נאָך מן הסתם.

אויב פון קריג קען ווערען שלום
און פון שלום אַ יו-ען,
קען אַ נס מן השמים:,
פאַר ישראל'ן באַלד געשען.

אויב פון פרילינג ווערט אַן אָסיען
און פון אָסיען פרילינג צוריק
לאָזט זיך גלויבען בנאמנות
ס'וועלען טויטע ווערען לעבעדיג...

זינגענדע הערצער

קרישטאָלענע הימלען, גינגאָלדענע צייטען,
איר וואַלצט פאַר מיין בליק, מיטזילבער טרומפייטען
און סטרונעט ניגונים, פון ליכטיגע דורות,
מיט זינגענדע הערצער, באַפלאַמט פון מנורות.

נשמות געפעדעמט, ביינאַנד ווי קאָרעלען
ליפען געשנירעלט, ווי דורך לאַנגע טונעלען;
מיט פינגער פון סאַמעט געלאַסטשעט, געאָרעמט
מיט הייליגען אָטעם, וואָס גלידער צעוואַרעמט.

און עס טובלט מיין גוף זיך אין פריידיגע קוואַלען
און עס פליסטערט דער שלום, דורך ליבעס-געשאַלען;

און שטן אין זאַלצענע פלוסען צעגאַנגען,
און שונאים אויף אייגענע תליות געהאַנגען.

יאָ, איך זע אייך, איר לויכטענדע, לויטערע גייסטער
ווי עס זעט זיינע ווערק דער שאַפער, דער מייסטער;
איך זעה אייך און עס ברענגט מיר מיין האַרץ איצט צו טרערען
ווייל איך וועל שוין ביז דעמאָלט, מיט ערד זיך אָנקערען...

איך בין צו אים דערגאַנגען...

איך בין צו אים דערגאַנגען
דורך דער שטילקייט פון דער נאַכט,
ווען מיין אויג צו זיין פאַרבלענדעניש
האָט פלוצים אויפגעוואַכט.
איך האָב אָנגעהויבען זען
דעם אָנפאַנג און דעם סוף
נאָר דאָ האָט גאָט אַ וואָרף געטאָן
אויף מיר אַ טיפען שלאָף...

מיין חלום

אויף אַ זון — אויסגעקושטען ווייניקען סאַמעט
האָט מיין חלום געפליגעלט מיט זיידענע טריט,
און מיט קאָכיקער בענקשאַפט, ווי אַ פאַרליבטער ציגיינער
האָט ער אויסגעקלונגען זיין אומעטיק ליד.
אַ פויגעלשע ליד, דורך ווערבעס געשניצטע
פון מדבר'שען וואַנדער און דאַרשטיקען ברען;
פון דיכטערשע קוואַלען, פאַרלאַנגען צעהיצטע
אויף דעם שפיץ פון פאַרנאַס אַליין זיך דערזען.

און געטריפט אין די גלידער האָט אַ הייליגע זיסקייט,
געשמאָלצען אין האַרצען פאַרגליווערטע פרייד;
און איך בין געשטאַנען אונטער כמאַרעס פאַרדעקטע
מיט פאַרטרערענטע אויגען — געזיפצט שטילערהייט.

ס׳האָט דעמאָלט דער הימעל צו מיר ניט געוואונקען,
די שיין פון לבנה האָט מיך ניט געגלעט
ס׳האָבען ברוזיקע כוואַליעס מיינע וואונטשען דערטרונקען
ס׳האָט שטעכיגער דאָרען מיין געלעגער פאַרבעט — — —

מיין חלום, ער בלענדט זיך אין טויזענט גלגולים
און צוקערט זיין גומען אין געליטערטען צער —
און איך שטיי געקלאַמערט פון דער אייביגער פראַגע:
איך צי מיין חלום — ווער איז דער נאַר?...

די גאָלדענע מטבע

איך האָב די וועלט אין טאַש אַריינגעלייגט
ווי אַגאָלדענע מטבע;
האָט אַ שווארצע נאַכט מיר אָפּגעפרעגט:
צי בין איך חסר דעה?

האָב איך מיין צונג אין אייזען-העמד
פאַרפעסטיגט מיט אַ זיגעל;
איז נאַכט געבליבען רויט פאַרשעמט
ווי קין געגען שפּיגעל.

האָט הייסער טרער געוויקט מיין ברויט,
אויף זון מיין בליק געהאַנגען;
און שטילערהייט, אויף ווייס געבעט,
האָט אומעט מיך געפאַנגען...

צו שפּילען אויף בינעס

מאָנאָלאָג פון אַ טעאַטער מענעדזשער

צו שפּילען אויף בינעס מיט לאָמפּען עפעקטען
און אין קעסטעל זאָל זיצען אַ געשולטער סופליאָר
מיט דעם מיינע פריינד ווערט נאָך ניט איינער
אָנערקענט ביי דעם עולם פאַר אַ גוטען אַקטיאָר.

עס האָבען די זיידעס פון אידיש טעאַטער
וואָס האָבען געשפּילט אין שטעט און פּראָווינץ
אויסגעדריקט זייער מיינונג אַז שפּילען אין קעלערס
אַט דאָרט האָט זיך אָנגעהויבען די אַרטיסטישע קונץ.

איבערהויפּט ווען די צייט האָט זיך איבערגעביטען
און מיר זיינען געצוואונגען צו קומען אַהער
אייך אַמוזירען מיט געזאַנג און מיט דראַמע
איז שפּילען אויפן פלאָר פאַר אונז אויך ניט שווער.

דערפאַר וויל איך בעטען אייך מענער און דאַמען
פאַרהאַלטען זיך רוהיג אָן טאַראַראַם
און לאָזען אַצינד פאַר אייך אין די אויגען
אויפפירען אַ שיינעם אינטערעסאַנטען פּראָגראַם.

עס זאָל איינער ניט הוסטען דער צווייטער ניט ניסען
ניט שפּייען קיין קוואָדערס אַראָפּ אויפן פלאָר
עס זאָל פּעני ניט דזשענין שטורמיש באַגריסען,
ווי מען האָט עס געטאָן אין טעאַטער אַמאָל.

ניט סמאָוקען ציגאַרען ניט עסען קיין פּינאַטס
ניט שפּייען קיין קוואָדערס אַראָפּ אויפן פלאָר
מען זאָל זיך ניט שושקען איינס מיטן צווייטען
ווייל ס'קלינגט צו דעם עקטער ווי אַ קעצישער כאָר.

אַ דאַנק אין פאָראויס אייך מענער און פרויען
און אַלע וואָס זענען איצטער דאָ דאָ,
מיר הויבען אָן שפּילען פאַר אייך ליבער עולם
שיינע איינאַקטערס אין אַ גליקלעכער שעה.

עס זאָל נאָר אונזער שפּילען אייך איצטער געפעלען
מיר זאָלען פאַרדינען די קלעפּ וואָס איר גיט
מיר זאָלען אייך קענען צופרידען איצט שטעלען
און לייכטער וועט ווערען אויך אונזער געמיט.

העלישע שריפות

ווען מיין הארץ ווערט פאַרברענט פון העלישע שריפות
פרעג איך מיט טרערען בעל רחמים ווי לאַנג
די שנאה׳ס העמים רדיפות מגיפות
פאַרפייניגט פאַראורטיילט צום טויט אונטערגאַנג.

רבונו של עולם ווי קענסטו איינזיצען
אויסהערען געדולדיג ישראל׳ס געשריי
ביסט דאָך אונזער פאָטער פון אייביגע דורות
טוט דיר דיין הארץ פאַר אונז גאָר ניט וויי?

מען האָט דאָך פאַרצאַמט פאַר אונז אַלע וועגען
יעדער לאַנד האָט פאַרריגעלט פאַרשלאָסען די טיר
און דו זיצסט אין הימעל און קוועלסט פון צדיקים
וואָס זענען געפאַלען כורעים פאַר דיר.
שפּאַצירסט אין גן עדן מיט גאָלדענע קרוינען
און ס׳טראָגען מלכים דיין בריליאַנטענע שטול
און שמועסט מיט נשמות וואָס דעם הימעל באַוואוינען
מיט די לומדי התורה פון הייליגען שול...

און דאָ אויף דער ערד ווערען מענטשען פאַרלוירען
דורך שווערד און דורך מעסער דורך ביקס און דורך שפּיז,

עס האָט זיך דער טויט דאָ אין גאַנצען צעהוליעט
און ער איז געוואָרען דער אייביגער ריז.

דאָס לעבען איז יעדען געוואָרען דערווידער,
דאָס פאַלשקייט געבויט האָט דאָ איר פּאַלאַץ,
עס זינגט די רציחה דאָ בלוטיגע לידער
און טראָגט אירע פיילען אויף אַ זילבערנער טאַץ...

אָה צייל די קדושים פון היינטיגע צייטען
פון מאַמעס און טעכטער טאַטעס און זין
וואָס זענען געפאַלען קרבנות פון רוצחים
ווייל זיי האָבען באַלאַנגט צו דעם אידישען מין.

דערהער שוין דאָס כאָרכלען פון געשאָכטענע העלדזער
פון יענע וואָס זענען פאַרבליבען אין קלעם
און העלף זיי אַנטלויפען פון יענעם גהינום
אין דעם זכות פון הרוגים על קידוש השם.

צום משפט

זאָל מען שטעלען צום משפט די קרעץ קאַניבאַלען
וואָס האָבען דערטרונקען דער מענטשהייט אין בלוט
דורך וועמען עס זענען חיילות געפאַלען
אין לענדער אין דערפער אין וואַלד און אין שטאָט.

פאַר יעדען צעשאָסען געראַניעטען קרבן
וואָס האָט זיך געראַנגעלט פאַר פרייהייט און רעכט
און איז טויזענטער מאָל אויפן שלעכטפעלד געשטאָרבען
דאַרף מען האַלטען די שונאים פאַר אייביגע קנעכט.

אָה זאָל מען פאַרלענדען דעם טייוועלס חלפים
וואָס האָבען העלדזער געשניטען אָן מורא פאַר גאָט

און האָבען לא תרצח גענצלעך צעטראָטען
און האָבען פאַרניכטעט דעם גאַנצען געבאָט.

זיי האָבען די מענטשלעכע לייבער צעשניטען
געמיסטיקט די פעלדער מיט זייער געביין
אויף פריציייטיגע קברים זיך לוסטיג געריטען
פאַרטויבט זיך מיט באַקכוס אין זייער געוויין.

עס האָבען די הימלען פון צער זיך געשפּאָלטען
די ערדישע שיכטען ביטער געקלאָגט
ווייל עס ווערען די מענטשען אין געשטאַלט פון דער גאָטהייט
אַזוי אָן רחמנות געטריבען געיאָגט.

מען זאָל אין די שטייגען די בעסטיעס פאַרשפּאַרען
זיי זאָלען פון וויטאָג צעגראַבלען די הויט
אין תפיסה פאַרשליסען די ווילדע באַרבאַרען
באַווייזען אַז קנעכטשאַפט איז ערגער פון טויט.

מען טאָר אויף די חיות רחמנות ניט האָבען
די מיאוסע מיקראָבען פאַרפעסטען די וועלט,
זיי האָבען אליין זיך אַ קבר געגראָבען
מצבות פון רשעות אליין אויפגעשטעלט.

און אויב מען וועט וועלען די שלאַנגען פאַרשווייגען
ווייל ס'האָט דער רחמנות אין הארצען געצילט
וועלען שפּעטערע צייטען דער וועלט איבערצייגען
אַז מיר האָבען מאָראַליש די מלחמה פאַרשפּילט...

וואַמפּירען...

עס האָבען פיל מענטשען ווי קלאַמער וואַמפּירען
געצויגען מיין בלוט אין דער שטיל
מיין קערפּער געשיידיגט, מיין גייסט מיך באַליידיגט

צעטראָטען אויף שטויב מיין געפיל.
דו שטאַמסט פון סטאָליאַרעס קבצנ׳ישע טישלער,
וואָס האָבן געהאָרעוועט פאַר ברויט
און דיר ליגט אין זינען פאַנטאַזיעס אויסשפינען
דערווערבען אַ קרוין נאָכן טויט.
דערוואַכען זכרונות ווי נאָהענטע בלוטען
האָבען געשפּעטיגט געמיין
פאַרוואָרף די חלומות אויף פּוסטע מקומות
אויב דו ווילסט ניט קיין זעלבסטמאָרד באַגיין.

האָב איך מיט וויטאָג פאַרקלאַמערט די ליפּען
פאַרטרערענט מיין קושען פון צער
און מיט זיפצעלעך שטילע, געמורמעלט אַ תפילה
אָה העלף מיר אָלמעכטיגער האַר.
האָט מיר דער בורא פון הימעל געענטפערט:
פאַרצווייפעל ניט האַרציגער קנעכט,
דיין פּיין וועט פאַרשווינדען ווי שמאַרציגע וואונדען
ניט תמיד וועט גיין מיט דיר שלעכט.
זייט דעמאָלט בין איך מיט קוראַזש אָנגעפּאַנצערט
פאַרגאַרטעלט די לענדען מיט מוט,
איצט גאָרגלען חזירים, די מענטשלעכע ווערים
פאַרוואָס זאָל אים גיין אַזוי גוט?

זיי האָבען פאַרגעסען די פינצטערע ברואים
ווי איך האָב זיך געמוטשעט צום טויט,
כלים געטראָגען אויף מיינע שוואַכינקע אַקסעל
אַבי צו פאַרדינען מיין ברויט.
און ביינאַכט האָט די מוזע געלאָזט מיר ניט שלאָפען
ווי אַ שריפה געברענט מיין געביין,
באַפוילען מיר ווידער צו דיכטען די לידער
און מיר געצוואונגען פון בעט אַראָפּגיין.
און איך בין געזעסען ביז זעקס אין פרימאָרגען

געטונקען די פען אין דעם טינט
און זיבען בין איך צו דער אַרבעט געלאָפען
געיאָגט און פאַרפאָלגט פון דעם ווינט...

די פריילעכע פרויען

די פריילעכע פרויען דאָס זיינען די דאַמען
וואָס ווילען די מוחות פון מענער פאַרסמען
פון ערלעכע וועגען זיי אַראָפּקערען
אין אייגענע שמוץ איינזינקען צו ווערען,
ווינקען די אויגען און שטיפעריש פלוירטען
מיט פלענער פאַרנאַרען און שפּעטער אָפּטויטען
מיט שעדלעכע קראַנקהייט צום קבר באַגלייטען
קוים איינעם באַגראָבען זוכט זי אַ צווייטען.

אַזוי זענען די פרויען וואָס איר זעט אַרומלויפען,
זייערע זינדיגע קערפּערס צו מענער פאַרקויפען.
אָה איך קען זיי די טעכטער פון זינד אָנגעצונדען
וואָס דרייען די טאַליעס פאַר זייערע קונדען
און הייסען דערפאַר זיך גאַנץ טייער באַצאָלען
פאַרן טרויעריג בילד וואָס זי נעמט אייך אויסמאָלען.

עס האָט זי אַ ליבע אַ שלעכטע דערשלאָגען
געשעמט טאַטע מאַמע דעם אמת אויסזאָגען
ביז ס'האָט זיך צעבליט די ליבעם מיקראָבען.
אַ ווינקעל געזוכט דאָס נפש צו האָבען
איז זי פון דעם היים מיט שאַנדע אַנטלאָפען.
דאָרט האָט איר אַ גרעסערער אומגליק געטראָפען,
אַ יונג אַ קראַסאַוויץ וואָס פאַלט פאַר אים מיידען
האָט איר פאַרשפּראָכען דאָס ערדיש גן עדן.
ער וועט זי באַזאָרגען ביי זיין מומע דרייזעל

און האָט איר פאַרנאַרט אין אַ פריילעכען הייזעל.
זי האָט געוויינט און געשריגען, די פינגער געביסען
די קליידער דעם בחור אויף צווייען צעריסען,
נאָר אַ זעץ אין דער מאָרדע האָט איר אָנטדרימעלט
זייט דעמאָלט איז די בתולה געוואָרען פאַרשימעלט.

אַזוי וועט איר הערען די פרויען דערציילען
און וועלען מיט אייך איר לאַגע זיך טיילען
זיי זוכען אייך ווי טאָן אינגאַנצען פאַרדאַרבען
און לאָזען אייך איבער אין אַנגסטען צו שטאַרבען...

דינער פון קונסט

אַקטיאָרען — אַקטעריסעס און געזאַנגס פרימאַדאָנעס
און אַלע כלי זמרים און צימבלער אויף פיאַנאָס
זיינען העפלעך געבעטען באַטראַכטען די שורות
ניט ווערען פאַרפלאָנטערט אין פעסימיטישע חקירות
נאָר אָנבלאָזען די באַקען, אויסשטעלען די אויגען
לעזען גערולדיג און ניט אָנגעצויגען
די פאַרצייכענטע גראַמען פון קליינעם סקעלעט,
וואָס איז לא עליכם אַ שטיקעל פּאָעט.

איר ווייסט אַז מיר זיינען אַרטיסטען פאַרטראַכטע,
פון טייוועלשע לייצעס לאַנג שוין געכאַפּטע,
וואָס זוכען אַ מקום די נעכט צו פאַרברענגען
אויף פּראָסט מאַמע לשון ווי אַרומהענגען.
טראָגען רכילות פון יענעם, פון יענעם אָפּלאַכען,
און אָפט מאָל פאַר יאַלדען פון זיך אַליין מאַכען,
שיסען מיט וויצען און קנאַקען מיט גראַמען
און יענעמס נשמה גערדאַנקען פאַרסמען,
וואָס ברענגט ניט קיין נוצען קיין געלט ניט אין פּאַקעט,

נאָר גלאַט סתם אַ כלב וואָס דאַרטען באַלאַקעט,
ער רופט אונז טראַמבאַלניע, שונד קאָמידיאַנטען,
ווי קומט גאָר אַ חזיר צו שאַצען בריליאַנטען,
אַז קלייניקע ברואים זאָלען אונז קריטיקירען,
און פּראָסטע חמורים איבער אונז זאָלען רעגירען.
זיי קוקען אויף אונז ווי אויף באַנדע צעגיינער,
כאָטש טויזענטער מאָל זענען מיר אָפט פון זיי פיינער
מיר באַזיצען געדאַנקען, הערצער פאַרלאַנגען,
דערפרייען נשמות מיט דראַמע געזאַנגען,
וויל איך איר זאָלט דאָס גוט נעמען אין זינען,
אַז מיר זאָלען אַ מקום מנוחה געפינען
און ניט לויפען אהין ווי מען איז אונז ניט גערען
און זוכען אַ פּלאַן פון אונז פטור ווערען,
אָט דאָס וואָס איך זאָג אייך איז ניט קיין מליצה
צווישען אייך און דעם עולם מוז זיין אַ מחיצה...

דער הספד...

(אין טאָג ווען רוזוועלט אונזער פּרעזידענט איז געשטאָרבען)

ס'האָט אַ בליץ מיין מאַרך געצונדען
און אַ דונער מיר דערקלאַפּט,
ווען עס האָט די שלעכטע בשורה
מיין געהער נאָר אויפגעכאַפּט.
רוזוועלט טאַטע ביסט געשטאָרבען
אין דער בליהענדער מינוט,
ווען די גערעכטיגקייט געפאָדערט
האָט חשבון פאַר פאַרגאָסען בלוט.

ניין איך קען זיך איצט ניט טרייסטען
זעט מיין ווייטאָג, הערט מיין וויי,

רוזוועלט האָסט געלאָזט יתומים
ווער וועט זאָרגען איצט פאַר זיי?
זאָג זשע קדיש פאָלק ישראל,
קריעה רייס אין לינקער זייט,
ווייל אַ גרויסער אוהב אָדם
איז געשטאָרבען פאַר דער צייט.

אָה, איר בעסטיעס פון גערמאַניע,
אייער פרייד האָט ניט קיין זין,
ווייל רוזוועלטס גייסט וועט באַלד דאָך שוועבען
אין די גאַסען פון בערלין,
גרויסער גאָט און וועלטען שאַפער
גראַוויר מיין רצון און געבעט,
זע אַז רוזוועלטס מענטשען-ליבע
זאָל זיין אין טרומאַנען פאַרזייעט...
פונקט ווי ער זאָל ער מאַרשירען
צו דעם שטאַרקען ליכט און שטאַנד,
מאַכען פעלקער האַרמאָנירען
ראַסען גלייכקייט אין יעדען לאַנד,
פלאַנטער קנוילען שנעל אויפרייסען
שלום הערשען אויף דער וועלט,
ליבע אחדות און פרנסה
דאָס מוז ווערען אויפגעשטעלט...

גענוג שוין צו וויינען אויף טויטע...

גענוג שוין צו וויינען אויף טויטע,
ווען אויף לעבעדיגע שוועבט דער געפאַר,
ווען עס קנאַלט דורך די שפּאַלטען פון רשעות
יעדעם מאָל אויף אַ בייזער גזר.

לאָזט יענע קרבנות צופרידען
זיי העלפען וועט ניט אייער קלאָג,
אייניגקייט אָט דאָס דאַרפען אידען
צו צינדען דעם ליכטיגען טאָג.

דער טאָג, יאָ דער טאָג ער מוז קומען
די שעה בלויז אין אייך איז געווענדט,
וואָס וועט אַלע שונאים פאַרשטומען
ווען איר וועט ניט פאַרלייגען די הענט.

קאַמף האָט פיינט ציבעלע-טרערען
און ווערטער אָן טאַט האָט קיין זין,
טאָ זאָלען מיר וויינען אויפהערען
און צעטרייבען ביי אונז יעדער שפין...
טאָ גענוג שוין צו וויינען אויף טויטע
זיי ווילען ניט אונזער געוויין,
מיר דאַרפען נאָר זען אויסמיידען
עס זאָל מיט אונז ניט דאָס זעלבע געשען...

עס שפיגעלט זיך דער שלום...

עס שפיגעלט זיך דער שלום אין קווייטיגע פייאַטאַנען
און ס׳פּראַפּלען אַלע טייכען באַגייסטערטען געזאַנג,
אין שמחת תורה׳דיגען ריידעל האָפּקען נאַציאָנען
די זון האָט אויך באַקומען אַ פריילעכען אויפגאַנג...
עס צינגעלט ניט די באָבע מעהר פאַרנאַכטיגע פאַבעלען
פון לייבען און פון טיגערס פון שלאַנגען און פון הינט,
זי זינגט פון בלויע אויגען פון רויטינקע קאַרעלען
ווי עס שטראַלט זיך אוים אַ שמייכעל אויף אַ ניי געבוירען קינד...
עס שנאָבלען אַלע פייגעלעך די קערענדלעך צוזאַמען
און קאַנאַריקלעך זיי טרעלען שיר השירימדיגען שיר,

זיי גלאַנצען צו די הימלען און טראַכטען פון דער מאַמען
ווייל אַלע שבע חכמהלעך קומען דאָך פון איר.
די וועלט פאַרגייט אין טראָגען מיט פרימאָרגענדיגע טויען
און שוואַנגערט אוים גערדאַנקען מיט אַ פסחדיגע פרייד,
עס נעמען אוטעפּיסטען אונזער וועלטעל איבערבויען
פאַרווירקלעכען די שיינע אחרית ימימדיגע רייד.
דער צאָרען איז פאַרשוואונדען פון טייוועלשען געלעכטער
און זאַלצענדיג צעגאַנגען אין וואַסערדיגען פלום
זיין פּלאַץ האָט שוין פאַרריגעלט האַרמאָנישע פיר ווערטער
וואָס דערהויבען וועט דעם מענטשען צום הימלישען געוום.
דאָך הענגט נאָך ווי אַ פאָרהאַנג מיט אויסגעווייקטע פלעקען
איינגעהילט אין שוואַרצען אין שטנ׳דיג געשטאַלט,
וואָס וויל מיט זיינע מעשים די גאַנצע וועלט דערשרעקען
מיט שנאַהשאַפט אין הארצען און טומעלדיג געוואַלד.
די שלאַנגען נאָך זיי גיפטען מיט סמ׳ידיגע שפּייזען
און שלינגען מיט הנאה דעם וויטאָגדיגען וויי
און טמאדיגע חיות זייער כשרקייט באַווייזען
דאָך שפּיצלען רויטע פלעקען אויף אַן אויסגעקלאָרטען שניי.
דער מענטשלעכער באַוואוסטזיין ליגט ניט מער אין דרימעל
ער צילט זיין גאַנצע שאַרפקייט מיט אַ שפּיזעלדיגען שפּיז,
ער האָט זיך אָפּגעטרייסעלט פון דעם ווערימדיגען שימעל
עס האָט דער שלאַפער קאַרליק זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ ריז...

שנייד מיין האַרץ

שנייד אויף מיין האַרץ, דאָס בלוט זאָל זיך גיסען,
ווייל איך קען פון דעם לעבען שוין מער ניט געניסען,
איך קען שוין דאָס לעבען מער ניט פאַרטראָגען,
עס ציט מיר דעם אמת דעם צווייטען צו זאָגען.

איך קען מיט דער מאַסקע מער שוין ניט לעבען
איך מוז יענעם אין ווערטער די געפילען אויך געבען,
שנייד אויף מיין האַרץ די שמערצען אויך לינדע
געעפענט זאָל ווערען די אויגען פון בלינדע.

געגוג שוין צו טראָגען די טונקעלע ברילען
מיט פאַרבען און שמייכעל דעם כעס אַפצושטילען,
מאַסקירטע פאַרשווינען מיט שווערד שאַרפע צונגען
וואָס מיינען זיי זיינען גאָר וואוילע יונגען.

רייס אויס אַלע בענדער קייטען און צוואַנגען
וואָס האַלטען אין פאַלשקייט דיין לעבען געפאַנגען,
און וועסטו מיין פאַרלאַנג איינגאַנצען אויסמיידען
וויל איך דו זאָלסט איצט דאָס האַרץ מיינס אויסניידען.

פ ר ו כ ט

(איראָניע)

ס׳זיינען פאַראַנען פיל גליקלעכע טעג אין בחורשע לעבנס-פאַרלאַנגען
וואָס שלעפּען און ציען פאַרזוכען די פרוכט וואָס איז
מיט דער תאווה באַהאַנגען
מען ווערט ווי פון כישוף היפּנאָטעזירט, דיך ציט ווי אין פלאָם
צו פאַרקריכען,
ווייל דאָס איז פאַרבונדען מיט טאָרנישט און שטראָף ווילסטו
די פרוכט נאָר פאַרזוכען.
עס ווילט זיך דיר תמיד נאָר פרויערשע הויט נערוועזלעך
ווידער צו גלעטען
און האָסטו שוין איינמאָל דעם עפּעל צעקיים ציט דיך מיט
טויזענד מאַגנאַטען
פילסט זיך געבונדען מיט הימעלס געגוס, עס רייצט
דיין נשמה מיט פיבער

די קראַפּט זי איז גרוים, די פּרוכט אַזוי זים, אַך גאָט
ווי טראַגט מען דאָס איבער.

מענטשען זיי לאַכען און שפּאָטען פון דיר, דאָס איז נאַר
אַן אויפריים פון קנאה
ווייל דו האָסט די חוצפה צו עסען די פּרוכט, און זיי נעבעך
שלינגען די סלינע
זיי זאָגען אַז גאָט וועט דיר שטראָפען דערפאַר, אַ שמיץ
פאַר יעטווידער ביסען
אַלץ איינס וועט מען שמייסען מיט חשבון און צאָל,
פאַרוואָס ניט פון לעבען געניסען?

דער חלום אַנטקעגען

עס טאַנצט דיר דיין חלום אַנטקעגען
מיט צעריסענע שטריק אויף די הענט,
מיט שטויב אויף די שיך פון די וועגען
מיט אַ גאָלדענעם קעסעל צעמענט.

ער קומט צעמענטירען די מענטשהייט
ווי טאָוולען וואָס האַלטען דאָס בלאַט,
ווי אַ רעמעל וואָס פעסטיגט דאָס בילדעל
פון אַ געפאַלענעם טויטען סאָלדאַט.

גענוג האָט דער חלום געוואַנדערט
געהאַנגען אויפן שפּיץ פון געדאַנק
געקוועלט אין די פּוסטע מדבריות
געהויכט מיט דעם צוקונפט געזאַנג.

ער קומט איצט פאַרלאַטען די לעכער
וואָס ווינט און די צייט האָט געמאַכט,

ווייל פאַרפלייצט איז מיט טרערען דער בעכער
אַנשטאָט קלאָגען האָט קאַמף אויפגעוואַכט!...
יאָ עס טאַנצט דיר דיין חלום אַנטקעגען
מיט סערפ און מיר האַמער באַקלייד
און מיר לויפען מיט פרייד אים אַנטקעגען
מיט מעשים און נישט מיט קיין פלייט...

דער לייטער...

איר האָט געריינצעלט געדאַנקען מיט ראָזעגע לעפעל,
וואָס האָבען געקנוילערט שפּאָגאַטען געבוי,
פאַרשיכורט די מוחות מיט ברודנע רעיונות
פאַרפלעקט און פאַרבלאָדערט דעם שם אדני.
איר האָט יענעם געפליסיגט מיט כישוף געטראַנקען
געפעדערט מיט תאווה ווי פינגער פון ווינד,
געקאָרמעט פאַנטאַזיעס וואָס וועלקען און צאַנקען
פאַרבלאָטיגט נשמות מיט העסלעכע זינד.
און שטומיגע לעמער זיי האָבען געטראָטעלט
אין העלישען פייער וואָס גליהען די פּיס
און האָבען מיט טריפה כוונה געזשליאָקעט
דעם סם וואָס געדאַכט צו זיי האָט זיך זיס...
איצט ליגען געשוואָלען געבלאָזענע בייכער
פאַרשווינדען דער גלויבען אַנטרינען די רוח
עס כאָליען אין קברים די בלומען אָפּלאַכער
מיט צעפּראָלעטע אויגען און מאַכען ניט צו.
ס'האָבען טייוועלשע פינגער פאַר זיי אויסגעפינזעלט
אַ שיקזאַל פאַרזיגעלט פון זיין נע ונד,
צו זוכען אַ תיקון אין פעלדער אין וועלדער
אין שטורעם אין ווינד אין בוים און אין בלאָט.
עס זיינען די זאַליגע לאָמפּען פאַרלאָשען,

דער שטן ער טאַנצט שוין ניט מער אויפן וואַנט
מען האָט שוין די זאַנגען פון לאַנג אויסגעדראָשען
צעריבען די שטיינער און זייער באַשטאַנד.
מען זעט ווי עס פלאַקערט אַ ווירדיגער גלויבען
אין גערטנער וואָס האָבען אַ ווייסען באַדייט,
ווי עס שטייען אויף צווייגען און ס'קושען זיך טויבען
צוזאַמען מיט זיי די פרוכט פון דער צייט...
מען טאָר פון די הימלען קיין שפּאַסען ניט מאַכען
צו הויך איז דער לייטער צו טיף איז די ערד,
און יענער וואָס וויל ניט דעם אמת באַוואַכען
איז לאַנג פאַר משוגע געוואָרען דערקלערט...

קערפּער און גייסט

קערפּער און גייסט זיינען ביידע געזעסען, דערוויטערט פון
מענטשען אין פעלד,
גייסט האָט גערעדט פון גאָט און מלאכים, קערפּער פון תאווה
און געלט.
וואָס טויג דיר דאָס ביליגע שמוציגע געלט, האָט גייסט פון אים
פריינדלעך געלאַכט,
זע די רציחות און די מלחמות וואָס געלט אויף דער
וועלט האָט געבראַכט.

די בויסט פּאַלאַצען אויף שטאַרקע יסודות, דיין מי איז אָן ברעג
און אָן סוף
און פליהען אַריבער עטלעכע יאָרען, פאַרגייסטו אין אייביגען שלאָף.
אָה זיי ניט קיין נאַר האָט קערפּער געענטפערט, מיך ליבט מען
פיל בעסער פון דיר
עס האַסט דיך די וועלט זי וויל דיר ניט קענען מען פריינדעלט
זיך שטענדיג מיט מיר.

עס וועט קומען אַ צייט, האָט גייסט אים געענטפערט,
דיין אָרט איז די פינצטערע גרוב
מיך אָבער וועט קיינער ניט קענען באַגראָבען
דער גייסט גאָט אָט דאָס איז מיין שטוב.
פאַרשטאַנען האָט קערפּער די אמתע ווערטער,
באַנומען פון די אותיות דעם טראָפּ
און האָט מיט פיל ווייטאָג שאַנדע אין פּנים אַרונטערגעבויגען
דעם קאָפּ.

צו ענגלאַנד

בויג דיין אויער גרוים בריטאַניע און הער וואָס איך זאָג איצטער דיר,
ווילסטו ניט קיין פעלקער־שנאה, שאַף גיך אָפּ דאָס ווייס פּאַפּיר.
ס׳וויל די מענטשהייט מער ניט ליידען, מער ניט דולדען דיין פאַראַט
טויטע בעטען און מיר שרייען, גיב אונז שוין אַ אידען־שטאַט.

אויב פּראָטעסטען ניט דערגרייכען וועלען אונזער וואונטש און ציל
האָסטו ענגלאַנד אָנגעהויבען אַן עקעלהאַפטען טייוועל־שפּיל,
אונזער היים איז פּאַלעסטינע, גאָט אַליין האָט דאָס באַשטימט
מאָנען מיר ניט פרעמדס חלילה, נאָר דאָס וואָס אונז געזעצלעך קומט.

דיין אונטערגאַנג . . .

(וועלט פּראָטעסט)

מיט זיבען שפּיציגע קוילען האָב איך
מיין פאָר חלשט הארץ דורכגעלעכערט
פאַרפיינגט זיך אַליין ביז אין דער גסיסה
און מיט שאַרפע אויסגעשטאַרצטע אויגען
האָב איך קאַלטבלוטיג מיינע אָדערען אַרויסגעצויגען
פון מיין האַלב פאַרדאַרטען סקעלעט
וואָס איז געלעגען ווי אין הינערפלעט

אונ גערַאנגעלט זיך ווי אין תפיסה.
דאָס האָט דער צעריסענער פּיין
זיך אַליין מערדעריש באַשראָפט
נאָר דערפאַר וואָס ער האָט
אין זיין הילפלאָזיגקייט געהאָפט
אין פאַרטויבטערהייד אין דיר געגלויבט.

אין מיין הונגעריגען וויטאָג האָב איך ווי אַ צערייצטע חיה
וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען
פון די אייזערנע גראַטעס
אַרויפגעוואָרפען אויף דיר
און מיט די שפּיציגע ציין איינגעקלאַמערט אין דיין נידערטרעכטיגקייט
וואָס האָט מיר געהאַלטען אומרחמנותדיג פאַרשפּאַרט
זייט טויזענטער יאָר.
אונטער אַ האָגעל פון געלטגייציגע בייטשען,
און איצט האָב איך אין מיין ווילדען געלעכטער
דיין פאַרעקשנטע הויט צעריסען, צעפּאַלפּערט
און מיט אַ פאַרשטעלטע נאָז דאָס אָפּגעשונדען
און עקעלדיג אַוועקגעוואָרפען
זיך באַרעכענט אַביסעל —
דאַן האָב איך אויסגעגראָבען אַ טיפע גרוב
און אַריינגעשליידערט די נבלה אַהין,
כּדי זי זאָל ניט פאַרפּעסטען די לופט
וואָס מענטשען אָטעמען אַריין...
דערנאָך האָב איך דיינע גלידער אָפּגעשווענקט
אויסגעקוועטשט פון זיי דעם באַרויבטענם געשריי
און זיי קוועלענדיג אויסגעלייגט אויף ווייס געדעקטע טישען
און מיט אַלע הונגעריגע געזעצט זיך עסען
ווייל פריער האָסטו אַליין מיט עלעקטרישע לעפּעל
די גאַנצע פּאָרציע פאַר זיך צוגענומען
געמיינט אַז אַלץ קומט דיר, אַז די גאַנצע וועלט געהערט צו דיר
און צו דיר מוזען זיך אַלע בוקען,

קנייטשען אין דרייען פאַלען כורעים פאַר דיר,
דו האָסט דאָס פאַרמעגען פון דער וועלט
מיט אַ נאַטירלעכען אַפּעטיט
אַריינגעגאָסען אין דיין צעריסענעם
דורךגעפוילטען דורכגעשפּיזעלטען מאָגען.
איצט, איצט אָבער עסען מיר אַלע פון דיר
ווייל דיין אייגענער פּאַראַזיטישער פאַרלאַנג
האָט סוף כל סוף געבראַכט דיין שוואַרצען אונטערגאַנג...

דאָס אייביגע ליכט

עס טאַנצען די בערגלעך אין ווילדע גאַלאָפּען
און שטערען זיי שפּילען האַרמאָנידיג צו
און טויטע פון קברים איינער צום צווייטען
וואונקען זיך איבער אין זייער אייביגער רו.

און איך שטיי אַ בלאַסער, און ווייס ניט פון וואַנען
עס האָט זיך גענומען צו מיר דער געהער
איך בין ווי אַ בלום וואָס וועל שנעל פאַרוויאַנען
אַ פאַנטאַסטישער שפּילצייג, אַ חלום ניט מער.

אויך מיר וועלען מענטשען צו שטילקייט דערטראָגען
ווען מיך וועט באַגריסען מיין גאַר לעצטער שלאָף,
דאָך קען מיר דער טויט אויף אַ האָר ניט דערשרעקען
ווייל שטאַרבען קען קערפּער אָבער גייסט האָט קיין סוף...

די דריי באַהאַלטענע...

אין אַ טיף געדיכטע אָנטאַפּענדיגע נאַכט
ווען אַלע רוקענס זיינען איינגעקלאַמערט

און פון גאָרגלען קאַטשען זיך אַרויס
אויסגעמוטשעטע קרעכצען
האָב איך זיך שפּיצפינגערדיק אַראָפּגעשאַרט פון מיין האַרט געלעגער
און געמאַכט אויף זיך אַליין אַן אָפּעראַציע — אַ וואַזשנע
גערעטענע אָפּעראַציע.
שניטען וואָס האָבען פאַר מיר געעפענט נייע טויערען
איך האָב אַראָפּגעשניטען דעם שאַרבען
און מיט פאָרזיכטיגקייט איבערגעריסען ביידע זיידענע הייטלעך
אַרום מוח
און מיט ציטערדיגע פרייד אַרויסגענומען מיינע אייגענע
געהירען, כאַ, כאַ, כאַ.
יאָ, אמתע געהירען, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיגען.
איך האָב זיי דורכגעטאַפּט, דורכגעניושטערט — טאַקע
אַביסעלע אָנגעשוואָלען
איך האָב געוואָלט דערפילען דעם עקזיסטענץ פון מיין אייגענעם איך
זען און באַמערקען די נקבים׳לעך דורך וועלכע עס לופטיגען
זיך מחשבות,
די קעמערלעך ווי עס באַהאַלט זיך די האָפענונג — זאָרג צעשטרייאונג
מאָרגענדיגע זאָרג — נעכטיגע חרטה —
און די ברענענדיגע פראַגע, ווער בין איך האָט ווי אַ פייגעלע געפּיקעט
מיין גאַנצען באַוואוסטזיין.
ערשט אין אַן אָפּגעזונדערט ווינקעלע זיינען געלעגען דריי נפשלעך
עפּעס אַזוי איינגעקאָרטשעט — עפּעס לעבעדיגס-צאַפּעלדיגס
און עפּעס נאָך
אויף זיי איז געווען אָנגעשריבען מיט פייערדיגע בוכשטאַבען —
חיה — עגאָאיזם — משוגעת —
דריי רעדלעך וואָס קאָנטראָלירען דאָס פאַנטאַסטישע באַשעפעניש,
דאָס קאַניבאַלישע באַשעפעניש — דאָס אויפגעשטעלטע באַשעפעניש
וואָס אוראַלטער האָט געקרוינט מיטן פאַלשען נאָמען אָדם —
נאָר פלוצים האָט מיר אַן אויפגעברויזטער צאָרען
אַנידערגעשליידערט אויף דער ערד

און טויזענט שטימען האָבן גערעוועט ווי אין אַ שטורעמדיגער נאַכט
און אַ צעבייטשעלטע שאַרפקייט האָט זיך איינגעשניטען
אין מיין פּנים

מיין רוקען איז געווען צעאַקערט אויף טויזענט חלקים
איך האָב אַריינגעלייגט דעם ווייזפינגער אין מויל
אין ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען,
ערשט דאַן האָב איך דערפילט דעם תמצית פון מיין זיין,
דעם אייביגען אמת פון די דריי באַהאַלטענע:
חיה — עגאָאיזם — משוגעת.

אין פלאָנטער פון אייגענעם איך...

אין פלאָנטער פון אייגענעם איך
געבלימעלט פון מעכטיגען סוד
דאָרט בלאָנדזשעט אַ פונק אַרום זיך
און שרפהט אוים בענקשאַפט צו גאָט.

ווען נאַכט קושט די ערדישע רו
אין בלויקייט דעם הימעל פאַרדעקט
פאַלט אייביגקייט שטיל צו אים צו
און געטלעכקייט ווערט אים אַנטפּלעקט.
דער טייער פון צירקעלס פאַרשטאַנד
ווערט שאַלענדיג באַלד אויפגעפּראַלט
כּען פירט אים אַוועק אין אַ לאַנד
פון גאָלדענער זון אויסגעשטראַלט
ווייל אין פלאָנטער פון אייגענעם איך
געאָטעמט פון מעכטיגען סוד,
דאָרט בלאָנדזשעט אַ פונק אַרום זיך
און שרפה׳ט אוים בענקשאַפט נאָך גאָט...

די ווינטען...

איבערגעשראָקענע ווינטען אויף ריזיגע בערג
צעשפּרייטען מיט ווייהען זייערע צעדולדעטע געשרייען
און קומען גלעטען דעם ים מיט סם אין דער שטיל
און וועקען אויף דאָס הארץ פון כוואַליעס פיל.

די ווינטענצעדרייען די הימלען אַליין
און אום ניט צו פאַרשטיין
מאַכען זיי זיך קליין
מען זאָל זיי ניט דערהערען און דערזען,
ווען זיי רודערען
ווי דער שטן טאַנץ
ביי ליכטיגען גלאַנץ
מאַסקירטע שווישפּילער אונטער דעם גרים
מאַכען זיך קרום פאַרשטעלען דעם וועג
פון ליכטיגע טעג, און וואָלקענס פון כוח
טראָגען זיך הויך —
מאַכען זיך בראַוו — און דערשרעקען דאָס הארץ
פון יעדען באַשאַף.
און די צעבויגענע צוויגען קניהען צו דער ערד
אָהן אייגענע ווערט, ווי געשלעפּט פון מאַגנעט
ווי דורך אַ וועט און רעדען מיט שורך
מיט יעדען זוך דורך
און גלעטען דעם רויב פון אייביגען שטויב...

נקמה!

דאָס פאַרגאָסענע בלוט אויף די מזבחות פון פאַרגעניגען
זיינען אַלס שטימען צו מיר געקומען און געפאָדערט
אַז פאַר יעדער פריציייטיגע פאַרגאַנגענע נשמה
זאָל איך נעמען מאָמענטאַל ביטערע נקמה.

דאָ האָט זיך מיין איך פאַרוואַנדלט אין אַ שוחט,
פון מיין פּען איז אַ מעסער געוואָרען פון דאָ ביז דאָרט
און גרייכ'ענדיג דאָס פלאַץ האָב איך דערזען אַ נידה,
וואָס איז געשטראָפט געוואָרען מידה כנגד מידה.

צוריקגעצויגען האָב איך דאָס שווערד
מיט אַ שמייכעל אַ קאַלטען
וואָס איז געווען באַהאַלטען פון דור צו דור
טראַכטענדיג ווייל דעם אידנס גייסט איז אַ נר תמיד
און די שטראָף האָט ער באַקובען
פון די משוררים פון זיין אייגענעם עמוד...
געלייגט האָב איך זיך צוריק אין בעט
און נישט גערעדט
נאָר געקלערט, ווי דעם איד איז באַשערט צו ליידען
פון גלות און אויך פון די המנ'ס
וואָס זיי טרעפען אין וועג
דאָך קען מען זען
אַז נאָך יעדער אידישער מלא
קריגט דער רשע זיין מפלה...

פ אַ ר ל אַ נ ג ע ן

צערודערטע פאַרלאַנגען פון אָטעם בלאָז
און מיט פלינקייט פון אַ האָז
לויפען אָן אַ צוועק צום ברעג
צו שטילען זייער ווילען
קריכען זיי אָן שיין אין דער טיפקייט אריין.
און בלייבען שטעקען מיט פיס און הענט
אין פאַרגליווערטען צעמענט.
אַנדערע זוכען זיי אַרום אומעטום
ביז מען געפינט זיי טויט און ביינער אָן הויט

אין דעם שמוציגען קויט
און קערען זיך צוריק
מיט בענקשאַפט צום פאַרלוירענעם גליק.
זיי שטעלען צוויי ליכט פון צעגאָסענעם שטאָל
אַלס סימבאָל —
און די פאַרלאַנגען קרעכצען פון זייער געניי
אויף דאָס ניי, וואָס מען לאָזט ניט צורו
אין דער שטערבלעכער שעה
און ברענען מיט כעס און מיט האס אויף וועלטען כאַאָס —
היינט די קולות אַליין צו פאַרשטיין זייער מיין
איז גענוג צו ווערען קלוג און באַגרייפען שאַרף
זייער צאָרען איז ווילד און ניט געשטילט
און צורולאָזען די פאַרלאַנגען
וואָס זיינען פריצייטיג פאַרגאַנגען.

פעדעם

דורכגעצויגענע פעדעם אין גאָלדענע נאָדלען
נעהען אויף מאַנטלען פאַר דער צייט
וואָס איז ניט ווייט פון מענטשלעכען פאַרלאַנג
און קומען דורך זילבערנע חלומות פון מקומות צום דיכטער
מיט גלאַנץ און פראַכט
אין דער שטילקייט פון נאַכט.

און דער דיכטער שאַרט שטילערהייד
די גאַרדינען פון פענצטער נידעריגער אַראָפּ
און מיטן ווייסען ליילעך דעקט ער צו זיין קאָפּ
מען זאָל נישט קענען שטערען אָדער דערהערען
די זילבערנע געדאַנקען וואָס שפּראָצען
אין זיי מוח צעבליט דיכטענדיג אַ ליד
און דורך די וויהען פון דער נאַכט

געבוירט ער זיין קינד
און וויקעלט עס איין מיט הייסען אָטעם
פון פּאָעטישען קריטיק.
און ער ברענגט עס צו דער וועלט פאַרשטעלט
מען זאָל שאַצען די' ווערט
פון אויגען צוויי וואָס בלישטשען מיט וויי.
און ווען עס קוקען אויפן געבורט ברילען
פון וועזענס מיט האַלב גרוילעכע קעפּ
שווערען און געבען צו דערקלערען
אַז דאָס נפש וואָס איז
געבוירען פון געפיינלעכען שוים
אַז פון אַ האַנט געמאַכט
וואָס דער פּאָטער בלויז
געהערט אין אַ דולהויז...

דאָס אויסגעלאָשענע ליכט

דאָס אויסגעלאָשענע ליכט וואָס איז געשטאַנען אויף
דעם פירעקענדיגען טיש
אויף פיסלעך דריי, האָט אויף דאָס ניי אָנגעפאַנגען ברענען מיט מער
קראַפט ווי דאָס זאָל וועלען דערציילען
נישט ווערענדיג רויט די סודות פון טויט —

נאָר פלוצים פון זיך אַליין איז געבליבען שטיין דאָס ליכט
און מער ניט געוואָלט דערציילען די נייעס וואָס איז
פאַרבאָרגען זייט טויזענטער יאָר —
און אין די שפּעלטלעך פון ערד איז פאַרבליבען דער סוד פון גאָט.

דאָך פון די געזאַנגען און אויפגעכאַפּטע קלאַנגען
האָבען אייניגע עפּעס פאַרשטאַנען פון וואַנען

עס נעמט זיך דאָס לעבען טויט גאָט און וועלט
אַז אַלץ איז פאַרשטעלט מיט דיקע ווענט פון צעמענט —

דאָס אויסגעלאָשענע ליכט האָט זיך מיט די סודות געשטיקט
און נישט אויסגעדריקט וואָס עס איז געלעגען
אויפן לונג צו ברענגען אויפן צונג און אַמאָל
קען מען גלויבען אַז דאָס שווייגען איז געווען אַ וואונק פון אויבען.

פאַרביטענע טעג

פאַרביטענע טעג געזאַנגען פון גראָז
קומען געשווינד, פרעגט ניט פאַרוואָס?
שטימען פון לופט אָן מענטשען געשטאַלט
הימעלשע שריפט זעהן ווען מען באַלד.

פאַרריסענע קעפּ צום הימעל גאַנץ הויך
שוואַכע ווערן קריגען אייזערנעם כוח
בלוטדאַרשטיגע חיות וועלען ווערען געשטילט
די וועלט וועט מיט וואונדער זיין איינגעהילט
דער טויט וועט אַנטלויפען אונטער די בערג
די צייט וועט באַווייזען אַ נאַטירלעכע ווערק
און קיין פאַרשידענעם דור איז אַזוינס ניט געשען
וואָס אייער אויג וועט אין דער צוקונפט דערזען...

פאַרלוירענע וועלטען

פאַרלוירענע וועלטען האָבען זיך באַהאַלטען אין זייערע געצעלטען
און ווילען ניט אַרויסקומען פון זייערע שטיבער,
ווייל זיי איז פיל ליבער ווען מען זוכט זיי אַרום
זיי בלייבען שטום כדי מען זאָל האָבען אין זינען זיי זיינען צערינען.

נאָר אַמאָל ווען זיי פילען זיך צו שפּילען מיט דעם מענטשען־קינד
פאַרשטעלען זיי זיך אין מעלאָדיען און פליען צו דעם אויער
וואָס איז געוויינלעך באַשערט — און דאָס מויל פון דעם אויער
זאָגט, איך האָב שוין די מעלאָדיע געהערט.
ער ווייסט ניט, אַז דאָס איז די קונץ מיט וועלכע
זיי ווילען זיך באַנוצען אום ניט צו דערקענען
אַז זיי זיינען אַמאָל דאָ געווען און אַלץ געזען,
אַז דו האָסט אויך געלעבט אין יענער צייט...
נאָר מיט דעם שלאָפטראַנק מיצעל
און אָפּגעטאָן אַ שפּיצעל האָט דיר די נאַטור
איינגעוויגט אַלץ צו פאַרגעסען
ווי דו ביסט אַמאָל געשטאַנען, געגאַנגען, געזעסען
דערפאַר ווען דו קומסט ווי אין אַ לאַנד
איז דיר עפּעס אַלץ אַזוי מאָדנע באַקאַנט.

זיידענע געבירטען

איר אויסגעטאָקטע דורות, פון זיידענע געבירטען
ניט באַלעסטיקט מיין זכרון מיין צעטרייסעלטען קאָשמאַר
ווען זילבערדיקע קנוילען אויף גאָלדענע געוויכטען
צו אַקערען באַוואוסטזיניק מיין אויפגערייצטען צער.

עס דערגרייכען צו מיר קולות פון אומבאַשטימטע ווייטען
פון אויסגעוויינטע טרערען, פון צאַפּעלדיגער נויט
פון טייוועלשען געלעכטער פון סדומדיגע צייטען
ווען צעווילדערט האָט געהוליעט אַ משוגענער דער טויט...

ווען געטובלטע פאַנטאַזמען, זיך חלומ׳דיג צעשפּרייטען
מיט קאָלערירטע פליגעל אין שטן פון דער נאַכט,
און דאָרשטיגע פאַרלאַנגען קומען יובלדיג צו רייטען
צעפלאַטערט מיין נשמה מיט אַ שטראַלענדיגער פּראַכט.

עס וואַכען אויף זכרונות, ווי געפליגעלטע מלאכים
און פוצען די גלגלים, מיט פרימאָרגענדיגען טוי
און די געטלעכקייט אין הימעל קוועלט אָן פון די שבחים
און שפיגעלט זיך מיט ליבע אין יצירהדיג געבוי.

באַלעכטיגט צוריק די קנויטען פון שוימענדיגע יאָרען
ווען איך האָב אין זיבען זונען געטונקען נאָך מיין פען,
ווען מבינות האָט גענישטערט מיינע דיכטערישע שפּאָרען
און פּאָעמען וואָס געדיכטעט האָט אַ אינגעלע פון צען.

צעגלידערט מיינע שוועלען איר אויסגעקרוממטע מוחות
פאַרשיכורט זיך מיט קוואַלען, מיט הימעלשען באַגער
ווייל עס בליהען זיך פּאַנאַנדער מיט בראשית'דיגע כוחות
די בלומען וואָס באַוואַסערט, האָט אַ רעגענדיגער טרער.

עס הויבט זיך אָן אין צפון אַ שטערענדעל באַווייזען
וואָס וועט זיך נאָך פאַרוואַנדלען אין אַ מעכטיגען פּלאַנעט,
עס וועלען זיינע שטראַלען די גאַנצע וועלט באַרייזען
אויב אים וועט ניט צעשטויסען אַ נעכטיגער קאָמעט...

עס קלינגט שוין אָפּ דער ניגון פון טויזענטער טראָמפּייטען
פון האַרפען און אַקאָרדען פון געטלעכען געזאַנג,
עס פּלאַנעווען טמאים ווי די פידלען צו צעטרעטען
נאָר קרעפטיג איז דער ניגון, געפּאַנצערט איז זיין גאַנג.

שטעכט ניט דערנער מיט די שפּיצען

שטעכט ניט דערנער מיט די שפּיצען
לאָזט אַ ווײַלע אָפּ
כ'וועל אין גאָרטען לאַנג ניט זיצען
לעכערט ניט מיין קאָפּ.

לאָזט געניסען פון די פרוכטען,
פון עפּעל באַר און פלוים
כ׳ווייס אליין אז דאָס באַנקעטעל
איז נישט מער ווי אַ טרוים.

לאָזט מיר חלומ׳ען אביסעל
גלעטען פאַנטאַזי
שוועבען אין די בלויע הימלען
פאַר מיין שווערער מי.

לאָזט מיר שפּילען אויף מיין האַרפּע
זינגען מיין געזאַנג
קוים שטערט איר מיט די הערנער שאַרפּע
וועל איך ניט שפּילען לאַנג...

אין די צירקלען פון דער בלויער אייביגקייט

אין בלויע צירקלען פון אויפקום און געדריי
האָט הימעל אויסגעשפּרינקעלט פרימאָרגענדיגען טוי
און אויף שאָטענדיגע ווענט פון זונעגען פאַרגיי
האָבען שמות אויסגעליכטיגט יצירהדיג געבוי.

רוישען אָטעם-קינדער דורך פעדעם פון געהער
און רייצען אין בעל חלום אין סופיגען פאַרלאַנג
צו לופטערען דמיונות — פאַרשלעפערען באַגער
אין פרימאָרגעדיגע גרויען אויסצובליהען אַ געזאַנג.

פיר פאַרברענטע פייגעל

פיר פאַרברענטע פייגעל
זשאַרען אויף מיין רוקען

פאַר׳שרפה׳טע פון בליצען
אַ שרעק אויף זיי צו קוקען.

וויינען דאָרענדיגע נעכטענס
אויף דעם היינטיגען פרימאָרגען
בעט די לבנה ביי דער זון
זי זאָל שטראַלען איר אויסבאָרגען.

שפּאַלט אַ דונער זיך אויף צווייען
און צעטרייסעלט אַלע בריקען,
ווילען בייזע שוואַרצע ראָבען
די אויגען מיר אויספּיקען.

נאָר שטאַרקער קלינגען גלעקער
וואָס צעשויבערט זייער ווילען
און פון גרויע בלויע וויטען
הערט מען הינט משוגע בילען.

שפּאַנען דורות איבער פלאַמען

שפּאַנען דורות רעש צעדולטע
איבער פלאַמען ברייט און ווייט
סטרונען פידלען הענט געשולטע
שאַלען אוים אַ העלע צייט.
הוליען ווינטען אין די פעלדער
אָנגעהויכט מיט פרייד און גלאַנץ
שאָקלען בלעטער זיך אין וועלדער
האָפּקען אַ משיח טאַנץ.

נאָר אויף אַ בערגעל זיצט אַ זכר
בליקט אַראָפּ אויף רויטער ערד

ווי דער קלאַנג פון אַקער־אייזען
האָט צשטיקערט אים זיין שווערד.
זאָגט ער אָפּ אַ שוואַרצען קדיש
זינקט אַראָפּ אין טיפען טאָל
שווערט אַז ער וועט דאָרט פאַרבלייבען
אין דעם חושך אַלע מאָל...

באַהאַלט מיין פאַרגאַנג אין געזאַנג

ווען דער בלויער פייער האָט אויפן וואָגשאָל פון געמיט
דעם לעצטען גערויש פון די שפּיצען בערג דערהערט
האָט זיך דאָס לאַנגע וואַנדער ליד, התלהבותדיג צעגליט
און אַ געהייליגטע צום הימעל אויסגעטרערט
באַהאַלט מיין פאַרגאַנג אין געזאַנג.
און דאָס איז געשען אין יענער שעה
ווען פרי האָט נאַכט געקרייזט
און הימעל האָט מיט זיסע פרייד
דעם גראָז מיט טוי געשפּייזט.

זייט יענעם טאָג האָט צייט געקריצט
דאָס קול אויף דורות לאַנג
באַהאַלט מיין פאַרגאַנג אין געזאַנג

שיינט דער זילבער קאָרען

שיינט דער זילבער קאָרען
און שפּאַרט די צייט פאַראויס
פייגלען זיך די יאָרען
איבער בלאַט און רויז.

שוועבט אַ טרער פון ווייטען
קילט אָפּ די היץ אין טוי
קומט אומעט באַלד צורייטען
און צעשמעלצט גלייך זיין געבוי.

שוואַרצען מער די כמאַרעס
איבער הימלען ברייט
לעכטיגט אויף אַ זונען שטראַל,
און צעשטערט זיי שטילערהייד.

ווייסע טויבען

ווערטער וואָס זיינען געֿטובל'ט געוואָרען אין גליענדיגען פייער פון וועלט-כאַאָס האָבן זיך פאַרוואַנדעלט אין ווייסע טויבען, און זיינען צעפליגען צו מיין פענצטער און מיט די שנאָבען אָנגעקלאַפּט אין די שויבען, און האָבען אַלע אויסגעוואָרקעט שטיי אויף די נייעס צעבראָכענער! די איינגעטריקענטער בינטעל ביינער, די שחיטות האָבען אויפגעהערט, דאָס שעכט הויז איז פאַרמאַכט, די זון קלע־טערט שוין אויפן מזרח זייט.
און דו ליגסט און טונקסט דיין פאַרצווייפלונג אין דעם אויפגע־ברויזטען צאָרען פון דער וועלט — שטיי אויף! מיר האָבען פאַר דיר אַ באַרעכטיגטע בשורה
אַ טרייסט וואָס וועט דיך דערקוויקען
מיר האָבען די געבראַכט פיר אותיות,
דו זעסט די פיר אותיות.
יאָ, די פיר אותיות וואָס טריפט פון זיי בלוט
בלוט, פון יונגע קינדער, בלוט, פון זקנים
און בלוט פון אַלע אין איינעם.
קוק אונז ניט אָן מיט פאַרזשמורעטע אויגן
דאָס איז דאָס קול פון אַ שין — דער צער פון למוד
די פיין פון וואָוו — טרערען פון מעם —

קיטל זיי צוזאַמען — וואָס באַדייטען זיי?
שלום? יאָ, בלוט קויפט דעם שלום —
שלום ווי לאַנג?
ס׳איז אין דיר געווענדט, אין אַלע געווענדט
אויב דו וועסט אויסרייסען
די קראַפּאָווע
פאַרניכטען, די דערנער — אויסגלייכען בערג
וועט הערשען שלום לעולם ועד —
און ווען ניט? ביי דער פראַגע זיינען די טויבען אין כעס געוואָרען
און אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פליגלען — און אין די דריי
פליגעלשע קלעפּ
האָט אויסגעקלונגען דריי ווערטער — געשיכטע ווידערהאַלט זיך.

די ירושה פון געזאַנג

ווי אַ קאַלטער טרער אין רויטען פּלאַם
געשמעלצט האָט זיך מיין וואָרט
האָט בלוי שעה אין ווייסען ראַם
געשפּראָצט מיט נייע געבורט;
איז וועלט געוואָרען איינגעהילט
מיט ליכט פון זון אויפגאַנג
האָבען הימלען זיבען אויסגעשפּילט
די פרייד פון מיין געזאַנג.

און אַז וואָלקען אומעט האָט געקושט
מיין נאַכטיגען קאָשמאַר
האָבען שוואַרצע ראָבען אויסגעפּיקט
מער וואונדען אין מיין צער
נאָר שוועבט אַ דור נאָך דור פאַרביי
און ירשנ׳ט ווער דעם סמיק
ליכטיגט אויף אַ דריטער דור
און שפּינט ווייטער אוים זיין גליק.

דער גרויער טאָג

ס'האָט גרויער טאָג אַריינגעווינט
מעסערדיג אין הארץ
און יעדער וואָלקען ווי פאַרשטיינט
האָט אָפּגעשלאָגען שווארץ..

נאָר דער רויש פון ים האָט זיך געקלעפּט
צו כוואַליע פון געהער
און דער זאַמד האָט זיך אַליין געוועבט
אין דורשט פון זיין באַגער.

צוואַנציג יאָרהונדערטיגע ציוויליזאַציע

נעם מיין זון אַ שטיק פּאַפּיר, און פאַרצייכען דאָס ביי דיר,
אַז דאָס אַלץ איז געשען, ווען דיין עלטער זיידע איז קליין געווען
און פאַרגעס אויך ניט ביי יעדער וואָרט, דריי פּינטעלעך
צושטעלען דאָרט.
מאַמע, פרעגט דער זון צו וואָס, דאַרף מען פּינטעלעך צום שלום?
ווייל יעדער פּינטעל איז אַ זינד, וואָס איך קאָן דיר ניט
דערקלערען קינד
דו ביסט נאָך יונג, כמעט גאָר קליין און דו ווערסט עס ניט פאַרשטיין.
נו מאַך עס שנעל און שרייב שוין אָן, וואָס דעמאָלט האָט זיך אָפּגעטאָן
און זאָל די וועלט אין יעדען דור, פאַרשעלטען יענעם טייוועל נאָר,
וואָס האָט גזירות אויסגעטראַכט, דריי פערטעל וועלט חרוב געמאַכט
געטאָס און געטע לאַטעס ברענעדיקע אויוענס און גאַז קאַמערען
סאַדיסטען און באַרבאַרען, דעגענעראַטען און דיסקרימינאַציע,
אַט דאָס מיין קינד האָט געהייסען ביי זיי ציוויליזאַציע
איצט שרייב ווייטער, אַזוי כסדר
נואפים און מערדער, רוצחים און קינס

פערד שפּיל און שיכּרות, ציגאַרעטען און אָפּיום
געבורט קאָנטראָל און סטעריליזאַציע
קאָרטען און דעפּאָרטאַציע.
אַט דאָס מיין קינד האָט געהייסען ביי זיי ציוויליזאַציע.
און ווען דער זון האָט פאַרענדיקט די שענדלעכע ווערטער
דיסקרימינאַציעס דעפּאָרטאַציע-סטעריליזאַציע
האָט ער מיט וויטיק אין קול אויסגעשריגען:
טפו זאָל ווערען אַזאַ 20 יאָרהונדערטדיקע ציוויליזאַציע...

טאַנצען ניגונים

עס טאַנצען ניגונים אויפן פּויק פון מיין אויער
ווי הייליגע שמות אין אויג פון מהר״ל
און רייסען ד שלעסער אַראָפּ פון מיין טרויער
און ווילען זיך טובלען אין גייסטיגען קוואַל.
עס ווערען פון שרעק מיר צואָדערט די גלידער
און אַנגסטען פון סופ׳ן באַגלייטען מיין רוה
זיי שווערען זיי קערען מיט מיר זיך אָן ברידער
און אַלע ווי איינער לאָזען זיך צו.
זיי הויבען די ברעמען מיט וואַטענע שטרויען
און גלעטען מיין פּנים מיט וואַרעמע פרייד
עס שרייט מיין נשמה, דו זאָלסט זיי ניט טרויען
זיי טראָגען אַ מעסער דאָרט אונטערען קלייד.
דאָך ליכטיגען שטערען פון הימעלשע ספערען
און פינטלען געדאַנקען מיט אייביגען גלאַנץ
און וואַרפען אַראָפּ צו מיר פון גלגלים
אַ מתנת העליון אַ דיכטערישען קראַנץ.
און עס וועקט מיך דער חלום פון אייביגע סופ׳ן
אין שפּרייז פון גערידער אין שטורעם פון צייט,
און וויקעלט מיך איין אין פאַנטאַסטישען האָפען

און שטעכט מיר מיט זילבערנע נאָדלען אין זייט
אַזוי בלעזלען מחשבות אין בלויעגע ימ׳ן
און וויקלען מיט ציטער מיין גאַנצען פאָרמאַט
און וולען די זיסע פאַנטאַזיעס פאַר׳סאַמען
ווי גיפטיגע פיילען דאָס בלוט פון סאָלדאַט.
נאָר פלוצים מאַגנעטיגט דער שטאָלענער גלויבען
וואָס האָט אַלעס געפאָרעמט צו שטאַנדען געבראַכט
דער דת וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט ביז הויבען
ער וועקט און ער רופט מיך אין מיטען דער נאַכט
ניט שרעק זיך מיין קינד פאַר וואַלדיגע חיות
פון אייגענע שנאה זיי ווערען פאַרלענדט
אל תרא פאַר זייערע ווילדע הוויות
עס שיצט דיך מיין פאַנצער וואָס דו האָסט דערקענט . . .

איך האָב גאָט אין מיין האַרצען געטראָגען

איך האָב גאָט אין מיין האַרצען געטראָגען
ווען נאַכט האָט פרימאָרגען גענלעט
אויף דעמאָלט ווען די אַסטראָלאָגען
האָבען מיט דערנער מיין צוקונפט פאַרבעט.

ווען אַ זוניגער שטראַל אויף אַ פענצטער
האָט מיט גאָלדענער פאַרב זיך געשפילט
בין איך ווי אַ וואָרים דער קלענסטער אין שטנס געווען איינגעהילט.

ווען ניט יענע פאַנטאַסטישע פונקען
וואָס האָבען געגליט אין געדאַנק
וואָלט איך לאַנג געווען שוין געזונקען
אין חושך וואָס הייסט אונטערגאַנג.

איך בענק נאָך דיר

איך בענק זייער נאָך דיר
לעזער דו מיין
ווייל אָן דיר קען איך דאָך
קיין דיכטער ניט זיין.

איך ווער פאַר מיין שרייבען
נאָר דעמאָלט באַלוינט
ווען דו האָסט מיר אַלס
דיין דיכטער געקרוינט.

עס שרייבט זיך מיר בעסער
עס זינגט דאָס פּאַפּיר,
ווען איך ווייס אַז איך שרייב
אַ לידעל פאַר דיר.

און צינדען ביי דיר זיך
די אויגעלעך אָן
גאָט מיינער, ווי וואָלט איך
אַ קוש דיך געטאָן.

דו אָטעמסט ניי לעבען
מיר דעמאָלט אַריין
די געטלעכע שכינה
שלעפערט מיך איין.

עס הויבט אָן מיין מוזע
צו טאַנצען פאַר פרייד,
און רוימט מיר איין אויער
אַריין שטילערהייד —

נישט בלויז דיר אַליין
קומט דער קאָמפּלימענט
איך מוזע האָב אויך
אין דיין דיכטונג געברענט.

דורך מיר איז געוואָרען
אַ ליד אויף פּאַפּיר,
איז בענקען מיר צוזאַמען
לעזער נאָך דיר...

צעבראָכענע פידלען

מען רופט מיך דער משוגענער

מען רופט מיך דער משוגענער, פאר וואס בין איך משוגע?
האט זיך איינער פון אייך אין מיר פאראינטערעסירט
וואס האט מיך צו דער שרעקליכער לאגע געפירט?
כאכאכא, איך בין א משוגענער,
ווייל דער מלאך המות האט אין גאס געטויטעט מיין קינד אין דעם
טאג פון זיין גראדזשואיישאן.
ווילט איר איך זאל אייך שיקן צו דער שמחה אן אינוויטיישאן?
און דער בעל הבית האט מיך ארויסגעשליידערט פון פאבריק
ער זאגט, אז איך בין צורודערט און מאך משוגענע שטיק
איך לאך און וויין און רעד צו זיך אליין.
ער שרייט: גיט אים דעם טשעק און שיקט אים אוועק
ארויס פון דאנען דו משוגענער הונט
א משוגענער טאטע פון א געטויטעטען קינד.
אוי מיין קאפ! ווער האט מיר אנגעצונדן א פייער אין קאפ?
איך פיל, אז איך גיי פון מיין זינען אראפ —
אט זע איך די סצענע פון יענעם שרעקליכען בילד
וואס האט מיין אינגעלע, מיין דזשעקעלען אויף אייביג פארשטילט;
דאס פנים'ל פארבלוטיגט, דאס קערפערל אין צוויי
און עס טראגט זיך פון די מאסן א ווילדער געשריי:
א קינד איז גע'הרג'עט געווארן!
א קינד איז גע'הרג'עט געווארן!
פאלים ארום און ארום און א צושניטן קינד אין מיטן גאס
און כליאפעט דאס בלוט ווי וויין פון א פאס
און מענשן מיט צושראקענע אויגן קוקן
אויפ'ן צוריבענעם קרבן וואס איז געפאלן,
אונטער די רעדער פון א לויפענדער מאשין,
וואס איז ערפונדן געווארן פון טייוועלס א זון

וואָס איז געטריבן געוואָרן פון אַ שכורן דרייווער, אָהן קאָנטראָל ווען
קינדער גייען פון סקול.

און אין יענעם פאַרצווייפלטן מאָמענט, רופט אַ פּאָליסמאַן פון הויז מיך
אַראָפּ

און איך פיל, אַז די פלאַמען פאַרברענען מיין קאָפּ
איך גיי צו צו מיין קינד, מיין יונגעלע מיין שיינס,
מיין מלאך׳ל מיין קליינס
ווי אַזוי, ווי אַזוי איז דאָס אומגליק געשען?
בעסער וואָלט עס מיט דיין טאַטען געווען
מענשען, קוקט אָן מיין קינד, פאַר וואָס? פאַר ווען? פאַר וועלכע זינד?
דו האָסט דאָך נאָך גאָרנישט געלעבט און געפריידט
און שוין האָט דער טויט אונז ביידן צושיידט.
אויב איך האָב געזינדיגט, פאַר וואָס האָט מען מיך ניט באַשטראָפט
ניט אויף דעם האָב איך שטענדיג געשטרעבט און געהאָפט
פּאַפּאַ, זאָגט מייןקינד צו מיר דאָן אין דער פרי —
איך בין געלערנט, אָבער דעם דאַנק קריגסטו,
האָסט געאַרבעט, געהאָרעוועט, געשיקט מיך אין סקול,
געטרוימט איך וועל ווערן אַ דאָקטאָר אַמאָל;
פּאַפּאַ דו וועסט זען וועסט שטאָלצירען מיט מיר!
און היינט זע איך אַ קבר, אַנשטאָט זונדעלע דיר.
אוי מיין קאָפּ! ווער האָט מיר אָנגעצונדן אַ פייער אין קאָפּ?
מען רופט מיך משוגענער, פאַר וואָס בין איך משוגע?
ווייל וואו איך גיי און וואו איך שטיי, הער איך מיין קינדס געשריי —
פּאַפּאַ!... פּאַפּאַ!... פּאַפּאַ!...

⁂

דער פאַרגעסענער קינסטלער

געלעבט האָט אַ קינסטלער וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן
געווידמעט צו דראַמע, קונסט און געזאַנג
און ווער עס האָט אים אויף דער בינע געזען,

פלעגט אים געדענקען, און שעצען גאַנץ לאַנג.
ער פלעגט מיט זיין שפּילן די הערצער צוברעכן,
באַצויבערט פלעגט ווערן יונג און אַלט,
אַפּלאָזן זיי פלעגן ווי דונערן קראַכן,
ווען באַווייזן האָט זיך זיין ליבער געשטאַלט.
די בראַוואָ געשרייען זיי פלעגען צוזייסן
דעם פיינליכן אומעט פון אידישן צער,
דער קינסטלער פלעגט תמיד שטאָלץ און צופרידן
דעם פובליקום אייביג זיין דאַנקבאַר דערפאַר.
האָט זיך דאָס רעדל פון אידיש טעאַטער
טראַגיש פאַרפלאָנטערט אין קריזישער צייט.
אַראָפּ איז דער קינסטלער אויך פון דער סצענע,
זיין בענקשאַפט צו שפּילן גייט אויס פון דער ווייט.
בלאָנדזשעט דער קינסטלער ארום אין די גאַסן
מיט אַ ביטער און פיינליך פאַרצווייפלט געמיט,
און מענשן וואָס האָבן אים בלומען געוואָרפן,
דערקאָנען דעם סטאַר שוין אפילו היינט ניט.
מורמעלט ער ווערטער, זאַצן און פראַזן,
פונקט ווי ער וואָלט זיין ראָלע רעפּעטירט;
מאַכט מיט זיין פנים אין זשעסטען, גרימאַסן,
עס ווייזט זיך אים אויס, אַז ער איז גרימירט.
אָט הויבט זיך דער פאָרהאַנג, עס שפּילן די כלי־זמר,
אָט איז דער סופליאָר אין באָקס שוין אריין.
דיין נעקסט איז געקומען, שרייט אויס אַ פירער
סטאַר פון טעאַטער, פאַרן פובליקום ערשיין.
ער שפּילט איצט זיין ראָלע הארציג באַגייסטערט,
פאַרכשופ׳ט די הערצער פון קליין און פון גרויס,
אַנטציגט איז דער עולם פון זייער ערוויילטן
און רופן מיט ליבשאַפט דעם קינסטלער ארויס.
עס טראָגן דעם קינסטלער אוועק די פאַנטאַזיעס,
הויך אין די הימלען צום געטליכן גליק.
ער פילט ווי געבונדן פון גייסטליכע כוחות

און קען צו דעם עולם ניט ערשיינען צוריק.
פאַר וואָס האָט אים פלוצלונג ווארגן גענומען,
ווער קלאַמערט די נעגל אין האַלז אים אַריין,
פאַר וואָס איז זיין פּנים פאַרענדערט געוואָרן,
ווער האָט פאַרלאָשן פון דרויסן די שיין?
אים ווילט זיך אויסשרייען: לאָזט מיך צופרידן!
מערדער, באַנדיטן, וואָס ווילט איר פון מיר?
איך האָב אין מיין לעבן נאָך פּיעסן צו שפּילן,
אָט, קוקט אָן אַ ראָלע, וואָס איך איצטער שטודער.
מען הערט ווי עס טומעלט זיך זאַקוליסן,
אַ האַרץ־שלאַג געקראַגען, ער ליגט טויט און בלאַס,
אָבער הערן און דאַמען נישט אויף דער בינע
איז דער קינסטלער געשטאָרבן, נאָר דאָ אויף דער גאַס.
עס האָט אים דער חלום פון שוישפּיל פאַרלאַנגען,
איצטער אַנטשלעפערט גאָר אומגעריכט.
אַדיע אייך קאָלעגן, פאַרענדיגט מיין שפּילן,
האָבען זיך ווערטער געלייענט אַראָפּ פון געזיכט.
און אַזוי, ליבע פריינט, האָט דער קינסטלער פאַרענדיגט
זיין לעבן צום סוף פון דראַמאַטישן אַקט,
נאָר דערפאַר, ווייל ר׳איז פאַרגעסן געוואָרן,
איז צו זיין לויה שוין אָבער געוועזן געפּאַקט.

⁂

די בלוטיקע פראַגע

אַ ברודער דו פרעגסט מיך וואָס איך בין פאַרטרויערט,
פאַר וואָס איך בין אַזוי אומעטיג בלאַס,
געשוואָלן די אויגן, פאַרוואָקסן דאָס פּנים
און בלאַנדזשע אַרום פאַרקויטיגט אין גאַס?
נו, זעץ דיך אַנידער אָט דאָ, אויף אַ בענקל
און הער מיין געשיכטע געדולדיג מיך אויס,

וועסטו באַגרייפן, פריינט מיינער, געטרייער,
פאַר וואָס איך זע אַזוי טרויעריג אויס.
איך האָב אויך אַמאָל געלעבט גליקליך צופרידן,
פאַרמאָגט אויך אַ פרוי און קינדערלאַך פיר,
געלעבט זיך בשלום, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אידן
מקנא געווען זענען אַלע דאַן מיר.
האָט זיך דער שטן מיט זיין שענדליכער קנאה,
פּלוצים פאַרנאַנדעלט אין אַ מענער געשטאַלט,
מיין לעבן צובראָכן, מיין הארץ דורכגעשטאָכן
און האָט מיר מיין לעבן פאַרביטערט פאַרגאַלט.
מיין פרוי, אַ נאַאיווע מיט שוואַכע געפילן,
געפאַלן איז זי, פאַר זיין ליבליכן בליק.
געמאַכט קאָמפּלימענטן, געקויפט איר פּרעזענטן,
פאַרשפּראָכן האָט ער איר דאָס אייביגע גליק.
וואָס טויג דיר אַמאָן, האָט דער אויסוואָרף גע׳טענה׳ט,
וואָס ווייסט ניט אפילו צו שעצן דיין ווערט?
דו באַלאַנגסט אין די קרייזן פון לוקסוס און רייכטום,
אַט דאָרט וועסטו ליבסטע ווערן געערט.
די בעסטע מאַשינען וועל איך פאַר דיר קויפן,
און קליידער צו אָרדער נאָכן לעצטן זשורנאַל,
דינסטן און דינער וועלן פאַראויס דיר לויפן
ווייל געלט איז פון אייביג, דער שטאַרקסטער סיגנאַל.
און איינמאָל, ווען איך בין פון דער אַרבעט געקומען
פאַרהונגערט, פאַרמוטשעט, פאַרהאָרעוועט און מיד,
האָב איך פון מיין ווייבל אַ בריוול געפונען:
„איך פאַרלאָז דיך אויף שטענדיג, ווייל כ׳ליב דיך מער ניט.
איך נעם מיט די קינדער, דו זאָלסט מיר ניט זוכן,
צוריסן מוז ווערן פון הייראַט די קייט.
ווייל זייט כ׳בין צו דיר פאַרבונדן געוואָרן,
האָב איך געהאַט נאָר יסורים און לייד.
איך בין שוין פאַרפייניגט און קען מער ניט דולדן
די ביטערע שרעקליכע פינסטערע נויט.

איך וויל, אַז דו זאָלסט נאָר באַצאָלן די שולדן,
וואָס איך האָב געבאָרגט ביי די שכנים אויף ברויט".
מאַנאַטן און יאָרן זענען שוין זייט דאַמאָלסט פאַרלאָפן,
און איך האָב געבייינקט, געוויינט און געטראַכט:
עס זענען די קינדערלאַך מיינע, שוין גרויסע,
פּיליכט שוין אַפילו צו לייטן געבראַכט.
און איך זייער טאַטע פאַרוואָגלט, פאַרשטויסן,
קיין ברעקעלע נחת פון זיי ניט אַצינד.
מיין נאַכטיג געלעגער איז דער שמוציגער דרויסן
פאַר וואָס און פאַר ווען פאַר אַוועלכע זינד?
און אַז איך בין ניט קיין רייכער, האָב איך דען קיין הארץ ניט?
איז מיין פאָטער-געפיל דען פאַרגליווערט צום טויט?
טאָר איך מיינע קינדער צום הארצן ניט דריקן
דאַרף מען באַצאָלן מיט שטיינער פאַר ברויט?
האָב איך ווען זיי חלילה, באַליידיגט, געשלאָגן,
צו האָב איך פאַרטרונקען מיין פאַרהאָרעוועט פּעי,
צו פלעג איך נאָך פרעמדע פרויען זיך יאָגן
אָדער געזעסן אַמאָל צווישן געמבלער געשרעיי?
איך פלעג נאָר געפינען מיין גאַנץ פאַרגעניגען
פאַרברענגען אין הויז מיט קינדער און פרוי
מאָראַליש געלעבט זיך עוולות פאַרשוויגען
און דאָס איז מען מיר גאָר דאַנקבאַר אַזוי.
נאָר גאָט זיצט אין הימעל פאַרנעמט אַלע טרערען
און צאָלט אָפּ דעם מענטשען פאַר יעטוועדער זינד
ווייל ווער האָט געטראַכט אַז פון מיין פרוי ועט ווערען
איינע וואָס פאַרקויפט זיך צו מענער אַצינד
סקווילער און קילער זיינען אירע חברים
אַ קוש און אַ גלעט אַ טרינק אין סאַלון
געוואָרפען האָט גאָט אַריין זי אין חרם
פון געטין ווענערי איז זי דער קאַרטון
מיין זון איז מיט גענגסטערס אַ חבר געוואָרען,
גערויבט און געשאָסען אַ וועכטער פון באַנק.

אים האָבען די שטראַלען פון טויט-שטראָף פאַרניכטעט
און די אַנדערע קינדער שוין טויט זיינען לאַנג.
צוויי פון דיפּטעריע און איינס פון נומאָניע
האָבען געפונען אין טויט זייער רו
און איך זייער טאַטע דאַרף זיך דאָ מוטשען
און לעבען אויף צרות אויך נאָך דערצו.
איצט ווייסטו פאַרוואָס מיין האַרץ איז צעבראָכען
פאַרוואָס איך בין שטענדיג פאַרצווייפעלט פאַרטראַכט,
ווייל דאָס האָט אַ פרוי מיט רייכע באַגערען
מיך פאַר שמוציגען באָס זיך געמאַכט.

די פאַרשאָלטענע כלה

אין מיין קליינינקען שטעטעלע קאָוועל
האָט דאָס מעשהלע ווירקלעך פּאַסירט,
ווען עס האָט נאָך דער צאַר ניקאָלייאיוו
מיט זיין גאַנצע כאַליאַסטרע רעגירט.

אין אַ געסעל אויף אַלט וואָגאַזאַלניע
אין אַ שטוב מיט אַ צעלעכערטען דאַך
געוואוינט האָט דאָרט גימפּעל דער שוסטער
מיט קינדערלעך היפּשע אַ סך.

די עלטסטע געוועזען אַ מיידעל
מיט אויגען צוויי קאַרשען אַ פּאָר,
געהייסען האָט זי חנה פריידעל
אַ שטיפערין געוועזען ביז גאָר.

בחורים פלעגען ממש קראַפּירען
ווען זי האָט געשמייכעלט געלאַכט,
געהאַט האָט זי טויזענטער חנ'ען
ווען זי האָט דאָס מויל אויפגעמאַכט.

די ציינדעלעך ווייסע ווי פערל
ליפּעלעך זאַפּטיג און רויט,
צוויי בליהענדע באַרנעס אין בוזים
וואָס פלעגען אייך רייצען צום טויט.

איינעם פלעג פריידעלע ליבען
דבורה מעלאַטשנעס אַ זון,
קאַרטינקעס געזען צוזאַמען
איר האַרץ האָט געצויגען צו אים.

אַ היפּשער געוואַקסענער בחור
מיט געטלעך געבענטשטען טאַלאַנט,
די באַרישנעס פלעגען אים רופען
שמחקה דער מוזיקאַנט.

אָט האָבען זיי תנאים געשריבען
נאָר ער איז צו פאַניען אַוועק
איז פריידעל אַליין דאָ פאַרבליבען
איינזאַם מיט אייפערזיכט שרעק.

יעדער וואָך פלעג זי בריוולעך דערהאַלטען
אַז פאַר בענקשאַפט גייט ער אויס נאָך איר,
ווי גליקלעך וואָלט איך איצטער געוועזען
ווען איך זאָל זיין צוזאַמען מיט דיר.

נאָר זאָרג זיך ניט לובינקע טרייע,
עס וועלען דריי יאָר שנעל פאַרביי
און קומען צו דיר אַ געזונטער
פון פאַניען זיין וועל איך דאַן פריי

ווייל צייט אָבער דרייען דאָס ריידעל
און הערצער צערייסען מיט פיין

קומט אָן פון אַ שטאָט אַ פריקאַשטשיק
און איז צו גימפּלען דעם שוסטער אַריין.

מאַכט מיר אַ פּאָר שטיוועל צו אָרדער
פון גימזענע לעדער געפּאַסט
געדרייט מיטן שטעקעל קאָקעטיש,
דערצו זיך מיט פריידלען געשפּאַסט.

און פריידעל זי עסט מיט די אויגען
דעם פאַרפּוצטען שטאָט קאַוועליר
אים רוישען אין קאָפּ די געדאַנקען,
ער פילט איצט דאָס זעלבע צו איר.

נאָר מאַכען די מעשה בקיצור,
זי האָט שטערבלעך אין אים זיך פאַרליבט
און דאָס האָט דעם אָרעמען שמחהן
שפּעטער צעבראָכען באַטריבט.

עס זיינען שוין דריי יאָר פאַרלאָפען,
געקומען איז שמחה אַהיים,
זיין כלה מיט אַ צווייטער געטראָפען
געגאַנגען געאַרעמט באַקוועם.
פאַרשעם מיך ניט לובעניו מיינע
האָט ער זיך געבעטען ביי איר,
איר ענטפער געווען איז קאַלטבלוטיג
איך בין ניט פאַרליבט מער אין דיר.

איך בין שטערבלעך פאַרליבט אין פריקאַשטשיק
צעריים שוין די תנאים געשווינד,
זאָג עס ניט פריידעלע מיינע
וועסט באַגיין אַ געפערלעכע זינד.

שמחהקע האָט ניט געשוויגען
ער האָט זי גערופען צום רב
נישט חלילה מיט איר זיך צו קריגען
נאָר מאַכען פון די צרות אַ סוף.

צעברעך נישט דאָס האַרץ פון דיין חתן
האָט זיך דער רבי געבעטען ביי איר,
ווייל תנאים צערייסען איז ערגער
ווי ער זאָל זיך גט'ן מיט דיר.

וואָס ווייסט איר האָט פריידעל גע'טענה'ט
פון ליבע פון פרייד און פון גליק
איך לאַך פון אייערע פוסטע געזעצען
זיי זיינען פון דורות צוריק.

איר זענט בלויז אַ בטלן אַ רבי
אַ פאַרשימעלטער נאַרישער כניאָק
מיט פאות ווי שטרויענע בינטלעך
מיט אַ בערדעל וואָס הענגט אויף אַבאַק.

עס האָט די ווערטער דעם רבין געשטאָכע
געקרענקט אין דער זיבעטער ריפּ,
ווי אַ גוס וועסטו ווערען צעבראָכען
און געגעבען מיט זיין פוס אַ טיפּ.

חצופה אַרויס פון מיין מקום
זאָלסט ווערען פאַרשאָלטען פון גאָט,
פאַסיוויעט און גרוי זאָלסטו ווערען
און טראָגען די קללה פון שפּאָט.

פאַרלאָפען זיינען עטלעכע יאָרען
און הערט וואָס מיט איר איז געשען,
גרוי און אַלט איז פריידעל געוואָרען,
פאַרלוירען פון מויל אַלעציין.

דאָס פּנים פאַרדרייט און פאַרקאַרטשעט,
די אויגען פאַרלאָשען און קרום,
די ליפּען פאַרצויגען צום אויער,
געבליבען ביז אין טויט אַריין שטום.

נישטאָ קיין פריקאַסטשיק קיין שמחה,
זיינען ביידע פאַרשווינדען ווי ווייט,
עס האָט איר דער בורא דערשלאָגען
פאַר׳מיאוסט ביי גאָט און ביי לייט.

און פלעגט זי אין גאַס זיך באַווייזען
פלעגט מען דערהערען אַ קול,
אָט גייט די פאַרשאָלטענע כלה,
וואָס דער רבי האָט פאַרשאָלטען אַמאָל...

סעמקע אידיאָט

ווער האָט אָנגעצונדען אין מיין האַרצען די שריפות,
מיין קערפּער געפּאַנצערט מיט בעסטיאַלען באַגער
גייסטיג צעבראָכען אָבנאָרמאַל פאַרבונדען
פאַרביטערט מיין לעבען שווידערלעך שווער.

ווי רינגען פון קייטען בין איך אָפּגעריסען,
פאַרשאָלטען פון מענטשען פון וועלט און פון גאָט
באַנאַלע געקלאַנגען דערגרייכען מיין אויער
געשטעמפּעלט געוואָרען סעמקע אידיאָט.

פאַרוואָס קומט מיך צו שלאָגען, פלאָגען און יאָגען
מיינע געפילען צעטרעטען אויף שריט און אויף טריט,
ווען איך וויל ניט צעטיילען קיין ראַסען נאַציאָנען
מאַכען חלקים פון קריסט און פון איד.

ווען איך וויל איבערשניידען די קוטיקע מאַסקעס,
וואָס פאַרפאַלגען דער מענטשהייט זייט טויזענטער יאָר
אויסוועפען דעם כישוף וואָס האָט אונז פאַרשלייערט
און ברענגען אַ פריילעכען ליכטיגען דור.

שרייען גאָר מענטשען מען זאָל מיך איגנאָרירען
און קיינמאָל ניט האָבען מיט מיר גאָר צו טהין
איך בין אַ טייוועלס געכאַפטער אַ מוח פאַרדרייער
אַ שטיק אידיאָטסטווע וואָס רעדט נאָר אונזין.

און וועט אידיאָטסטווע אָנהויבען צו ריידען
וועט איר פאַרשעלטען דאַן אייער געביין,
ווייל דאָרט וואו דאָס וויסען הערט אויף צו באַגרייפען
קענען דאָס ריכטיג אידיאָטען פאַרשטיין.

אין וועל אייך אין פאַלאַצען פון פרדס פאַרטראָגען
אויפשליסען פאַר אייך די פאַרזיגעלטע טיר
די אייביגע סודות פון הימעל אויסזאָגען
וואָס איר האָט ניט געהערט פון זיי קיינמאָל פריער. .

לייגט צו דעם שכל און נעמט עס אין זינען
און איר וועט דעם אמת'ן אמת געפינען.
קוים ווילסטו די הימלישע שטערען באַשרייבען,
מוסטו פריער גיין אין ים טרערען אויפקלייבען

געפניסטו דאָרט סיקרעטען קונציג באַהאַלטען
פון בילדער פאַרטרעטען אין פייער געשטאַלטען
איך וועל ניט דערציילען אַז מען ווערט ניט געבוירען

אַז מען לעבט ניט מען שטאַרבט ניט מען ווערט ניט פאַרלוירען,
אַז אַלץ הענגט אָפּ אין קראַפט פון דיין גלויבען
אַז אַלץ איז נישטיג סיי אונטען סיי אויבען.

נישטאָ דאָרט קיין שלעגער משפּטים דיינים
נישטאָ קיין רשעים צדיקים רבנים
נישטאָ קיין גהינום מלאכים גן עדן,
נישטאָ דאָרט קיין גאָט מיט וועמען צו ריידען.

קיין ישיבה של מעלה מלחמה און שלום
אַז אַלעם יאָ אַלעם איז אַ נישטיגער חלום,
אַז אַלעם געמאַכט איז דעם פּחד צו וועקען
און דיך ביי דעם לעבען אויף טויט איבערשרעקען.

מען וויל דיר צעברעכען דיין יעטוועדען אבר
און רויבען דיין מקום מנוחה אין קבר
נישטאָ גאָר קיין שליסעל פון תחית המתים
נישטאָ קיין קדושה פון ציצית תפילין טליתים
נישטאָ דאָרט קיין מעג נישטאָ קיין מען טאָר ניט
דער אמתער גלויבען איז צו גלויבען אין גאָרניט.
און ווייל איך פאַרלייקען די גאַנצקייט פון גאָט
רופען מיך די קאַפּיטאַליסטען סעמקע אידיאָט.

שריי איך אַצינדער מיט אויפריים פון צאָרען,
פאַרשוואונדען זאָל ווערען די קאַפּיטאַליסטישע וועלט,
וואָס האָט מיט איר גלויבען דאָס פאַלשקייט געבוירען
און האָט בעסטיעס אין מענטשען־געשטאַלט אויפגעשטעלט.
איך וויל אייך ניט קענען מאַסקירטע פאַרשוינען
איך האָס אייער גלויבען איך האָס אייער גאָט
איר האָט אייך באַצירט מיט רייכטימער קרוינען,
וואָס זיינען געמאַכט פון סעמקע אידיאָט.

מיט וועמען האָב איך מיך געשטעלט דאָ אויסטענהן
איר וועט דאָך אפילו מיך גאָרנישט פאַרשטיין
אַנטלויפט פאַראַזיטען אין אייערע ניאָרעס
איך וויל זיין און פאַרבלייבען אויף אייביג אַליין,

אַליין וועל איך בלאָנדזשען אויף ערלעכע וועגען
מיין היים וועל איך מאַכען ביי לאָנקעס אין טייך
ביז איר נישטיגע מענטשען וועט זיך איבערצייגען
אַז סעמקע אידיאָט איז געווען קלוגער פון אייך.

דער שרעקלעכער בילבול
(מאָנאָלאָג פון אַ שאַרלאַטאַן)

רבותי איך בין זיך פאַר אייך איצטער מתוודה,
אַז איך בין באַגאַנגען אַ געפערלעכע זינד
איך האָב אויסגעלאָשען דריי יונגעטשקע לעבענס
פון אַ מאַן און אַ פרוי און אַ פיצעלע קינד.

געשען איז די טראַגעדיע אין מיין קליינינקע שטעטעל
ווי איך האָב זיך דערצויגען מיין קינדהייט פאַרבראַכט,
דאָרט האָב איך די גיפטיגע פלאַנצען פאַרזען
אויף אַן ערלעכע פרוי אַ בילבול געמאַכט.

בלימעלע האָט דאָס ווייבעלע געהייסען,
די איינציגע טאָכטער פון ליפע באַנקיר
און איך בערקע דער שמירער דער זון פון לאַטוטניק
האָב זיך גע׳חנ׳דעלט געלאַסטשעט צו איר.

איך פלעג אין חלומות מיט בלומען פאַרברענגען
געצערטעלט האַלובעט געקושט אירע האָר,
שפּאַצירט מיט די פינגער אויף רייצענדע פלעצער
באַוואונדערט געגעסען איר שיינע פיגור.

ס׳איז אמת אַז בלימעל האָט מיר געשאָנקען
אַ פריילעכען שמייכעל אַ ליבלעכען בליק,
אַ דאַנק פאַר דער אַרבעט פלעג זי מיר זאָגען
אָפּטרעטענדיג עטלעכע שפּאַנען אויף צוריק.

בין איך דאָך אַ בעסטיע מיט חיות אינסטינקטען
דערצו נאָך אַ זשוליק אַ היפּשער גראָביאַן,
בין איך געקראָכען מיט מיינע ידים,
האָט מיר בלימעל פּאַרפאָרען אין דער מאָרדע אריין.

איך האָב די באַליידיגונג געקענט נישט פאַרגעסען
געשוואוירען נקמה צו נעמען אין איר,
אין געדאַנקען וואָס האָבען דריי לעבענס געטויטעט
זיינען ווי דערנער אויסגעוואַקסען אין מיר.

אין אַ שיינעם פרימאָרגען איך געדענק עס ווי איצטער
בין איך צו איר מאַן אין אַפּטיעטשנע אריין
געהייסען דערלאַנגען פאַר מיין שטענדיגען הוסטען
אַ רעצעפּט אָדער פּראָשקעס פון וואָס עס זאָל נים זיין.

און ווען ער איז געווען פאַרנומען מיט פּראָשקעס
האָב איך אַ שריפט צו אים אָדרעסירט
אין בריוו איז געשטאַנען אַז איך האָב מיט זיין ווייבעל
דריי יאָר נאָכאַנאַנד אַ ליבע געפירט.

איך האָב געקויפט און באַצאָלט און בין באַלד פאַרשוואונדען
געריבען פון פרייד האָב איך מיינע הענט,
וואָס איך האָב אַזאַ געלינגענעם שפּיצעל
מיט מיין שכל פאַרשטאַנד אויסטראַכטען געקענט.

גיין וועט שוין דאָס הויז דאָרטען אויף רעדלעך,
ווייל איך האָב געשריבען אַז דאָס קינד איז פון מיר,
און אויב ער באַזיצט אַ פיינעם כאַראַקטער
זאָל ער נישט וואָגען מער וואוינען מיר איר.

עס האָבען די ווערטער דעם פּריוויזער געשטאָכען
ווי שפּיציגע נאָדלען זיין גייסט און זיין לייב

געמוטשעט מיט פראַגען מיט קלעפּ און באַליידינג
דער אָרעמער בלומען זיין אומשולדיג ווייב.

איך האָב נאָך יענער סענסאַציע מיין שטעטעל פאַרלאָזען
און הערט ליבע מענטשען וואָס דאָרט איז געשען
עס האָט ניט גענומען קיין צאָל פון מאָנאַטען
און לוויה׳ם דריי וויסטע זיינען דאָרטען געוועזן.

ער איז אין דער שטיל פון געלעגער אַרונטער
מיט מערדערישע אויגען וואָס לויפען געשווינד
געקוילעט זיין ווייב איר האַלז איבערגעשניטען
געפּאַלמיסט אויף שטיקלעך זיין פּיצעלע קינד.

דערנאָך אויך גענומען די זעלביגע בריטווע
וואָס האָט נאָך געקאַפּעט מיט וואַרעמע בלוט
אַליין זיך געטויטעט מיט אַ שענדלעכע מיתה
אַזוי האָבען נפשות אין אַ טייך בלוט גערוט.

עס זיינען זייט דעמאָלט פיל יאָרען פאַרפלויגען
דאָך פרעסט די חרטה אין גאַנצען מיר אויף
איך הויב אָן צו פילען עס ווערט דער וועג קירצער
וויל איך אויסשרייען אַ מינוט פאַר מיין סוף.

פאַרשאָלטען זאָל ווערען עד סוף כל הדורות
דער גיפטיגער צונג וואָס טראָגט פּלאָטקעס אַרום,
גאָט זאָל אים פאַרקרימען די אויגען דאָס פנים
פאַרבלייבען זאָל ער אין דער אייביגקייט שטום.

עס האָט די גמרא פון לאַנג שוין געלערנט:
פאַרקנעפּעל די ליפּען, פאַרגלייווער דעם צונג,
פאַרשלים דיינע סודות אין דיינע מחשבות
מיט אייזערנע שלעסער ביי דיר אויפן לונג.

חטאתי בעל רחמים איך האָב שרעקלעך געזינדיגט,
זע מיינע טרערען דערהער מיין געבעט,
שריי איך צום בורא יעדען יעדען פרימאָרגען
נאָר עם ענטפערט אַ שטימע ס׳איז שוין מסור צו שפּעט...

דער זינדיגער

איר לאַכט פון מיר, איר שפּאָט פון מיר,
איר מאַכט פון מיר שפּאַס,
איר באַוואַרפט מיך מיט שטיינער
ווען איך גיי דורך די גאַס.
איר שרייט איך בין זינדיג און האָב ניט די ווערד
וואָס איך אָטעם גאָטס לופט גיי אַרום אויף דער ערד.
ווייל איך האָב מיין פרוי און קינדער פאַרלאָזט
און דאָס האָט מיין ווייב איר לעבען געקאָסט.
עס האָט איר געפלאָנטערט אַ זעלבסטמאָרד געדאַנק
ביז זי האָט באַפרידיגט דעם טייוועלס פאַרלאַנג,
אַריין שנעל אין קיטשען די רערען דערבליקט
און האָט מאָמענטאַל פון געז זיך דערשטיקט.
ביי דער זייט האָט זיך געוואַלגערט אַ לעטער פון איר
גיט איבער מיין מאַן דאָס לעצטע בריוועל פון מיר
איך קען מער ניט פאַרטראָגען דעם עלנטען פיין
צו שווער איז פאַר מיר טאַטע מאַמע צו זיין
האָסט מיר פאַרלאָזען אין מיינע בליענדע יאָר
דאַן ווען אַפרוי דאַרף האָבען איר פּאָר,
איך פיל ווי מיר ווערען די בלוטען פאַרברענט
אַזוי לענגער לעבען האָב איך ניט געקענט
זינדיגער שרייט מען טפו זאָלסטו ווערען,
קענסט אויפן גלייכען וועג צוריק זיך ניט קערען,
האָסט אַלץ צעבראָכען פאַרניכטעט מיט שפּאָט

פאַראַכטעט געוואָרען פון מענטשען און גאָט.
זינדיגער! זינדיגער! זינדיגער!
דו האָסט געמיינט אַז געלונגען וועט דיר דיין פּלאַן
פאַמיליעס צעשטערען און בלייבען אַן ערלעכער מאַן,
אַ טעות אין חשבון עס לעבט דער מאָראַל
עס לעבט נאָך דער יושר פון געטלעכען קוואַל,
דעם זינדיגען שטראָפט מען מיט קלעפּ און מיט שטיין
ווייל ער איז באַרבאַריש אַליין זיך געווען
געלעבט אָן רחמנות אָן מענטשלעך געפיל
צו קענען דערגרייכען זיין בעסטיאַלישען ציל.
אַמאָל ביסטו געווען רייך אָן אַ שיר
שקלאַפען געהאַלטען האָסטו דאַן ביי דיר,
וואָס האָבען געבעטען מיט טרערען געוויין
לאָזט ניט אונזער פאַמיליע פון הונגער אויסגיין
האָסטו דאַן געלאַכט געפּאַטשט זיך אין בויך
ווען זיי האָבען געשריגען מיר האָבען קיין כוח
צו מוטשען און ליידען און סטראַגלען פאַר דיר
און דו האָסט געקוואַלען די מיאוסער וואַמפּיר.
ווען אַ מענטש ווערט געבוירען דאָ אויף דער וועלט
בלויז צו באַרויבען פון יענעם דאָס געלט
איינגעמען לענדער עס זאָל קלינגען מיט אים
הערט מען פון הימעל די אַלמעכטיגע שטים
זינדיגער! זינדיגער! זינדיגער!

דער טייוועלשער וועט

פּאַסירט האָט די געשיכטע אין אָרעמען קוואַרטאַל
אין רוישיגען שטעטעל ניו־יאָרק,
וואו עס קאָכען די גאַסען מיט ווילדען געפילדער
און שאַפען דאָס מענטשלעכע זאָרג.

ווי וויסטיגע בעסטיעס אין מענטשען געשטאַלטען
פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויבען אָן
און די רעגירונג מיט זייער יוריסטיק
ווייסט ניט מיט זיי וואָס צו טאָן.

נאָר צו וואָס אייך באַמיהען מיט מיין לאַנגע הקדמה,
אָנשטרענגען די נערוועז אייך פיל,
איך האָב אָנגעהויבען דערציילען די מעשה
וועל איך קומען באַלד צו מיין ציל.

עס ליבען זיך הערצער מיט געטלעכע ליבע
נשמות פאַראייביגט ביינאַנד
נאָר דער בחור איז אָרעם האָט קיין מלאכה
איז הייראַטען נאָך ניט אומשטאַנד..

די מיידעל פאַרלאַנגט אַ שטילינקע חופּה
און לעבען אויף וואַסער מיט ברויט,
אַבי זיין צוזאַמען מיט איר באַשערטען
צוזאַמען אין פריידען און נויט.

צאַפּלען זיך הערצער אין שטורעם פון לעבען
ווי עס צאַפּעלט אַ פליג אין איר נעץ
רוישען די בלומען פון פרילינג און זומער
אַ פאַרלאַנג פון נאַטורס אַ געזעץ.

טרעפען זיך אָפּטמאָל דיביידע פאַרליבטע
ראָמאַנסירען אין פאַרק אויף אַ באַנק,
בענטשט זיי די שטילקייט זיי זאָלען דערלעבען
זייער הייסען געוואונטשען פאַרלאַנג.

קושען זיך ליפּען און ווערען פאַר׳שרפה׳ט
די גלידער זיי ברענען אָן צאָל

שפּאַצירען געדאַנקען אין מיידעלשען קעפּעל
הייראַטען ווען וועט זי אַמאָל?

חלומות זיי לאָזען ביינאַכט איר ניט שלאָפען
עס דריקט און עס שטיקט איר געמיט
מיר וואָלטען דייטלעכער אַלץ באַשריבען
נאָר דער כבוד דערלויבט אָבער ניט.

פליהען די שטונדען די טעג און די וואָכען
אַוועק אין אָפּגרונד געשווינד,
בענקט אַ פאַרליבטע צו זיין בעל־הבית׳טע
צו האָבען אַ מאַן און אַ קינד.

און ער מיט עקשנות וויל געלט נאָך אָפּשפּאָרען
פון זיין וויניגען מאַגער געהאַלט,
צווייטענס האָט ער אַ פאָטער אַן אַלמן
וואָס מאַכט אים זיין לעבען פאַרגאַלט.

דער פאָטער האָט חשק אַליין צו דער מיידעל
רעדט ער דעם זון פון איר אָפּ,
וואָס טויג זיך דיר נעמען אַ האָרב אויף די פּלייצעס
און טראָגען אַ יאָך אויף דיין קאָפּ,

עס וויל נעבעך דער פאָטער כלומשט באַזאָרגען
זיין זון מיט אַ צוקונפט און גליק
נאָר טייוועלשע פּלענער דרייען זיין מוח
מיט ליידענשאַפט שטורעמט זיין בליק.

ער וועט מיט זיין קופער אַ ליבע אָפּקויפען
נישקשה זיין זון האָט נאָך צייט,
ער וועט די גדולה ניט שפּעטער פאַרזאַמען
ער איז פון די דרייסיגער וויט.

נאָר אים הייבט אָן קייקלען די יאָרען ארונטער
ווי אויף יענער זייט שפּיציגען באַרג
וויל ער זיך האַלטען פריילעך און מונטער
אין לעבען אָנהאַלטען זיך שטאַרק.

די עלטערע פינגער וועלען פאַרבלאָנדזשען
ווי נאַטור האָט געקריצט איר באַגער
און שטילען די חיה וואָס גריזשעט די ביינער
וועט שפּעטער ניט זיין פאַר אים שווער.

אַז זיין אָרעמער זון וועט ליידען יסורים
האָט ער ניט געזוכט צו פאַרשטיין,
ס'וועט זיין גענוג ווען דער אַלטער פוטיפר
וועט ווערען באַפרידיגט אַליין.

ער איז ניט דער איינציגער טאַטע וואָס האָט שוין
אַ קינדערשע חופה צעשטערט
נאָר יעדער איינער מיט אַנדערע פּלענער
האָט אָן אַנדער געדאַנק אויסגעקלערט.

ווען פאָטער און זון זיינען איינמאָל פאַרבליבען
געמיטלעך אין הויז גאַנץ אַליין
הערט ליבע לעזער געדולדיג און ערנסט
וואָס דאָרט דער געשפּרעך איז געווען.

זונעניו מיינער הער אוים דיין פאָטער
איך בין דאָך דיין איינציגער פריינד
איך האָב געזאָרגט פאַר דיר אַלע יאָר
און וועל דיך באַזאָרגען אויך היינט.

איך זע ווי דו ווילסט אין אַ בלאָטע פאַרקריכען
דיין יוגענד אָפּטויטען געשווינד,

באשווער איך דיך איצטער ביי דיין טויטע מאמע
אז דו וועסט מיך פאלגען מיין קינד.

קלערסט אז דיין פאטער איז שוין אלט מאדיש
און ווייסט שוין ניט מער וואס ער רעדט
איך קען דיך נאך זון מיינער אין ארבעל פארשטעקען
דאס וועל איך מיט דיר מאכען א וועט.

צווייטענס באדארפסטו א רייכע א שיינע
וואס שטעלען זאל דיך אויף די פיס
ניט נעמען א טשיקען מיט קינדערשע יארען
וואס וועט דיך פארוויסטען געוויס.

איך וועל אליין צו דיין מיידעל נאך רעדען,
דערקלערען און געבען פארשטיין,
אז זי זאל פאר זיך א צווייטען דערוויילען
און זאל דיר דיין קאפ ניט פארדרייען.

דער זון איז געבליבען דערציטערט דערשלאגען
געבליקט אויף זיין פאטער מיט שרעק
צי וויל ניט למשל זיין אייגענער טאטע
פון אים רויבען זיין כלה אוועק.

זיין פאטער ער איז דאך א ווייבערשער יעגער
דאס איז אים פון אייביג באקאנט
ניט איין היים פארניכטעט צעשטערט און צעבראכען
האט מיט חוצפה זיין מערדערשע האנט.

און וועגען דעם וועט ווילסטו דאך הערען
אז דיין טאטע איז פיל קליגער פון דיר
דו מיינסט אוודאי אז ליבע איז הייליג
און איך האב די פאקטען פון פריער.

אַ פרוי איז פון תמיד פונקט ווי אַ שפּילצייג
אַ שלאַנג וואָס שטעכט דיינע טריט,
קוים ווּעסטו קיין געלט דיין ליבסטע ניט געבען
וועט זי זינגען פון גט דיר אַ ליד.

געלט איז פון אייביג די אמתע ליבע
אַ רינגעל מיט דיאַמאַנטען געפּוצט
און ווּעסטו מיין קינד קיין פּעידע ניט ברענגען
ווערט איר ליבע פאַר אַ צווייטען גענוצט.

טאַטע וואָס מיינסטו האָט סעמקע געשטאַמעלט
האָט סיידי ניט אמת מיך ליב?
און קענסטו דאָס טאַטע מיר איבערצייגען
אַ האַלב פון מיין לעבען איך גיב.

ברוגז מיין זון דערנאָך זאָלסטו ניט זיין
איר פאַלשקייט וועל איך דיר איבערצייגען
אַ שבועה מיין קינד גיב מיר צוערשט
אַז דו ווּעסט הערען זען און שווייגען.

אַ וועט איז אַ וועט מען האָט אָפּגעשטימט
די הערצער זיי צאַפּלען אין פיבער
די נעקסטע קאַפּיטלען זיי ווּעלען דערציילען
צי געלט אָדער ליבע וועגט איבער.

דער פאָטער האָטזיינע פאַרלאַנגען דערליידיגט
און האָט מיט דער מיידעל גערעדט
איך שרייב אויף דיר איבער מיין לעבענס אינשורינץ
דערביי איר געגעבען אַ גלעט.

הייראַט מיט מיר וואָס טויג דיר אַ צוציק
ער זאָל דיר פאַרניכטען דיין וועלט

איך וועל דיר קויפען אַ רינגעל פון טויזענט
און זאָט וועסטו זיין מיט מיין געלט.

מאַשינען און שאַפערס וועל איך פאַר דיר קריגען
געקליידעט נאָכן לעצטען זשורנאַל
און וואָס דיין הערצלעכער וואונטש וועט פאַרלאַנגען
וועט געבען מיין געלט דעם סיגנאַל.

זיין לייב האָט געציטערט פון מיאוסע פאַרלאַנגען
אין האַלז האָט געשטיקט ווי אַ ביין,
דער שוויים פון זיין שטערען האָט זיך געגאָסען
ווי עקעלהאַפט ער איז דעמאָלט געווען.

געבליבען איז סיידי פאַרצווייפעלט פאַרוואונדערט
ווי נאָדלען געשטאָכען די האָר
ווי קען דאָס אַן אַלטער אַזאַ זאַך באַשליסען
אַז זי זאָל גאָר ווערען זיין פאָר.

אויסגעוועבט איז געוואָרען זיינע געדאַנקען
אויסצודריקען אַזאַ מיאוסן פאָרשלאַג
זי וועט אויפן פלאַץ אַ סקאַנדאַל אים אָפּשפּילען
דעם אַלטען פאַסקודנעם שטרמאַק.

ניט אַנדערש דער אַלטער איז אַרונטער פון זינען
זיין שכל געבליבען איז שטיין,
ווי קען מען באַגרייפען אַז אַן אייגענער פאָטער
זאָל האַנדלען אַזוי טעמפּ און געמיין.

דער אַלטער צו איר איז געקראָכען
ווי עס פּאַסט ניט צו דרוקען דאָס וואָרט

וואָס דער סוף איז געווען ליבע מענטשען
וועט איר הערען באַלד אויפן אָרט.

שעם זיך דו אַלטער פרויעלניק
באַסיאַק אין אַ פאָטער געשטאַלט
ווי וואַגסטו דיין חוצפה צו נוצען
דיין קאָפּ ווערט צעשפאָלטען דאַ באַלד.

פאַרצווייפעלט איז דער אַלטער געשטאַנען
אין יענעם ענטוישטען מאָמענט
ווען דער פאַטש פון סיידעלעס הענטעל
האָט אויף זיין פנים געברענט.

קלאָר איז אים דעמאָלט געוואָרען
פונקט ווי די זון אויף דער וועלט
אַז אמתע ערלעכע ליבע
איז טויזענט מאָל שטאַרקער פון געלט.

איצט איז שוין דאָס פּאָרל פאַרהייראַט
און לעבען אין פריידען און גליק
נאָר דער פאָטער נאָך יענער סענסאַציע
האָט זיך אַרונטערגעשליידערט פון בריק.

ווייל אומזיסט איז געווען גאָר זיין וועטען
פאַרלוירען האָט ער מיט אַ קנאַק
געטראָגען דעם פאַטש אין זכרון
וואָס געשטעמפּעלט האָבען פינגער אין באַק.

זיין האַרץ האָט געבאָסטעט פון צאָרען
פאַרשעמט און צעבראָכען מיט שפּאָט
האָט ער זיך די מיתה גענומען
נאָך איידער עס משפּט אים גאָט.

יענטעלס חלום

אין אַ שטעטעל כאַרקאָפּסקי האָט זיך אָנגעהויבען
דער אָנפאַנג פון דיזען ראָמאַן
עס שפּילען זיך קינדער פוןביידע געשלעכטער
זי אַלס ווייבעל און ער אַלס מאַן.

גליהען די הערצלעך אין אָנפאַנג פון יוגענד
און נעזועלעך קאַפּען אָהן שיעור
אים ברענען די אייגעלעך ווי פונקען אין קוימען
ער איז ניט גלייכגילטיג צו איר.

ער קלאַמערט די הענטלעך אַרום אויף איר העלזעל
און גנבעט פאַמעלעך אַ סמאָטשקע אַראָפּ
און בילדער פון צוקונפט פאַרטשאַדען זיין מוח
און אַ ים מיט געדאַנקען שפּאַצירען אין קאָפּ.

און יענטעל אַזוי האָט דאָס מיידעל געהייסען
איר וואַרעמט די גלידער ווי קיינמאָל ניט פריער
און עס פאַלען די הערלעך אַרויף איר אַקסעל
און ליפּעלעך שמייכלען ווען ער גיט איר אַ ריר.

דאָ רופט זי די מאַמע אַהיים שנעלער עסן
גיט זי מיט איר פּיסעל קינדערש אַ טיפּ
עס ברענט איר דער קוש פון יאַנקעל שלמה׳ס
וואָס ער האָט געשטעמפּעלט ביי איר אויפן ליפּ.

קינדערלעך וואַקסען דערגרייכען די עלטער
ווען צייט און פאַרלאַנגען פאַרנעמען דאָס אָרט
ווילען די עלטערען די קינדער פאַרזאָרגען
נאָר יענטעל האָט יאַנקלען געגעבען דאָס וואָרט.

זי וועט זיך קיינמאָל מיט אים ניט צעשיידען
זייערע קינדערשע יאָר איז דער שדכן געווען
די שבועה וואָס זי האָט יאַנקלען געשוואוירען
וועט זי קיינמאָל אין לעבען ניט ברעכען ניין.

און מעג טאַטע מאַמע מאַכען סקאַנדאַלען
צעשניידען צעפּיצלען אויף שטיקער איר לייב
וועט זי באַין אופן ניט וועלען זיי פאָלגען
זי מוז און וועט ווערען יאַנקעלעס ווייב.

זיי פאַסט ניט דער יחוס ער שטאַמט פון אַ שניידער
אַ קבצן אַ דלפן אַן אביון ביז גאָר
דאָס וואָס איר טאַטע איז נחום דעם רבינס
שטערט ניט צום שידוך אפילו אַ האָר.

געלייענט האָט יענטעל פיל אין די ביכער
אַז פילע חכמים זיינען שאַפער געווען
שוסטער און שניידער אפילו סטאָליאַרעס
זיי האָבען אין אַרבעט קיין שאַנד ניט געזען

און וועלען זיי צופיל איז עסק זיך מישען
וועט זי מיט איר חתן אין אויסלאַנד אוועק
פאָרען מיט אים איבער טייכען און ימים
אָן פחד אָן מורא אָן צווייפעל אָן שרעק.

זי האָט שוין דערגרייכט די רייפיגע יאָרען
צו האַנדלען ווי עס דיקטירט איר פאַרשטאַנד
און וואָס איז מיט יענטלען ווייטער פאַרלאָפען
ווערט איר אין די נעקסטע קאַפּיטלען באַקאַנט.

נאָר באַלד האָט אוואָלקען פאַרצויגען דעם הימעל,
פאַרכמורעט געוואָרען איז יענטעלס געמיט

מען האָט פּלוצים איר יאַנקלען אין מלחמה גענומען
און רחמנות געטריבען אין מערדערשע טריט.

עס פליהען שראַפּנעלען מיט גרויסע האַרמאַטען
עס רעגענט דאָס שלאַכט-פעלד מיט בלוט,
דער טייוועל ער טאַנצט דאָרט שמייכעלט צופרידען
ער הוליעט אין אַ קאַראַהוד.

ליגען סאָלדאַטען דריי פערטעל צעשאָסען
פאַרלוירען די פיס און די הענט,
טאַטעס און מאַמעס וואָס האָבען דאָרט קינדער
וואָלטען זיי אסור דערקענט.

דאָ האָט זיך יאַנקעל אין דראָטען פאַרטשעפּעט
ליגט אין יסורים און פיין
און ליגענדיג איז פון רויכיגען הימעל
אַ קויל אים אין רוקען אריין.

עס ווערט אים דער צונג דאָרט פון ווייטאָג צעביסען
ער וויספּערט די ווערטער גאַנץ שטיל
יענטעלע טרייע בעט פאַר מיין לעבען
דיך זען איז בלויז וואָס איך וויל.

און אַזוי אויף די דראָטען האָט דער אָרעמער יאַנקעל
פאַרענדיגט זיין לעבען און וועלט
דאָס בילד פון זיין כלה ניט ווייט איז געלעגען
און האָט זיך פון צרות געקוועלט.

ווען יענטעל האָט די פינסטערע בשורה דערהאַלטען
אַז איר יאַנקעלע לעבט שוין ניט מער
האָט זי אירע קליידער אויף שטיקער צעריסען
געשטאָרבען איז איר לעצטער באַגער.

נישטאָ מער דער יאַנקעל וואָס פלעגט איר דערקוויקען
מיט פרידלעכען שפּאַס און הומאָר
נישטאָ יענער חלום וואָס האָט איר געחלומט
אַז זיי וועלען ווערען אַ פּאָר.

אָך יענטעל אומזיסט איז דיין האָפען און שטרעבען
פאַרלוירען דיין שמחה דיין גליק,
יאַנקעל וועט מער פון שלאַכטפעלד ניט קומען
געשטאָרבען אויף אייביג זיין בליק.

אַזוי פלעגט דאָך יענטעל צו זיך אַליין ריידען
און קייען די אונטערשטע ליפּ.
פאַרלוירען געגאַנגען איז איר באַשערטער
איצט בלאַנדזשעט אַרום זיינס אַ ריפּ.

אַט זעהען מיר יענטלען מיט טרויער פאַרבונדען
פאַרביטען איר גאַנצער געשטאַלט
פאַרלאָשען די אויגען, דער רוקען געבויגען
פון צרות געוואָרען אַזש אַלט.

די עלטערען אירע, זיי לעבען נישט מער שוין
עם שטייט לאַנג אַ מצבה אויף זיי
און יענטעלע פילט זיך עלענט דערשלאָגען
און קיינער באַגרייפט ניט איר וויי.

יענטעל האָט תיכף אַ שבועה געגעבען
באַלד נאָך איר יאַנקעלעס טויט
אַז זי וועט אין קיינעם זיך מער ניט פאַרליבען
און באַשלאָסען צו בלייבען אַ מויד.

איר הייליגע שבועה האָט זי טייער געהאַלטען
און האָט ניט געבראָכען איר וואָרט
ערלעך פאַרבליבען איר אירע געפילען
אויף יעדען ווינקעל און אָרט.

עס זיינען פיל יאָרען זייט דעמאָלט פאַרלאָפען
געוואָרען איז יענטעל שוין גרוי
זי איז איצט שוין אַן אַלטיטשקע פרוי.

שווער צו באַגרייפען אַ פרויען נשמה
די ציין אָנגעוואוירען די כוחות פאַרלוירען
צו בלייבען אויף תמיד אַליין
פאַרלאָזען די יאָרען צוליב אַ טראַגעדיע
וואָס אַמאָל מיט איר איז געשען.

איצט טראָגען זיך קלאַנגען אַרום איר אין שטעטעל
אַז יענטעלע לעבט שוין ניט מער
און אַלע וואָס האָבען באַגלייט זי צום קבר
האָבען פאַרגאָסען אַ טרער.

די ווייבער דערציילען אַז אין איר גסיסה
האָבען זיך ווערטער געריסען פון איר
יאַנקעלע טרייער קום מיר אַנטקעגען
ווייל איך קום באַלד צו דיר.

און יאַנקעל געקומען איז איר אַנטקעגען
און פון פריידענס מאָמענטען געקוועלט
און האָט מיט זיין יענטלען דער אַלטער זקנה
אין הימעל אַ חופה געשטעלט.

ניט איצט איז די צייט

איך האָב די פען איינגעטונקען אין בלוט פון מיין הארצען
און געדיכטעט מיט טרערען אַ ליד פאַר אייך אויס,
אויסגעמאָלען דאָס לעבען וואָס איז פאַרהאַנגען אין שוואַרצען
געשילדערט אומשטענדען וועלכע זיינע שוידערליך גרויס.

ניט קיין שיינע פאַנטאַזיעס וועל איך אייך דערציילען
נאָר פאַקטען וואָס מיינע אויגען האָבען פאָטאָגראַפירט
און ווערטער וועלכע האָבען דערגרייכט צו מיין אויער
און קלאַנגען וואָס האָבען מיך פון זין שיר גערירט.
עס באַקלאָגט זיך אַ מיידעל פאַר איר׳ם אַ געליבטען
אַז ער האָט זיך לעצטענס דערווייטערט פון איר
פאַרשוואונדען געוואָרען זיין ראָמאַנטישער שמייכעל
און דער צערטלעכער אויסדריק וואָס געווען צו איר פריער.
ווען עס פלעגען די ליפען ווי פייער אַנצינדען
די נערוועץ וואָס ברענען אין ווייבלעכען מין
און האַלטען אינסטינקטען פאַרקלאַמערט געבונדען
סענטימענטען וואָס האָבען אַ פרוכטבאַרען זין.
אויסגעשטעלט האָט דער בחור צעשראָקענע אויגען
זיין פנים צעקאָרטשעט טויטלעך און בלאַס
געענטפערט דער מיידעל מיט באַהאַלטענעם צאָרען
מיט אויפריים פון ווייטאָג און שטורעם פון כעס.
ניין מיין געליבטע דו טאָרסט איצט ניט טראַכטען
פון ליבעס מאָמענטען ניט איצט איז די צייט,
ווען עס פאַלען קרבנות פון פאַרשידענע ראַסען
ווען עס גוסען נשמות פון נאָענט און פון ווייט
ווען טויזענטער קינדער ווערען געשאָכטען
ווען סאָלדאַטען פאַרלירען זייערע לעבענס אָן שיר
ווען קאָנטינענטען און לענדער ווערען צעשמעטערט
ווי קען איך זינגען פון ליבע צו דיר?

ווען די הערצער פון מאַמעס צעגייען פון ווייטאָג
ווען עס צאַפלען געפילען פון שרעקלעכען פיין
וואָס מען שיקט זייערע זין אַוועק אין מלחמה
ווי אומשולדיגע פי אין שלאַכטהויז אַריין

ליגט דיר אין זינען ליבעס מאָטיוועו
חלומות וואָס זיינען מיט כישוף באַצירט

און געדאנקען וואס זיינען דער רייץ פון באגערען
ניט אין דעם מיין געליבטע בין איך פאראינטערעסירט.

גיב מיר א וועלט פון פריידען פון שלום,
ווען מען וועט זיך ניט טובלען אין מענטלעכען בלוט,
גיב מיר ישעיה׳ס פארווירקלעכטען חלום
דעם אויפשטאנד פון אמת גלייכהייט און מוט

ווען עס וועלען אקארדען פון ארבעטער שטימען,
צעשמעלצען די רינגען פון שקלאפעריים קייט
דאן וועל איך ליבסטע הארמאניש, אויסזונגען
פון ערליכע ליבע און א וועלט פון מיט פרייד.

איך וועל דאן פארקלונגען מיט לידער געזאנגען
אויסזונגען מיין ליבע באגליים פון מוזיק,
ווען מיר וועלען האלטען דעם טייוועל געפאנגען
און הערשען וועט יושר פרייהייט און גליק.

ביז דאן מיין געליבטע זאלסטו מיך ניט צווינגען
צו טאנצען און לאכען ווען עס טוט אזוי וויי,
ווען עס ווערט מיר דער קערפער פון יסורים צעבראכען
אויסצוהערען די קולות פון אומגליקלעך געשריי.

עס האבען זיך דער מיידעלס קאלירען געביטען
ווייל זי האט גרונטלעך פארשטאנען זיין מוסר באדייט
און האט אים געטרייסט מיט צערטלעכע ווערטער
עס קומט מיין געליבטער די גליקלעכע צייט.

ווען מיר וועלען אלע דיקטאטארס באגראבען
אויסראטען די שלעכטע ביי אונז אויף דער ערד
און אלץ וואס ערלעכע וועלען אויפבויען
וועט מער פון קיין בעסטיעס ניט ווערען צעשטערט.

דער בעטלער

איז איך אויסגעקומען, אַמאָל אין אַ טריין
צו זיצען געמיטלעך פאַרטראַכט
און פלוצים פאַר זיך אַ בעטלער דערזען
וואָס האָט אַן איינדרוק אַ שטאַרקען געמאַכט.

צעריסען די קליידער, די אויגען פאַרברענט
געליימטביידע פיס מיט אַ האַנט
דאָס האָט אים דאָס וויסטיגע לעבען געווים
געבראַכט צו דעם ביטערען שטאַנד.

געווען איז ער דאַכט זיך אַמאָל אַ גביר
געוואוינט אין פאַלאַצען באַקוועם
געשטאַנען איז תמיד אַ דינער ביים טיר
צוויי דינסטען געהאַט אין דער היים.

זיין נאָמען געקלונגען האָט ווייט אין דער וועלט
געווען אַ וואָל פאַבריקאַנט
איצט פירט אים אַ מאַן אין סאַבוויי אַרום
און שטרעקט אוים צו בעטלען זיין האַנט

וואָס האָט דעם מענטשען געבראַכט אַט דערצו
אַז ער זאָל זיך וויקלען אין נויט
און דאַרפען ביינאַכט בייטאָג אין דער פרי
בעטען אויף זיך כסדר דעם טויט.

איך האָב זיך אין דעם בעטלער פאַראינטערעסירט,
ווייל עס האָט מיר אַ טעמע געפעלט,
און הערט ליבע פריינט אַצינדער מיך אוים,
וואָס מיר האָט דער בעטלער דערציילט.

איך האָב זיך אין רייכטום געבאָדען אַ ים,
פון לוקסוס איז שוין אָפּגערעדט
האָב איך געוואָלט פאַרזוכען דעם טעם
פון פרויען געשלעכט ביז צו זעט

איבערגעגעבען מיין קראַפט און געזונט
צו יעטוועדען רייץ און פאַרקער
מיר האָט ניט געשטערט מיין ווייב און מיין קינד
צו דערפילען מיין יעדער באַגער.

נעכט ניט דערשלאָפען אין קאָרטען פאַרבראַכט
אויך מיט פרויען ווייַן און געזאַנג,
געזוכט נאָר אין מיר די בעסטיע איינשטילען
נאָכגעבען מיין הארצענס פאַרלאַנג.

אַזוי זיינען וואָכען מאָנאַטען געלאָפען
און דאָ הייבט מיין טראַגעדיע זיך אָן:
אָן אומגליק אַ גרויסער מיט מיר האָט געטראָפען,
וואָס געשטעלט האָט מיין לעבען אין קאָן.

אַ פרוי אַ פאַרפּוצטע מיט אַ הימלישען חן
דערוועקט האָט אין מיר ווילדע באַגערען
איר פּנים געלויכטען, מלאכים׳דיג שיין,
מיט פאַרלאַנגען אירער צו ווערען.

שוואַך איז געווען מיין כאַראַקטער און שטעל
אוממעגלעך מיין תאווה באַצווינגען
איר ליבסטער געוואָרען בין איך זייער שנעל
געלאָזט זיך מיט איר לאַנג ניט דינגען

און דאַן ווען די לוסט האָט געקלונגען איר שעה.
פון פרידענס פאַרלאַנגען געצונדען

האָט זי פאַרלאַנגט צו גט'ן מיין ווייב
און אויף אייביג מיט איר זיך פאַרבונדען.

און ווען איך האָב איר בקשה גענצלעך אָנטזאָגט
האָט עס איר שרעקלעך פאַרדראָסען
געכאַפּט שנעל אַ פלאַש מיט שטאַרקען קאַרבאָל
און האָט מיר די אויגען פאַרגאָסען.

זייט דעמאָלט האָב איך פאַרלוירען די קראַפט
צו זען די ליכט פון גאָטס וואונדער
פאַרלוירען דורך דעם מיין היים און פאַרנעם
איך בין איצט אַ בעטלער אַ בלינדער.

און אויב דאָס איז נאָך וויניג האָט זי אויך געהאַט
אַ קראַנקהייט מיך איבערצוגעבען
וואָס האָט מיר פאַראַליזירט די הענט מיט די פיס
פאַרקריפּעלט אויף מיין גאַנץ לעבען.

דאָס האָט מיך דער בורא הפנים באַשטראָפט
ווייל איך האָב פאַמיליעס צעבראָכען
זיך קיינמאָל גערעכענט מיט יענעמס געפיל
אויף פרעמדע קברים געקראָכען

געגראָבען האָב איך דאָן מיין אייגענעם גרוב
אין שאַנדע אין שפּאָט און אָן בושה
דאָס האָט מיר מסתמא מיין טאַטע געלאָזט
זיין זינדיגע בלוט אַ ירושה.

אויך אים האָט דער טייוועל אין זומפּען פאַרפירט
און די קליפה אויף אים האָט געקעניגט
תמיד געוואָרען פון דלילה'ן רעגירט
מיט אַלע אויסוואורפען פאַראייניגט.

די חכמים זיי האָבען פון לאַנג שוין געזאָגט
וועלכע זיינען געווען קיין נאַראָנים
פאַרבליבען איז עס אַן אייביגער פאַקט
אַז מעשה אבות יורשי בנים.

אויף מיר איז דער פסוק מקוים געוואָרען
פון רויע וויינטרויבען אייליג די ציין
און דאָס וואָס איך האָב ניט אין ווערטער פאַרענדיגט
וועלען קלוגע במילא פאַרשטיין...

נאָר דאָ איז דער בעטלער געוואָרען אַנטשוויגען
געפעלט האָבען ווערטער צום סוף
עס איז דער קרבן פון לעבענס אומשטענדען
אַריין אין זיין אייביגען שלאָף.

עס האָט זיין געשיכטע מיך מיטגעריסען
און עס איז מיר אַרויף אויפן זין
דערציילען דער וועלט אַ לעבענס פּאַסירונג
האָב איך געמאַכט אַ דעקלאַמאַציע דערפון.

רב סנדר גאון

עס שטייט ביים שטענדער דער גאון רב סנדר
פאַרטיפט אין מחשבות וואָס ברויזען אין קאָפּ
אין טעאָלאָגישע חקירות פון מורה נבוכים
לאָזען דעם גאון אַצינדער ניט אָפּ.

וואָס וויל משה בן מיימון מיט די שטעלען באַווייזען
און זיין תלמיד שפינאָזאַ מיט די אַטריבוטען פון גאָט
אַז אלוקים איז הטבע פון פרטות וכללות.
עס ליגט זיך אין דעם אַ פאַרבאָרגענער סוד.

אויב אחד איז אהבה ממש דביקות
ווי איז פאַראַנען אין בן מרים חליקות
מען זאָגט דאָך שוין לאַנג אַז ער איז די סיבה
אַז ער איז דער אמתער זון פון אַ ליבע...

און יודקע דמיונות בית עין חזיונות
אַ באַנד ענדלאָזע נולען וואָס מען האָט אַנטשלעפּערט ישראל׳ן
האָט קיין שכל קיין זינען פון דעם עפּעס צו שפּינען
און ווילען פון דעם אמת׳ן אמת אַנטרינען.

אַז פּיטאַגאָרעס סאָקראַטעס די פילאָזאָפישע טאַטעס
האָבען דערקלערט מיט דורות צוריק
אַז שכל אין צאָלען האָט אַלץ געמאָלען
אַז אין דרך העולם ליגט פון וויסען דאָס גליק.

אַז אפס איז גאָרניט און פּעי וואָו אַ האָר ניט
אַז שיינקייט קיין שיינקייט און מיאוס איז קיין מיאוס
דערקלערט דאָרט דער רמב״ם אין מורה נבוכים
אַז גאָט האָט קיין קאָפּ ניט קיין הענט און קיין פיס.

קומט אוים נאָך די שטעלען פאַרטייטשען פאַרשטייז,
אַז דאָס ליכט פון דעם גלויבען איז דער שקר אַליין
צו וואָסזשע ׳דאָס לערנען דאָס בעטען צו גאָט
און די אַלע הוויות מיט גאַנצען געבאָט.

אַזוי האָט רב סנדר דער גאון געטראַכט
און פּלוצים אַליין זיך משוגע צעלאַכט
אוי ווי פאַרנאַרט איך בין תמיד געווען
און האָט זיך אין אַן אַנדער געשטאַלט באַלד דערזען.

און ביינאַכט ווען אַלע זיינען געשמאַק שוין געשלאָפען
איז ער צום שפּיגעל אַליין צוגעלאָפען

ארונטערגעשניטען די באָרד מיט די פּאות
צעריסען אויף שטיקער אַ יעדער משניות.

און שטיל אויף די נעגעל צום טיר אונטערגעהונקען
און מען האָט אים אויף מאָרגען געפונען דערטרונקען
עס האָט ניט געהאָלפען קיין וויינען קיין קלאָגען
דאָס האָט אים דער געדאַנק צום וואַסער פאַרטראָגען.

דאָס האָט מען פון הימעל געוואָלט אים באַווייזען
אַז העכער פון גאָט טאָר מען ניט איבערשפּרייזען
עס האָט אפשר דער גאון דעם מאמר פאַרזען
דערפאַר איז מיט אים אַזאַ ענדע געשען.

דער קאַדעט.

אַ מיידעל אַ יונגע מיט אומשולד באַצירט
געחלום׳ט פון פריידען פון נחת און גליק,
זי האָט אין זיך פיזיש די ליבע דערשפּירט
אַ חתן צו קריגען פאַר זיך אַן אַנטיק.
די שעה איז געקומען, זי האָט זיך באַקאַנט
דער בחור געבעטען, ביי איר האָט די האַנט
אַ קוש צוגעגעבען געגלעט אירע האָר
אַ שקלאַף וועל איך זיין פאַר דיר אַלע יאָר.

די חופה צערעמאָניע, דאָס גלעזעל צעקלאַפּט
דער כלה האָט קושען איעדער געכאַפּט
מאַמעס פון טעכטער געפרייד זיך אַן אַ שיר
דערלעבען אַזאַ גליק זאָל איך טאָכטער ביי דיר.
געגעסען געטרונקען, געטאַנצט און געלעבט
געקראָגען האָט דאָס מיידעל וואָס זי האָט געשטרעבט
נאָר פּלוצים אַ טומעל פאַלים אָן אַ שיר

מיט רעוואָלווער אין האַנט ביי יעטווידער טיר
נאָך איידער דער חתן געטאָן זיך אַ קער
האָט מען געדראָעט אים מיט געווער
דיין סצענע געענדיגט דיך ענדלעך געכאַפּט
דאָס איז דער סטיישאָן וואו דו האָסט געסטאַפּט
גענוג שוין קרבנות האָסטו אומגעבראַכט
פאַר שענדלעכע פּרויען אַלע געמאַכט
די צייט איז געקומען, גענוג זיין געמיין
אין קאָרט פאַרן דזשאַדזש וועסטו איצטער שטעהן.

ער האָט פּראָטעסטירט, נאָר אַ קלאַפּ פון אַ קלאָב
האָט דעם בחור צעפּלאַכטען צעשאָסען דעם קאָפּ
אַן אַמבולאַנס גלעקעל הערט מען אין סטריט
מיידלעך פאַרפּירען וועט ער שוין מער ניט.
איצט וויינט ער אין פּריזאָן שלאָגט זיך על חטא
נאָר עס איז צום באַדויערען אַביסעל צו שפּעט
ער וועט דאַרטען שוין קלאָגען זיין גאַנץ לעבען לאַנג
און אויפּפרעסען וועט אים פון געוויסען דער שלאַנג...

דער טרעמפּ

אין גאַס בלאָנדזשעט אַרום אַ טרעמפּ גאַנץ אַליין
פאַרגעסען פון גאָט און פון לייט
דאָס פּנים באַוואַקסען פאַרגעלט זיינע ציין
אַ קרבן פון אומשטאַנד און צייט.
מיט וואונדען פאַרבלוטיגט ווייט ניט פאַרהיילט
דעם וויימאָג פּילט ער אָן אַ שיר
און הער וואָס דער טרעמפּ האָט מיר דערציילט
וועט אייך טרערען רירען ווי מיר.

אַ דאָקטאָר אַמאָל בין איך געווען
מיין נאָמען געהערט האָט מען ווייט און ברייט

האָב איך איינמאָל אין אָפּים אַ דאַמע דערזעען
אַ נאַקעטע רייצונג פאַר מיר ווי זי שטייט.

די ליבע־די תאווה זי האָט מיך געברענט
און האָט מיך געמאַכט פאַר אַ לומפּ
געגעבן זיך שטעלען האָב איך ניט געקענט
ליג איך אַצינד אין אַ זומפּ.
די פרוי האָט פאַרשוואַנגערט געטראָגען די פרוכט
געטראָגען די בלום פון מיין זינד
זי האָט מיט טרערען געבעטען ביי מיר
איך בעט דיך דערהרגע דאָס קינד.

איך האָב איר געפאָלגט און גאָר ניט געטראַכט
גענוצט מיין שאַרף אינסטרומענט
דאָס קינד אין איר בויך האָב איך אומגעבראַכט
אין צייט פון בלויז אַ מאָמענט.
נאָר פּלוצים אַ בלוט שטורץ אין איר קרענקלעכען שטאַנד
געוואָרען בין איך ווי פאַרווירט.
די פרוי איז געשטאָרבען גלייך אונטער מיין האַנט
איר קאַלטקייט האָב איך דערשפּירט.

עס האָט דאָס געוויסען מיר שרעקלעך געפּאָלגט
געהערט האָב איך פון איר אַ געשריי
נשמות צוויי יונגע האָסטו אָפּגעהאַקט
באַצאָלען זאָלסטו נאָר פאַר זיי.

זעלדע די יתומה

אַן עלענטע יתומה האָט זי זיך דערצויגען
איר פאָטער איז קיינמאָל קיין לייט ניט געוועזן
זי האָט קיינמאָל קיין גליק אָנגעקוקט פאַר די אויגען

קיינמאָל געוואוסט וואָס ס׳איז פראַכטפול און שיין
און איז זי אַביסעלע עלטער געוואָרען
געקלעטערט געשפּרונגען אויף פּאַרקענס און בוים
און ווי ווינטיגע כמאַרעס איז געוואָרען פאַרשוואונדען
איר ערלעכער גליקלעכער מיידעלשער טרוים
איר זיידע און באָבע האָבען ביידע געליטען
געשמאַכטעט געהונגערט אין נויט און אין קעלט
באַגאָסען דאָס מיידעל מיט בלוטיגע טרערען
וואָס האָט ערגעץ אַ פאָטער ווי אויף דער וועלט.
אַזוי זיינען מאָנאַטען און יאָרען געפלויגען
ס׳איז דאָס מיידעל געוואַקסען געהאָפט און געשטרעבט
ביז ס׳האָט אירע אַ טאַנטע אויף איר זיך דערבאַרעמט
אַ שיפס קאַרד דערהאַלטען האָט זי שוין דערלעבט.
דער טאָג איז געקומען זי הויבט זיך אָן פּאַקען
די באָבע פון צרות ליגט קראַנק אין איר בעט
דעם זיידען פון וויטאָג אים טרייסלען די פינגער
זיין גרוי לאַנגע באָרד פאַרדעקט דעם סקעלעט.
עס קייקלען זיך טרערען ווי טראָפּענס פון רינע
עס ברענען מחשבות ביים זיידען אין קאָפּ
עס לויפען די וויזערס מינוטען און שטונדען
און אָט פאָרט דאָס אייניקעל באַלד פון זיי אָפּ.
איצט דאָס צעשיידען ווער קען דאָס באַגרייפען
די פינצטערע סצענע וואָס דאָרט איז געווען
קום אהין אָן בשלום אייניקעל טייערס,
פאַרגעס ניט מיין קינד מיר בלייבען אַליין
שרייב גלייך אָן אַ בריוועל און לאָז פון זיך הערען
מיר בעטען מיט טרערען ניט קאַרג אין פּאַפּיר
פאַרגעס ניט די אַלטע ווען גאָט וועט דיר העלפען
וואָס מיר האָבען ביידע געטאָן דאָ פאַר דיר.
און זעלדע, אַזוי האָט די יתומה געהייסען,
איז בשלום געקומען אין גאָלדענעם לאַנד
אַ סוד האָט איר פאָטער אין אויער פאַרטרויעט

אַז ער איז ביי זיך איר ניט האַלטען אימשטאַנד.
ער איז צו אַ צווייטע ווייבעל פאַרהייראַט
האָט שוין דערוואַקסענע קינדער מיט איר
און ס'איז גאָר ניט פּאַסיג אַז דו טאָכטער מיינע
זאָלסט איצט אינגאַנצען גאָר וואוינען ביי מיר.
פאַרגליווערט פאַרדראָסען איז זעלדע געבליבען
אין אויג האָט געפינקעלט פון ווייטאָג אַ טרער
אָך די פאַנטאַזיעס וואָס האָבען געלאַסטשעט
ווען זי איז געפאָרען צום טאַטען אַהער.
צום סוף די אַנטוישונג איז ניט צום באַשרייבען
אַזאַ מין אויפנאַמע האָט זי ניט דערוואַרט,
ס'איז איר ליכטיגער חלום צערונען געוואָרען
די אָרעמע זעלדע האָט זיך ביטער גענאַרט.
איצט זיצט די יתומה פאַרטרויערט געבויגען
פאַרהאָרעוועט פאַרמוטשעט ביי דער מאַשין
ביז גאָט האָט געהאָלפען, זי האָט שוין געהייראַט.
די צייט איז געקומען זי וועט זיך אָפּרוהען,
ווייזט אָבער אויס אַז דער פינסטערער שיקזאַל
האָט איר פאַרקליאַמערט מיט שפּיציגע ציין
לאָזט איר ניט רוהען וויל זי צעברעכען
און זעלדע דאַרף אַליין צו דער אַרבעט נאָך גיין.
איצט זיינען די צרות נאָך גרעסער געוואָרען
עס לאָזט איר דאָס קינד ניט פאַרלאָזען דאָס הויז
זי קושט זי און גלעט זי באַגיסט זיך מיט טרערען
און גנבעט פאַמעלעך פון שטוב זיך אַרויס.
דאָס אָרעמע קינד בלייבט זיצען פאַרביטערט
איר בענקשאַפט דערשטיקט זי אין קינדערשען געיִם
און אין אָוועגט באַמערקט מען דאָס קינד ביי דעם סטיישאָן
דערוואַרט אַז איר מאַמע זאָל קומען אַהיים
אַזוי האָט דאָס לעבען זעלדען געקאָרמעט
מיט ווייטאָג יסורים ביז איבער דער זעט
און האָט אויף דער עצה פון פריינדלעכע שכנים

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איר מאַן אָפגעכגט
בענקען צוויי הערצער פון פאָטער און טאָכטער
כאָטש דער וועג איז גאַנץ נאָהענט דאָ אויפן מאַפּ
זעהען זיך זעלטען גוף און נשמה
און זעלדע זי אַרבעט ביז היינט נאָך אין שאָפּ...

דער דיכטער

געלעבט האָט אַ דיכטער פאַרצווייפעלט אַליין
געהאַט קיין פאַמיליע קיין פריינד
דאָס פינצטערע מזל איז זיין חבר געווען
דאָס גליק האָט פאַר אים קיינמאָל געשיינט
פלעגט זיצען געהויקערט פאַרטיפט מיט דער פען
און דיכטען די לידער מיט פראַכט
נאָר האָט פון די שריפטען קיין גילדען פאַרדינט
און קיינמאָל קיין לעבען געמאַכט
פאַרלאָשען די אויגען פאַרטריקענט און דאַר
דאָס פּנים פאַרגעלט ווי פאַרמעט
פאַררוקט אין אַ ווינקעל אין שטענדיגען צער
פאַר קיינעם זיין הארץ אויסגערעדט
נאָר אין זעל האָט געגריזשעט דער ביטערער שלאַנג,
געפרעסען זיין פלייש אָן אַ צאָל
אין קאָפּ האָט געשטראָמערט אַ פראַגע געדאַנק
צי וועט מען אים לעזען אַמאָל?
פאַרמאַכט די רעדאַקציעס מיט אייזערנע רינגען
מען דאַרף היינט קיין לידער ניט מער
וויצען ראָמאַנען וואָס קיצלען דעם פופיק
זייט מוחל און גיט אונז אַהער.
מיר וועלען זיי דרוקען שטאַרק אַדווערטייזען
די וועלט איז פאַרקאָכט אין הומאָר
איר ווילט אַז מיר זאָלען פאַר דעם אייך באַצאָלען

וואָס זייט איר משוגע צי קלאָר?
ווער צאָלט גאָר פאַר שריפטען אין קריזישע צייטען
איר זייט דאָך אַ נאַר אַז איר מאָנט
איז ניט גענוג איר קריגט דערפאַר כבוד
און מען מאַכט צו דער וועלט אייך באַקאַנט?
דער דיכטער פאַרקרומט אַזש פון ווייטאָג זיין פנים
און פילט ווי עס ברעכט אים די קני
קוים וועט ער דער מיסעס זיין רענט ניט באַצאָלען
וואַרפט זי אים אַרויס פון לאַזשי.
ווי וועט ער טראָגען די ביכער מיט לידער
ווי וועט ער זיי לייגען אַוועק
אַזוי פיל געמאַטערט, נעכט ניט דערשלאָפען
פאַרלאָרען, די יאָרען די טעג.
ער קוקט אויף די ביכער און ס׳גיסען זיך טרערען
אַראָפּ אויף זיין בלאַסען געזיכט
זיין טראַגישע ענדע האָט ער געשריבען
און געררופען זיין לעצטען גערדיכט
ווי לאַנג וועט ער קענען זיך מוטשען און זאָרגען
און ליידען די ביטערע נויט.
עס האָט אים זיין מיסעס טאַקע אויף מאָרגען
אַ פאַרסמטען געפונען צום טויט,
אַנטשולדיגט האָט ער דאָרט אין אַ בריוועל געשריבען
וואָס איך האָב אייך צו דער לאַגע געשטעלט.
ס׳איז קיין אַנדערער אויסוועג פאַר מיט ניט געבליבען
און איך פאַרשעלט אייער פינצטערע וועלט.

גיט מיר אַ דזשאָב

(אין קריזיס)

עס רוישען די גאַסען עס שטורעמט דער וועג,
עס לויפען די יאָרען מאָנאַטען און טעג,
איך לויף ווי אַ ווילדער פאַרצווייפעלט אַרום

און בעט עפּעס אַרבעט ווי נאָר איך קום,
גיט מיר אַ דזשאָב פּליז גיט מיר אַ דזשאָב
אין הויז ליגט פאַרהונגערט מיין קינד און מיין ווייב
פאַרמאַכט די עלעקטריק, פאַרשלאָסען די געז
געקראָגען פון לענדלאָרד שוין אַ דיספּאָזעז.
איך קען ניט פאַרטראָגען זייער ביטער געוויין
עס קומט מיר נאָר אויס זעלבסטמאָרד צו באַגיין,
גיט מיר אַ דזשאָב, פּליז גיט מיר אַ דזשאָב
צו ברענגען אַ דאָלער אַהיים צו מיין ווייב.
פאַרניכטעט צעבראָכען מיט שאַנד און מיט שפּאָט
פיל גליקלעכע היימען האָט דער קריזיס דעספּאָט,
מיט וועמען איר רעדט און ווי איר זאָלט ניט גיין
הערט איר פון אַלע דאָס זעלבע געוויין:
גיט מיר אַ דזשאָב פּליז גיט מיר אַ דזשאָב
צו קענען סופּאָרטען קינדער און ווייב.
געשריבען האָב איך צום מעיאָר שוין אַ בריוו
הייסט ער מיר ווענדען זיך צום רעליף
אַלע פּראָדוקטען האָט מען שוין געטעקסט
און דאָרט הייסט מען וואַרטען מיר אויף מיין נעקסט.
גייט אייך אַהיים ענטפערט מען בייז
מיר דאַרפען אַפריער אונטערזוכען די קעיס
צי איר האָט ניט קיין געלט אָפּגעשפּאָרט אין דער באַנק
און צי זייט איר אינשורט און אויך שוין ווי לאַנג
דערווייל מוטשעט און דריקט מיך די ביטערע נויט
איך זוך צו פאַרדינען אויף אַ שיקעלע ברויט.
איך האָב געטרייעט צו פּעדלען שלאָגט מען און שרייט
אַז איך שיידיג געשעפטען פון די ביזנעסלייט,
נו וואָס זאָל איך טאָן, ווען וויל לעבען פאָרט
מען יאָגט מיר פון דאַנען מען טרייבט מיך פון דאָרט
גיט מיר אַ דזשאָב — פּליז גיט מיר אַ דזשאָב
צו קענען סופּאָרטען מיין קינד און מיין ווייב.
אַמאָל בין איך געווען אַ איד אַ גביר

האָבען אַלע געהאַט דרך ארץ פאַר מיר
צדקה געגעבען פאַר יעטווידען צוועק
היינט מאַכט מיט דער האַנט מיך איעדער אוועק —
עס דערקענט מיך ניט קיינער, פאַרשווינדען די פריינד
אויסגיין פון הונגער לאָזט מען מיר היינט
האָט איר אַ דזשאָב, נעמט מיר אַריין
און איך וועל אייך תמיד דערפאַר דאַנקבאַר זיין.

דער סוף

פאַרליבט האָט זיך גאָסיע אין בענע דעם שוואַרצען
אין זיין הויכען געשטאַלט און געקרויזעלטע האָר
געחלומט חלומות פון גליקלעכע צייטען
ווען זי מיט איר בענען וועלען ווערען אַ פּאָר
אויסקושען די ליפּען וואָס ברענען מיט ליבע
פאַרזיגלען די קוואַלען פון געטלעכע פלאַם
איינקויפען די אומשולד וואָס פלאַקערט מיט שטורעם
דערפילען די בשמים פון געשמאַקען באַלזאַם.
אַזוי האָט דאָך גאָסיע געוועבען פאַנטאַזיעס
האַרמאָניש געזונגען האָט איר יעדער גליד
עס האָט איר געצויגען צום הימעלס געצעלטען
דאָרטען פון ליבע אויסזינגען אַ ליד...
די מעלות דערציילען פון בענע דעם שוואַרצען
איז די פען פון דעם דיכטער אַפילו צו שוואַך
אַביסעל אויסמאָלען וועט אייך דער שרייבער
און פאַרשטיין דאַרף דער לעזער פון דעם שוין אַ סך.
קודם שהכל איז בענע אַ געמבלער
אַ שמעקער אַ טרינקער אַ גענגסטער דערצו,
אַ מיאוסער פרויעלניק וואָס קריכט מיט די לאַפּעס
אַ יונגע אַן אַלטע אַבי נאָר אַ זי
ער איז שוין אַפילו איז סינג-סינג געזעסען

גענאָמבערט געקליידעט נאָכן טורמע פאַסאָן
סקווילער און קילער זיינע חברים
דאָס שטיין הארטע בעטעל געווען אין זיין טראָן
צי איז דען אַ וואונדער וואָס איר טאַטע מאַמע
האָבען מיט בייזקייט געקריצט מיט די ציין
די מויד וועט דאָס פּנים זייערס פאַרשוואַרצען
און מאַכען אומגליקלעך אויך זיך אַליין.
עס האָבען זייערע טרערען אויף איר ניט געקלאַמערט
די קלעפּ פון איר טאַטען קיין איינדרוק געמאַכט
אַנטלאָפען איז גאָסיע מיט בענע דעם שוואַרצען
און האָט פון איר ענדע כמעט ניט געטראַכט,
און אָט איז שוין גאָסיע פאַרבונדען געוואָרען
די ברוסטען צעוואַקסען פאַרהויבען דער בויך
די צייט איז פּאַמעלעך איבערגעלאָפען
געוואָרען איז גאָסיע אַ מאַמע שוין אויך,
און בעני דער שוואַרצער זיצט אין אַ תפיסה
די ענדע וועט אים ניט פאַרשאַפען קיין גליק
און עס טראָגט זיך איצט גאָסע אַהיים מיטן פּעקעל
אַהיים צו איר טאַטע מאַמע צוריק...

דער האַלבער יתומל

דערציילט האָט מיר דאָס מעשהלע אַ אינגעלע אין גאַס
מיט אַ מאָגער קליינעם פּנים׳ל הונגעריג און בלאַס,
איך בין אַ האַלבער יתומל ערגעץ לעבט מיין טאַטע וואו
די מאַמע ליגט אין האָספּיטאַל, מען לאָזט מיר צו איר ניט צו,
דער דאָקטאָר גיט קיין האָפענונג און איך בלייב אַליין
זוכט דעם טאַטען מיינעם אוים און גיט אים צו פאַרשטיין
געבליבען איז זיין יאַנקעלע איצט אין פרעמדע הענט
ווייל דער טאַטע האָט מיט דער מאַמעניון שטימען ניט געקענט

וואָסזשע איז זיין אייגען קינד שולדיג אין די זינד
האָב רחמנות טאַטעניו און נעם צו זיך דיין קינד.

אליין פאַרבלייבען אין דער פרעמד, איך בין נאָך אַזוי יונג
וואָס ווייסט אַ קינד פון גאַסען זינד און פון אַ שאַרפען צונג
און אויב דו וועסט ניט קערען זיך צוריק איצט צו דיין קינד
האַלט מיר ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר שלעכטע שריט און זינד
ניט זיין וועסטו קיין טאַטע מיר, דיין נאָמען וועט זיין פרעמד
אַ טאַטע וואָס פאַרלאָזט זיין קינד ווערט קיינמאָל אַנערקענט.
רופט עס אַן געזעץ מאָראַל, רופט עס אַן נאַטור,
ווער ס'לאָזט זיין ווייב און קינד פאַרשעלט זיך זיינע יאָר.

קען זיין אַז ער איז איצטער רייך און פאָרט מיט אַ מאַשין,
און אַ פרוי פאַרשייט זיצט ביי דער זייט און קוועלט גאָר אָן פון אים
דאָס איז נאָר בלויז אַ צייט פאַרטרייב, קיין אייביגקייט ניט ניין
די שטראָף קריכט לאַנג אָבער ווי אַ שלאַנג
קומט זי צו אים צו גיין.
אַזוי האָט פאַר מיר דאָס אינגעלע הייזעריג געקלאָגט
דעם טאַטען ברענגען צו אים צוריק
האָב איך אים צוגעזאָגט...

בעני דער טישלער

פאַרגלוסט האָט זיך בענע דעם טישלער
צו נעמען נאָך יוראָפּ אַ רייד
אָנזאָגען דער ווייב זיינס אַ בשורה
ער האָט אַ צווייטע פאַר זיך אָנגעגרייט.

ס'איז אויך די צווייטע פאַרהייראַט
זי האָט אַ מאַן מיט קינדערלעך פיר

געווען איז דאָרט בעני אַ באָרדער
און שטערבלעך פאַרליבט זיך אין איר.

בעט איך דיך איצטער מיין ווייבעל
אַז דו זאָלסט מיר געבען אַ גט
נאָר אומזיסט איז געווען זיין טענה
אומזיסט איז געווען זיין געבעט.

איך וויל זיך מיט דיר גאָרניט גט׳ן
שוין נעמען זאָלסטו מיר אַהין
באַזאָרגען זאָלסטו מיך מיט די קינדער
און וואָס וועסט ווע‌לען דאָס וועסטו טאָן —

גענומען האָט ער זיין פאַמיליע
געבראַכט זיי אין גאָלדענעם לאַנד
און דאָס ווייבעל פון בעני דעם טישלער
האָט מיט איר געגנערקעם מאַן זיך באַקאַנט.
זי האָט אים געעפענט די אויגען
וואָס ער האָט געהאַלטען פאַרמאַכט
און ער האָט די גאַנצע געשיכטע
מיטן שכל הישר באַטראַכט.
ער האָט בעני דעם טישלער געוואָרענט
מיין ווייב זאָלסטו לאָזען צורו
ניט קריכען זאָלסטו צו איר ווי אַ קעלבעל
וואָס קריכט צו איר מאַמע דער קו.

אויב ניט וועסטו האָבען חרטה
אָפּראַמען וועל איך דיר פון וועג
אַזוי האָט ער בענין געוואָרענט
נאָר יענעם אים אָרט ניט קיין שרעק.

טרעפט זיך אַמאָל הערט אַ מעשה
ווען ער האָט זיי ביידע געפאַקט

אַנשטאָט ער זאָלביידע דערטייטען
האָט ער די טיר אונטער זיך צוגעהאַקט

וואָס איז ווייטער געשען ליבע פריינדע
וועל איך מער אייך ניט האַלטען געצאַמט
עס האָט זיך דער שטילענקער מענטשעל
נאָך יענעם סקאַנדאַל באַלד פאַרסמט.

אַזוי זיינען יאָרען געלאָפען
פאַרהייראַט איז שוין יעדער קינד
און בעני דער טישלער אַ ווערדע
האָט אַצינדער ביי זיי ווי אַ הינד

אויב אימיצער דענקט דאָס איז ליגען
נישטאָ דאָ קיין אמתער וואָרט
זייט מוחל און נעמט זיך די טרחה
און זוכט נאָך די רעקאָרדס אין קאָרט.

מרס. עלקינס טראַגעדיע

מיסעס עלקין הייסט די מוטער
שלום ראובן הייסט דער זון,
לאַנגער מעקסעל הייסט דער טאַטע
און איך שרייב אַצינד דערפון.

איך געדענק דער מיסעס עלקין
זייט איך בין געווען אַ קינד
וואָס דאָרט אין הויז איז פאָרגעקומען
ליגט אין זכרון מיר אַצינד.

לאַנגער מעקסעל אַן אַפּרייטאָר
וואָס ער וואוינט לאַנג ניט מיט איר

און איר אינגעל שלום ראובן
חברט תמיד זיך מיט מיר.

איך בין דאָרטען אַ בן בית
זע אַלץ צו וואָס דאָרט קומט פאָר
קומט אַמאָל דער לאַנגער מעקסעל
דערגייט די מיסעס אים די יאָר.

מעקסעל גנב שרייט מרם. עלקין
גיבען וועסטו מער סופאָרט
אויב נישט וועסטו קריגען מאָרגען
נאָך אַ לעטער פון דעם קאָרט.

איך האָב קיין געלט מער ניט צו צאָלען
ס'איז אַצינדער ביי מיר סלאָו
אויב דו האָסט קיין געלט ניט שרייט זי:
וואָס טויג דיר האָבען נאָך אַ פרוי.?

זי האָט דעם לאַנגען מעקס געמוטשעט
מאַנאַטען לאַנג גאָר אָן אַ שיר
ביז ס'איז דער לאַנגער מעקסעל
אין איין טאָג אַוועק פון איר.

שלום ראובן ווערט בר מצוה
שרייבט זי איצט אין בינטעל בריוו
האָב אויף אונז רחמנות מעקסעל
פאַרשטיי אַצינד דיין קינדס באַגריף.

יאָרען לויפען, יאָרען פליען
איך בין שוין אַ גרויסער באָי
עפּעס הער איך גאָר אַ שטימע
פון אַן אַלטער קראַנקע פרוי.

דאָס איז דאָך די מיסעס עלקין
שוואַך צעבראָכען, גרוי, אָן ציין,
דערציילט, דערציילט מיין ליבע פריינדע
זאָגט וואָס איז מיט אייך געשען?

מעקס צוריק איז ניט געקומען
האָט זי יאָמערלעך געקלאָגט
מיט מיין יאַדען מיט מיין שעלטען
האָב איך אויף אייביג אים פאַריאָגט.

שלום ראובן איז קיין מענטש ניט
ער דערגייט די יאָרען מיר,
איך האָב מיין ליבען זיסען טאַטען
נאָר פאַרלוירען צוליב דיר.

און צו מאַכען דאָס בקיצור
צו באַפרייען זיך פון נויט
האָט זיך איין מאָל מרס. עלקין
גאָר געמאַכט דורך גאַז דעם טויט

ווען מעקסעל האָט נאָר אויסגעפונען
אַז זיין ווייבעל לעבט ניט מער
האָט ער זיין זון צו זיך גענומען
פאַרגיסענדיג דערביי אַ טרער...

מאַקס איז אַצינד אין קאַליפאָרניע
געהייראַט נאָך מיט יאָרען פריער
ער האָט געשריבען צו זיין בן יחיד
שלום ראובן קום צו מיר.

דו ווייסט אַז איך בין גאָרניט שולדיג
איך האָב דיין מאַמען ליב געהאַט
נאָר די קללות און חרמות
האָבען ביידע אונז פאַרשאַדט...

רב נפתליס לוויה

עס שוועבט ר׳ נפתלי אין די הימעלשע ספערען
און וויל זיך מיט דער ליכט פון דער תורה דערנערען
ער האָט שוין דערוואָרבען די חכמה עליונה
און אויסגעפאָרשט גרינטלעך די סיבה ראשונה,
דערמאָנט ער די שמות פון גאָט און קבלה
און שטרעבט שוין צו זען דער טמאהס מפלה,
ער קען דעם המפורש מיט די בית עין פוצען
און ווייסט ווי אַזוי דעם שם אויסצונוצען
די ספירות וועלכע האָבען באַשאַפען די וועלטען
די סודות התורה און אירע רמזים געצעלטען
אָט וויל ער אויסשרייען דעם שם דיקרנסא
און ברענגען אויף אידען אַ ים מיט פרנסה
נאָר פלוצים ווי ער איז מיט קדושה געזעסען
האָט ער פון המפורש די אותיות פאַרגעסען
צעשטערט איז געוואָרען זיין פאַנטאַסטישער דרימעל
מען האָט אים אַרונטערגעשליידערט פון הימעל.

אַ איד אַ בן תורה וואָס האָט זיך דערהויבען
דורך פרישות נקיות צום געטלעכען גלויבען
און פלייסיג דעם זין פון הויה פאַרשטאַנען
פאַר אַזאַ מענטשען אין הימעל איז קיין אָרט ניט פאַראַנען...
דאָס האָט נפתלין פאַרביטערט די יאָרען
ביז ער איז פון דענקען משוגע געוואָרען.
איצט לויפט ר׳ נפתלי אַרום אין די גאַסען
און רעדט דברי תורה פאַר די אָרעמע מאַסען,
עס פינקלען די אויגען ביי אים אויף די בלאַהע
געבראַכט צו אייך אידען האָב איך די ישועה,
און ווי ער האָט פאַרן עולם זיין דרשה געהאַלטען
האָט איינער מיט אַ שטיין אים זיין מוח צעשפאָלטען
אין אַ טייך בלוט ליגט נפתלי פון מענטשען פאַרדאָרבען

געלעבט ווי אַ חסיד און ווי אַ צדיק געשטאָרבען
עס איז נאָר דער ניגון פון אמר אביי
געגאַנגען נאָך רבי נפתלים לוויה.

איר געראָטענער זון

דערציילט מיר אַ פרוי אירעליידען,
איר זון טרייבט איר אין דרערד פאַר דער צייט
ער האָט ליב דעם ביטערען טראָפּען
שפּילט קאָרטען און איז גלאַט ניט קיין לייט.
איז אַ בחור פון עטלעכע און צוואַנציג,
ניט מאָגער ניט קראַנק און ניט קליין
פּרובירט גיט אים כאָטש אַבצען פּאָפּלעקציעס
וויל ער קיין קיין דזשאָב זוכען ניט גיין.

איך פאַנג אָן אין דער פרי אים צו וועקען,
איז גלייך ווי מען רירט אים זיין טראָן
ער דעקט מיט דער קווילט זיך אַריבער
און שרייט מאָדער פליז ליוו מי אַלאָן!
נישטאָ היינט קיין אַרבעט פאַר קיינעם
און אַ שאָד איז די קאָרפּער סיי ווי
איך קען איצט מיט אַפּעטיט שלאָפען
ס׳אי ענעוויי אביסעל צו פרי.

בעט איך אייך גיט מיר אָן עצה,
ווי שלעפּט מען אַרויס אים פון בעט?
איז מיין עצה געווען צו דער מוטער
נישט לאָזען אים שלאָפען גיין שפּעט.
און וועט אייער זון אייך נישט פאָלגען,
און שלאָפען נישט וועלען פרי גיין

זאָלט איר אים ניט לאָזען זיך לייגען
וועט ער אויף מאָרגען פאַרשפּאָרען אויפשטיין.

אַ מענטש מוז דאָך טאָן אַ מלאכה,
ווען ניט גיט אים דער טייוועל אַ דזשאָב
ער פירט אים אַריין אין אַ בלאָטע,
די תאווה זי ווערט דאַן זיין ווייב
זי מאַכט פון אים אַ נישטיגען מענטשען,
און פאַרפּלאָנטערט אים פּונקט ווי אַ קנויל
זי שוואַכט אָפּ זיינע כוחות די יונגע...
מאַכט גייסטלעך און פיזיש אים פויל.

זי גריזשעט אים אויף זיינע ביינער
און טרייבט אים אַריין אין אַ שלאָף
די שוואַכקייט ווערט באַלד זיינס אַ שוועסטער,
צו זיין מידקייט נעמט גאָרניט קיין סוף
די פוילקייט אַ רוח אין איר טאַטען
פיעל מענטשען האָט זי אָפּגעטויט
און די פרוי וואָס הייראַט אַ פוילען,
שטאַרבט תמיד פאַר שטיקעלע ברויט.

מלכה לאהס איינִיקעל

מלכה לאה די אַלטע זקנה, האָט טעכטער געהאַט אין צאָל פיר שרה טויבע, טעמקע, און רחל און חאַסיע די מיזינקע ביי איר איר מאַן מרדכי יצחק אַ שוואַכער, דערצו נאָך בלוט שטורצען געהאַט פלעגט זי האַנדלען מיט אַלטענקע קליידער, איר פאַמיליע זאָל עסן צו זאַט
די פעק מיט די אַלטע מלבושים, איר פלעגען אָפּרייסען די הענט עס האָבען זי אַלע אין שטעטעל פאַר אַ טענדלערקע ריכטיג געקענט יונה משהן פאַרקויפט אַ קאַפאָטע, חיה רבקהן אַ זיידענע קלייד

פינקען דעם קינדער מלמד, אַ זשיליעט פֿאַרן פֿאַריץ געניעהט
אסתר גיטלען אַ שיינע פֿאַטשיילע, איר טאָכטער אַ גוטע פֿאַר שיך
און פלעגט ניט פֿאַרגעסען צו לאָזען די בעסערע סחורה פֿאַר זיך.
ביינאַכט פלעגען די קינדער באַפֿאַלען ווען די מאַמע פלעגט
קומען פון גאַס

האַסקיען געבען צוקערקעס, די עלטערע עפּעל פון קוואַס.
אַזוי האָט מלכה לאה געהאָרעוועט וואָכען מאָנאַטען און יאָר
ביז די קינדער זיינען עלטער געוואָרען, געקראָגען פֿאַר זיך זייער פּאָר.
נאָר קיין נחת האָט מלכה לאה געזען,
אַ גוט אויג האָט געשאָט איר געבעקס
ס׳איז שרה טויבע אַן אַלמנה געבליבען מיט קליינענקע
קינדערלעך זעקס

און טעמעניעס מאַן איז פֿאַרשוואונדען, געלאָזט זי מיט אינגעלעך פיר
האַסקעס מאַן האָט צעשניטענע ריפּען — געשוואָלענע
פּיס אויך ביי איר.

און טאָמען איז דאָס נאָך אַלץ ווייניג, האָבען דאָך צרות קיין ברעג
נעמט ראַכקעס מאַן אַ געזונטער און שטאַרבט פון
אַ האַרץ־שלאָג אַוועק.

נאָר איינס האָט מלכה לאהן געהאַלטען לאַנג אויף די עלטערע פּיס,
טעמעניעס זונדעל אַ צאַצקע, וועט מאַכען איר עלטער נאָך זיס.
אַ קינד מיט התמדה און תורה, ער וועט ביי איר ווערען אַ רב
מיט חשק ער זיצט יום ולילה און לערענט די תורה אָן סוף
באָבעניו פלעגט ער איר זאָגען, זעץ זיך אַוועק לעבען מיר
איך וועל אָט די תורה פֿאַרטייטשען אינגאַנצען אין אידיש פֿאַר דיר
ס׳פלעגט ליכטען מלכה לאה׳ן דאָס פּנים, איר אייניקעל —
ער איז דאָך איר טרייסט

חומש רש״י גמרא ער לערענט און אַפילו יורה דעה ער ווייסט.
נאָר וואָס מערער דער אינגעל ער לערנט, אַלץ ווייניגער
נעבעך ער גלויבט

ניט אַנדערש ווי די מ־ט אַ טמאה האָט אים זיין אמונה גערויבט
עפּעס קריכט ער אויף אַנדערע וועגען, וואָס זיינען ניט מלכהן באַקאַנט

צו קליין איז איר ווייבערישער שכל צו שמאָל איז
איר פרויען פאַרשטאַנד.
ער איז נישט קיין רבי געוואָרען אומזיסט האָט מלכה לאה געהאָפט
אַנשטאָט ער זאָל פסקענען שאלות איז ער מיט פּאָעזיע
געוואָרען באַשטראָפט
און אַצינד ווען ס'קומט אָן דער יאָרצייט, באַווייזט זיך זיין באָבע צו אים
קער אום זיך מיין קינד צו דער תורה, הערט ער זיין באָבעניום שטים
וואָס טויג דיר דאָס מעקען דאָס שרייבען, עס איז דאָך פּאַנטאַזיע
ניט מער
ער כאַפּט זיך אוים שרעק אויף פון חלום, און ווישט אָפּ פּאַמעלעך
אַ טרער
געדעכט ביסטו באָבעניו טרייע, כ'האָב אין לעבען אַ טעות געמאַכט
איך זע אַז אַלץ איז אַ חלום, נאָר ליידער צו שפּעט שוין דערוואַכט.

די לאָנדרי ליידי

פיל יאָר שוין פאַרפלויגען זייט זי איז געוואָרען
אַן אַלמנה אָן פרייד און אָן גליק,
וואָס פלאַגט זיך כסדר זייט זי איז געבאָרען
קיין נחת פאַר איין אויגען בליק.
ווען זי זאָל באַזיצען דעם טאַלאַנט צו באַשרייבען
איר לעבענס געשיכטע אויף וואָר
וואָלט אייך ניט געוואונדערט וואָס צייט און גרויזאַמע
געשאַפען האָבען איר גרויע האָר.

זי האָט פונקט ווי יעדער חלומות געוועבען
אַ פריינד אין אַ מענער געשטאַלט
האָט גאָט איר געגעבען און באַלד צוגענומען
זייט דאַן איז איר לעבען פאַגאַלט.
ווער קען דען דערטראַכטען אַ פרויען נשמה
עס ציהען פאַרלאַנגען דאָס הארץ

געפינזעלט פאַנטאַזיעס מיט הימלשע פאַרבען
נאָר פאַרמעקט האָבען ליידען און שמערץ.

פריינד און באַקאַנטע איר האָבען געראַטען
ניט בלייבען אויף תמיד אליין
קען זי באין אופן אַ צווייטען דערוויילען
ווי איר ערשטער מאַן איז געווען
אַ צונג אַ געשלייפטען מיט ערלעכע מעלות
אַ מענטש מיט טאַקט און פאַרשטאַנד
באַלעזען געווען אין פאַרשידענע שריפטען
אין אַלץ איז ער געווען באַקאַנט

איז גאָט דאָך דער בורא און ער פירט דאָס וועלטען
אזוי ווי אים אליין נאָר געפעלט
האָט ער אין יום כיפור דאָס ביכעל געחתמעט
פאַר אַן אַלמנה האָט ער זי געשטעלט.
פלאָגט זי זיך איצטער אין שווערע האָרעוואַניע
פון מאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט
און העלפט אירע קינדער וואָס דאַרפען איר שטיצע
האָט זי צו אַ פּלאַן זיך דערטראַכט.
זי וועט עטלעכע רומקעס צו באָרדערס פאַררענטען
און גרינגער וועט איר זיין די רענט
איצט האָט זי אין הויז אַ פולע קאַזארמע
און פון זיי ניט געשפּאָרט נאָך קיין סענט.
לויפען די יאָרען אין וויי‌טאָג און צרות
די כוחות זיי ווערען איר שוואַך
זי איז נאָך באמת קיין אַלטע זקנה
דאָך געליטען האָט זי שוין אַ סך.

און ווי לאַנג וועט זי קענען מאַרקען און פּאַקען
די פּעקלעך מיט ווייסענקען שטאָף
פאַרשפּאַרט אין דער לאַנדרי ביז צוועלף אזייגער

אַה גאָט וועט עס ווען נעמען אַ סוף?
איך האָב פון דער פרוי אירע ווערטער פאַרצייכענט
באַדויערט איר ביטער געמיט
און האָב זיך באַשוואָרען אַז כ'וועל נאָך איר לעבען
באַשרייבען אַמאָל אין אַ ליד...

זיין בת יחידה

זיצט דער אַלטער ר' צדוק פאַרטיפט אין אַ ברייתא
און עס קלאַפּט אים אין קאָפּ אַ פאַרלאָפענע מעשה
וואָס האָט מיט זיין איינציגע טאָכטער געטראָפען
וואָס איז מיט איוואַנקע דעם שייגעץ אַנטלאָפען
מען האָט איר אין אַ קלויסטער פאַר גויאישע עדות
געמאַכט מיט צערעמאָניעס פאַר אַ משומדת
פון איר אויסגעריסען דעם אידישען פאָדעם
און איר אויסגעקליידעט מיט מאַריאַשעס בגדים
אַז זי וועט דעסטאָטען דאָס פנים פאַרשוואַרצען
מיט שאַנדע אויסבויען אַ לאָך אין זיין האַרצען
האָט גאָר שרה גיטעל ניט געוואָלט פון דעם קלערען
וואָס עס וועט פון איר אָרעמען טאַטען דאַן ווערען.

רב צדוק איז נאָך איר באַלד שבעה געזעסען
געוואָלט אין זיין טאָכטער אינגאַנצען פאַרגעסען
קריעה געריסען נאָך זיין בת יחידה
און אָרבעס געגעסען צו דער אבלישער סעודה.

אַזוי זיינען געקראָכען די יאָרען ווי שרצים
געבאָרען האָט שרקע איר מאַן שוין דריי שקצים
איוואַן איוואַנאָוויטש און אויך איוואַנאָווקע
וועלכע האָבען געהאַסט דער געטויפטער זשידאָווסקע
עס פלעגען זיך פרייען די גוישע בנים

ווי דער טאַטע פאַרשוואַרצט זייער מאַמען דאָס פּנים
רעכנט איר אויס איר שטאַם און איר יחוס
און טרייבט זי פון הויז צו אַלדע רוחות
און שרה פלעגט גראָבען דעם קאָפּ אין דער קישען
מיט ווייטאָג חרטה די אויגען זיך ווישען
דאָס האָט איר הפנים דער גאָט פון ישראל
געשטראָפט מיט די צרות פאַר די זינד פון אַמאָל
עס האָט שרהן די צרות אַזוי ווייט דערגאַנגען
אַז זי איז אַרויף אויפן בוידעם און זיך דאָרטען געהאַנגען
זיצט איצט ר׳ צדוק און האַלט אין איין קלערען
און עס פאַלט אויפן ספר אַרויף זיינע טרערען
איר לייענט אויף זיין שטערען דעם געלען און מאטען
אַז דאָס איז די ענדע ווען מען פאָלגט ניט קיין טאַטען.

גיטעל די משוגענע

לויפט גיטעל אַרום פאַרקאַכט און צעטראָגען
עס האָט איר אַ זינדיגע ליבע דערשלאָגען
אַ מאַן וואָס ער האָט איר ליבע געשוואָרען
און זי האָט פון אים אַ אינגעל געבאָרען
עס האָט איר דאָס אינגעל געמוטשעט מיט פראַגען
מיט טרערען און קולות געהאַלטען אין פלאָגען
קוים האָב איך אַ פאָטער וואו איז ער פאַרשוואונדען
דו האָסט פון דער לופט זיך מיט מיר ניט אַנטבונדען,
וואָס זאָל נעבעך גיטעל דעם אינגעל דערקלערען
פאַרוואָס זאָל איר קדיש אַ פסולער ווערען
זי וועט באַין אופן דעם סוד ניט אַנטדעקען
זי טאָר די טראַגעדיע פאַר אים ניט אַנטפּלעקען
אויב איך בין אַ יתום פיר מיר צו זיין קבר.
געטרייסעלט דערביי האָט אין אים יעדער אבר
זיין פראַגע געשטאָכען האָט איר ווי אַ דאָרען
ביז די אָרעמע גיטעל איז משוגע געוואָרען

לויפט גיטעל אַרום פאַרשוויצט אָפּגעריסען
שרייענדיג ניין—ניין ער טאָר עס ניט וויסען
איך טאָר ניט דעם אמת אים קיינמאָל דערציילען
עס איז אַזאַ קרענק וואָס מען קען זי ניט היילען
נאָר יענער געשטראָפט פון גאָט זאָל ער ווערען
מיין צער און מיין פּלאָג זאָל דער בורא דערהערען
ער האָט מיך געגעסען, דערנאָך אויסגעשפּיגען
מיין לעבען פאַרוויקעלט אין אַ פינצטערען ליגען.

נאָר עס זיינען קיין סודות אויף דער ערד ניט פאַראַנען
זי האָט ניט געזען ווי איר זון איז געשטאַנען
און מיט טרערען באַגאָסען זיין ממזר ירושה
אָן טהרת משפחה אַ קינד אָן קדושה...
ער האָט קרענקלעך געפילט זיך און גייסטיג געזונקען
אַוועק צו דעם טייך און זיך דאָרטען דערטרונקען
ביים טייך שטייט איצט גיטעל און רעדט ניט קיין וואָרט
באַוויינט און באַדויערט איר קינדס הייליג אָרט...

דעם דאָקטאָרס נקמה

(מאָנאָלאָג)

עס זיינען פאַרפלויגען פיל יאָרען און זאָרגען
אַז איך האָב זיך מיט מיין כלה צעשייד
זי האָט אָנטזאָגט מיט מיר חתונה צו האָבען
ווייל איך האָב ניט געהאַט גאָר קיין טרייד
זי האָט פאַרלאַנגט פאַרשיידענע לוקסוס,
געמעבעלט נאָכן לעצטען זשורנאַל
בקיצור זי האָט מיר אינגאַנצען באַזייטיגט,
געריבט ביי מיר מיין גליקלעכען שטראַל.

דאַן האָב איך דורך טרערען אַ שבועה געגעבען
נקמה צו נעמען אין איר.
אַ ליכטיגער איינפאַל אַן ערוואַרבענער שכל
אויסגעוואַקסען אין פּראַכטפול אין מיר
איך האָב צו שטודירען זיך פליסיג גענומען,
אויף דאָקטאָר צו ווערען געקרוינט
מיינע טייערע ברידער וואָס זאָל איך אייך זאָגען,
מיר האָט זיך דער עסק געלוינט.
אָט בין איך מיט מזל אַ דאָקטאָר געוואָרען
און געעפענט אַן אָפּיס גאַנץ שעהן
דער ערשטער פּאַציענט, איר האָט שוין געטראָפען
איז טאַקע מיין כלה געווען.
זי איז פאַרהייראַט, האָט דערוואַקסענע קינדער
האָט אַ טאָכטער שוין באַלד אַכצען יאָר
איך האָב ניט באַמערקט אין איר געקרייזעלטען קעפּעל
אַפילו קיין איין גרויע האָר.

אָך ווי פאַרעלטערט דו ביסט געוואָרען,
האָט זי מיר געדריקט ביי דער האַנט
איר ליבלעכער שמייכעל און קלוגע אויגען
זיי האָבען אויף סניי מיר געשפּאַנט.
דער אַמאָליגער פייער האָט זיך אין הארצען געצונדען,
געקייקעלט פון אויג האָט אַ טרער
נאָר די יאָרען וואָס זיינען אין לערע פאַרשוואונדען
נישטאָ אוי נישטאָ זיינען מער.

ווען דו וואָלסט געוועזען מיט מיר דעמאָלט געהייראַט,
וואָס וואָלט איצט געפעלט דיר ביי מיר
ווי גליקלעך דיין לעבען וואָלט איצטער געוועזען
געשעצט און געליבט וואָלט איך דיר.
זי האָט ניט געענטפערט, נאָר באַלד אין מיין הארצען,
האָב איך ביי מיר דאַמאָלט געטראַכט

אַז דער הייסער פאַרלאַנג צו נעמען נקמה,
האָט מיר פאַר אַ דאָקטאָר געמאַכט.

מיין שטעטעלע קאָוועל

אַך שטעטעלע קאָוועל ווי בענקט מיר מיין הארץ
נאָך אַמאָל דיך אין לעבען באַטראַכטען
די גאַסען די הייזער וואָס איך האָב געזען
אין די זומער און ווינטער פאַרנאַכטען
אָט שוועבען זכרונות אין קאָפּ מיר פאַרביי
מיין פריילעכען פעטערס בעקאַרניע
איך זע אַלע שכנים אויפן שוועל אויסגעזעצט
אַ טומעל ווי אין אַ קיבעצאַרניע
איך דריי זיך אויף רעכטס דאָס הויז דאָרט נישט ווייט
איז טאַקע פון שלמה דעם שוואַרצען
נישט ווייט איז דער פּלומפּ, איך צאַפּ וואַסער אָן
און לויף מיט אַ קלאַפּענדיג הארצען
און אָט קערט זיך דער עמער מיטן פּיסקעל אַראָפּ
און וואַסער דאַרף איך ערשט ווידער אָנצאַפּען
דאַרף אינוואַנקע דער שייגעץ אַ קלאָג צו זיין קאָפּ
די קראַמעסלעך ביי מיר אַוועקכאַפּען
איך זע פאַר זיך איצטער זלמן ענטענס בית מדרש
די טישלעך און בענקלעך — באַלעמער
דאָרטען ניט ווייט וואוינט ישראליק פּראָצענטניק
איז נעבעך אַ פּשוטער קרעמער...
אָט בין איך אין חדר און סענדער מלמד
גיט מיר געוויינלעך אַ קניפּ
און זרח מיין חבר שנעלט מיר אין אויער
און לייזער צעהאַקט מיר אַ ליפּ.
עס דערלאַנגט מיר מיין מאַמעניו ברויט מיט וואַרעניע
לויף עוזר אין שקאָלע אַריין

און מיר גלוסט זיך בעסער מיט זשאַבקעלעך שפּילען
איך זיץ ווי אויף שפּילקעס דאָרט איין.
אַט זע איך דאָס אייז דאָס פאַרפרוירענע טייכעל
און מיר האָט זיך פאַרגלוסט דאָרט צו גליטשען
ברעכט איין דאָס אייז און איך פאַל אריין
און הויב אָן געוואַלדיג צו קוויטשען
אַט האָב איך אין הויז דאָס קעלבעל פאַרנאַרט
און דריי עס אַרום ביי דעם עקעל
עס מעקעט דאָס קעלבעל, ס׳וויל נעבעך אַרויס
און עס שפּרינגט ווי דער קלינגער אין גלעקעל
אַט לערנט דער זיידע אַצינדער מיט מיר
אַ פּסוק פון בלק מיט רש״י,
אַט לאָז איך דעם לאַשיק פון שטאַל זיך אַרויס
און ווי ער אַנטלויפט אויף דער פּאַשע
און איציק מיין פעטער נעמט מיר אויפן שליטען
מיר פאָרען ביז דער גאַרקע אריין
עס קלינגען די גלעקלעך און שנייהעלעך פאַלען
איך פיל אַזוי גליקלעך און פיין —
אַט רייסט איך די פּירות פון עפּעלבוימס סיידעל
פאַרטשעפּע די הויזען אין פּאַרקען
עס האָט מיר דער אַלטיטשקער שומר געפּאַקט
און געחסמעט מיין זיצער מיט מאַרקען.

און לייבוש דער לערער שוועבט מיינע אויגען פאַרביי
ווי ער גיט מיינע פעטערס אוראַקען
איך הער דאָס געזאַנג פון אַ פּויערשען טויט
ווי עס קלינגען פון קלויסטער די גלאָקען
איך הער ווי די באַן האָט ביי חיים ברוך מלמד
די פּיס זיינע אַרונטערגעריסען
ווי עס האָט אָנגעהויבען פּלוצים ביי פּרץ בעל קורא
דאָס בלוט פון האַלדז זיך צו גיסען.
איך זע סנדער מלמד, שלמה דעם שוואַרצען

און ענטין דעם גרויסען גביר,
איך זע ביי מיין זיידען דאָס קעלבעל אין שטעלכעל
און ראפּטשיגען שטיין ביי דער טיר
אָט זע איך ווי טייבעלעך פליען פון דעכעל
אַרום דאָרט אין לופטיגען רוים
ווי לייזער איזוואָסטשיק טרייבט דאָרט זיין שקאַפּע
ווי עס גייט אַזש אַ שוים פון איר מויל
און גימפּעל דער שוסטער שיכורט טאָג טעגלעך
שלאָגט נעבעך זיין אָרימער חנה׳ן
זי האָט אים דעם קוגעל ניט צו גוט באַשמאַלצען
שעלט ער אַ רוח אין דיין הינטעשער מאַמען.
איך זע בעריש דעם שטומען און חאצקעל דעם קרומען
שמואל סטאָליער מיט איין אויג פון גלאָז
חנה די קאַשארקע און רב פּינחס דעם מוהל
נחום פאַרבער און געצעל בעזנאז
הייגט סאלאמאנטשיק אים קען דאָך איעדער
אַ בחור מיט אַ צעקארטשעטע שליאַפּע
פלעגט יעדען באַגריסען און רעדען פּאַרוסקי
אַ קענער געווען אויף דער מאַפּע
מיט בעשקע פאַרכויץ מיטן קויטיגען העמד
פאַרברענגען די מענטשען גאַנץ פיין
איינער אַ לץ גיט אים פון אונטען אַ זעץ
און ער שעלט אים אין טאַטען אריין
און פּרצ׳ל יאָלד מיט רויטינקער באָרד
צעטאַנצט זיך גאַנץ פּלוצים אין גאַס
די פאַרזאַמעלטע אַרום שרייען צירעלע קום
נאָר פּרצ׳ל ווערט ניט אין כעס
און יחיאל דער צעדרייטער, פאַרקוועטש זיך די נאָז
מאַכט נאָך דעם אַלטען בעל תפילה
אסתר ראסיעס שגעון קרייט ווי אַ האָן
און ווער קען ניט די צוויי-קעפּיקע בתולה?

און אבריך דער לערער מיט דער גומענער האַנט
אים האָט דאָך איעדער געקענט
און ניסעלע פּעמפּיק אַ לערער געווען
און רעדען פלעגט ער מיט די הענט
בעריל האַרמאַרניק און דער אוליניק
האָבען אין קאַוועל געשמ'ט אויך גאַנץ ווייט
אָך שטעטעלע קאַוועל ווי איך בענק נאָך דיר
נאָר אַוועק שוין אַוועק יענע צייט.

פאַלשע חלומות

געחלומ'ט האָט פריידעל פון גליכלעכע יאָרען
אַ לעבען אָן דאגות אָן זאָרג
עס האָט איר געצויגען זייט זי איז געבאָרען
באַטראַכטען דאָס שיינע ניו-יאָרק.
זי האָט פון דער שטאָט געהערט וואונדער דערציילען
פון מעדיסאָן סקוועיר און בראָדוועי
עס האָט איר פאַנטאַזיע גערייצט די באַגערען
צו לעבען אין ווילדען געדריי...

און אפשר נאָך דאָרטען אַ חתן געפינען
וואָס וועט זיך פאַרליבען אין איר
געננוג שוין געלעגען דאָ אויפן פאַרם
פאַרשלאָסען געצאָמט לעבען טיר.
זי איז שוין דערוואַקסען און דאַרף זיך ניט זאָרגען
עס זאָל מיט איר עפּעס געשען
זי וועט דעם טאַטען און מאַמע מוזען דערקלערען
אַז זי איז קיין פּיצעלע קינד שוין ניט, ניין —
דערפילט האָט דאָך פריידעל אירע פאַרלאַנגען
געקומען אין רוישיגען שטאָט.
געהוליעט געשפּרונגען אויף יעדער פאַרזאַמלונג

געלויבט און געדאַנקט האָט זי גאָט.
אַזוי זיינען געלאָפען וואָכען מאָנאַטען
אויסגעשעפּט האָט זיך פריידלען דאָס געלט
קיין חתן געפונען, קיין פריינד ניט געוואונען
אָן אומזיסטיגע בילד פאַרגעשטעלט.
איצט איז שוין פריידעל צוריק אויפן פאַרם
געהייראַט אַ דאָרטיגען מאַן
דער מיידעלשער חלום איז אויסגערונען
ווי פון רעגען אַ געדיכטער טומאַן
פריידעל איז מיט מזל אַליין בעל-הביתטע
מיט אייגענע פערד און מיט קי
לעבט גאָט צו דאַנקען אַ שטילינקען לעבען
און באַגריסט די נאַטור אין דער פרי...

די פאַרליבטע

מיר האָט אַ באַקאַנטע אין גאָס אָנגעטראָפען
און האָט מיר אַ פראַגע געשטעלט
אָה זאָגט מיר איך בעט אייך איר זענט דאָך אַ דיכטער
זאָגט ווי געפעלט אייך די וועלט.

אָט בין איך צום ביישפּיל צו איינעם פאַרשלייערט
און מיין הארץ נאָך ראָמאַנען גייט אויס
איך פיל ווי געפּענטעט אין שטעכיגע דראָטען
מיין ווייטאָג און צער איז מיר גרויס.

עס נעמט מיין געליבטער מיר אָפטמאָל שפּאַצירען
פאַרברענגען ראָמאַנטיש אין פּאַרק
ער שווערט מיר געטריישאַפט און הייליגע ליבע
און פּרעסט מיינע ליפּען גאַנץ שטאַרק
דאָך גריבלען זיך מענטשען און ווילען פאַרזאָרגען

וואָס שפּעטער וועט טרעפן מיט מיר.
ס׳בלייבט מיר נאָר איבער זיך אין גאַס ניט צו ווייזן
ניט קערווען ניט געבען קיין ריר.

און איך אויף להכעיס וויל זיי נאָר ווי טאָן
און שפּיל אַ ראָמאַנטישע געים
איך היים אים גראָד קומען מיך צערטלען האָליובען
ווען מיינער איז נישטאָ אין דעםהיים
וויל איך אייך בעטען דיכטער געהערטער
ווי מאַכט מען די מיילער זיי צו
זיי זאָלען די פּיסקעס האַלטען פאַרשלאָסען
און מיר געבען אַביסעלע רוה.

איך האָב איר געענטפערט נישט שאַפען זיך קרענקונג
אין ליבעס ים ווייטער ניט גיין
דער איינציגער וועג פאַר איר איז געבליבען
איז קיינמאָל ניט קיינמאָל אים זען.
עס האָט דער פאַרליבטער מיין עצה פאַרדראָסען
און טפו זאָלט איר ווערען געזאָגט
עס האָט איר דער מאַן אָבער שפּעטער דערשאָסען
און אַ הונט האָט נאָך איר ניט געקלאָגט...

די פּלעפּערקע

דאָס לעבען שפּילט אָפט אָפּ פאַרשידענע בילדער
וואָס שוואַך איז פאַנטאַזיע דערפאַר
אָט ליבט זיך אַ בחור אַ מיידעל צום שטאַרבען,
זי האַלט אים פאַר אַ שפּילצייג אַ נאַר
האַסט אים און קען ניט זיין צורה פאַרטראָגען
און ער דער יונגאַטש האָט זי ליב
ער קריגט די פּאַפּלעקציע פון שטענדיגען בענקען
און קריכט ווי אַ הונט אין איר שטיב.

ברענגט איר פּרעזענטען שאַכטלעך קאָנפעקטען
לאַסטשעט זי פּונקט ווי אַ קאַץ
זי טרייבט אים פון זיך ווי אַ קרעציגעס וועזען
דער בחור קריגט שיער די פּלאַץ.
זי לאָזט אים אין הויז אַליין מיט איר מוטער
און האָט מיט אַ צווייטען אַ דעיט
און ער צאַפּעלט זיך נעבעך ווי אין קאָנוואַלשען
ווען זי קערט זיך אין אָוונעט אום שפּעט.

ער קען פון די צרות מער שוין ניט אויסהאַלטען
פון אייפערזוכט ווערט ער פאַרברענט
בלוטיגע דאָלער און שווערע האַרעוואַניע
קאָסט אים אַף איעדער פּרעזענט,
ער קען אָבער פאַרט ניט איר ליבע געווינען,
זי שרייט אַז ער איז ניט איר טאַיפּ
ווייל זי ליבט אַ בחור אַ הויכען אַ שיינעם
וואָס זאָל קענען געפעלען אַ ווייב.

אַזוי ציהען זיך וואָכען מאָנאַטען און יאָהרען
ביז ענדלעך ערייכט האָט די צייט
ווען זי איז מיט מזל אַ כלה געוואָרען,
ער שטייט און קראַפּירט פון דער ווייט.
פון ווייטאָג אים האָט מען אין שפּיטאָל צוגענומען,
דערקלערט האָט דער דר. אים קראַנק
ווער ווייסט און ווער קען מיט זיכערקייט זאָגען
אויב דער בחור וועט אָנציהען לאַנג.

דאָך האָט אים דער בורא נאָך יאָרען געשאָנקען
און ער איז געוואָרען געזונט
האָט אין זיין מיידעל אינגאַנצען פאַרגעסען
פאַרהיילט האָט די צייט שוין זיין וואונד
האָט זי אים אָבער אָנונסטען באַגעגענט

און זיך צעוויינט פאַר אים ווי אַ קינד
געבעטען פאַרצייהונג דערקלערט אַז זי ליבט אים,
ער זאָל איר פאַרגעבען די זינד.

די יונגע אַלמנה

געבליבען איז שרהקע אַ יונגע אלמנה,
איר מאַן ערשט געשטאָרבען ניט לאַנג
זיך שרעקלעך פאַרקעלטערט געקראַגען ניומאָניע
און איז תיכף געגאַנגען אַ גאַנג.
שרה׳קע איז נאָך אים שבעה געזעסען,
האָט נעבעך געקלאָגט און געוויינט,
זי וועט חס ושלום דאָס לעבען זיך נעמען,
אַזוי האָבען אַלע געמיינט.

און באַלד נאָך שלושים הערט וואָס געטראָפען
און זאָגט מיר ווי אייך דאָס געפעלט
אַוועק איז דאָך שרה׳קע גלייך נאָך טעראַנטע
און דאָרטען אַ חופה געשטעלט.
עס האָט ניט גענומען קיין דרייצען מאָנאַטען
האָט שרה׳קע געבוירען אַ קינד
די פמליה של מעלה האָט אין הימעל געטומעלט
געשריגען אַז דאָס איז אַ זינד.

די ערד פון איר מאַן איז נאָך ניט פאַרטריקענט
און זי האָט ניט געהאַט גאַר קיין צייט
שנעלער געהייראַט און באַלד שוין פאַרשוואַנגערט
ווי קען דאָס אַ פרוי זיין פאַרשייט?
האָט זיך דער בורא פאַר איר אָנגענומען
און האָט איר געגעבען גערעכט,
שווייגט איר המורים האַלט איין די צינגער
רעספעקט פאַרן שוואַכען געשלעכט.

וואָס איז זי שולדיג ווען איך דער וועלט בורא
האָב אַזוי אויסגעדרעדעלט דעם פּלאַן
ער זאָל יונג שטאַרבען זי בלייבט אַן אלמנה
און אַ פרוי מוז דאָך האָבען אַ מאַן
אַ פרוי מוז דאָך האָבען מיט וועמען צו קריגען,
פאַרשעלטען און קירצען די יאָר,
דערפאַר האָב איך דאָך פון אייביגע דורות
באַשאַפען צו יעדען זיין פּאָר.

האָט איר פאַרגעסען וואָס שטייט אין דער תורה,
נישט גוט ווען אַ מענטש איז אַליין,
ער איז דאַן פאַרגליכען ווי שטויב אין אַ ווינט,
ווי אין פעלד אַ פאַרלאָזענער שטיין,
איז אדם אַליין נישט געקראָכען צו חיות
צו שטילען זיין הונגער פון לייב
און האָט מיך געצוואונגען איך זאָל אים אַנטשלעפען
און מאַכען זיין ריפּ פאַר אַ ווייב.

ער האָט זיך געשפּיגעלט מיט איר אין גן עדן
געגלעט אירע לאָקען פון קאָפּ,
און זי האָט געגעבען אים פון דעם עפּעל
וואָס זי האָט געריסען פון בוימיל אַראָפּ
זייט דאַן האָט אים ערשט זיך די אויגען געעפענט,
ער וועט דאַרפען באַצאָלען מיט צער,
און זי וועט מיט ווייטאָג קינדער געבוירען
וואָס וועלען זיי שעלטען דערפאַר.

קינדער וואָס וועלען ביז גאָר שפּעטע דורות
פרעסען די זינד פון דער צייט
זיך שלאָגען מיט פעלקער דורך שנאת הגויים
און ענדלעך דאָך ווערען באַפרייט.
ניין איר מלאכים איר קענט נשט די וועגען

דעם סדר ווי איך פיר די וועלט,
ווי וואָגט איר אַצינדער זיך שטעלען אנטקעגען
די מצוות וואָס איך האָב געשטעלט.

די פמליה של מעלה האָבען געשוויגען
פאַרשטייהענדיק גאָטס פּאָליטיק
און האָבען שרה׳קען מיטן מאַן און געבוירענעם קינד
געוואונטשען פיל נחת און גליק.

פרילינג בלומען

דער געטליכער פאַנצער

דיין פאַנצער איז גאָט
אמונה איז נס,
דאָס געטליך געבאָט
איז דעם אידענס פּראָגרעס.

וואָס האָט אַלץ געפּאָרעמט
צושטאַנדען געבראַכט
ביז סוף כל הדורות,
גוט דורכגעטראַכט.

אין גלות אין פרייהייט
איז דער פאַנצער אויף דיר,
דו קענסט אָהן דעם פאַנצער
זיך געבען קיין ריהר.

קענסט פאַרשען און טראַכטען
מיט צווייפעל אין קאָפּ
האָסטו גאָט אָפּגעלייקענט
זיך לייקענסטו אָפּ...

קענסט זיין אַ בעל מאמין
ווי אויך אַטעאיסט,
אַ צווייפלער, אַ גריבלער
אַ סייאינטיסט.

מיך אַרט נישט צו מאַכסטו
אַ גאָר נישט פון אים;
אויב ער איז אַ גאָרנישט
ביסטו בצלם אלוקים.

אָבער אונטער דיין הויט
איז עפּעס פאַראַן
וואָס צווינגט דיר צו גלויבען
אין אַ געטליכען פּלאַן!

דער סמך, דער סמך
יאָ, ער איז דיין יה
אַ חוץ אָט דעם סמך
איז קיינער נישטאָ.

קענסט לערנען קבלה
רמז און סוד,
מוזט נולענדיג ווערען
צו באַגרייפען דיין גאָט...

מזל טוב

מזל טוב דיר
עם ישראל,
ברודער
פון מיין נאַציאָן;
ענדליך האָט
השם יתברך,
צוריק געגעבען
דיר דיין פאָן.
לאַנג געוואַרט
און דאָך דערוואַרט זיך
אויף דער
אויסגעבענקטער שעה,
מאַמע ציון
האָט טרומפּייטערט
מיין גלות־קינד
ברוך הבא.
נאָר זאָל דיר פאָלקס מיינס,
ניט פאַרדריסען
וואָס דיין לאַנד
איז שמאָל און קליין;
בעסער איז
אַ קורצער שטח
איידער לאַנג
און זיין אומריין...
ציימענס נעם
אַ מוסר השכל
זיך אַראָפּ
פון דער נאַטור;
פריהער וואקסט מען
אין דער לופטען
ברייטער אין די
שפּעטע יאָהר...
זאָלען כמארעם
דיר ניט שרעקען
אַלעם האָט
אַ וואָג און מאָס;
דעריבער האָט
דער זינגער דוד
אין אשרי
אויסגעלאָזט אַן אות...
ביסט חלילה
ניט קיין קאַרליק
אַלעם פונקציאָנירט
נאָרמאַל
און דער שאָטען
דיר אַנטקעגען
איבערציינגט
דו ביסט אַ שטראַל...
און אויב דו וועסט
דעם כתר תורה
טראָגען אויף דיין
קאָפּ — געביין
וועסטו אַלע
שונאים דיינע
מיט נצחון
ווידערשטעהן...
זיי נאָר ניט
קיין צופיעל חכם

טרעט פון גאָט'ס
געזעץ ניט אָפ,
ווען דו וועסט
דיין לאַנד אויפבויען
פון גלייכען וועג
געה ניט אַראָפ...

שלום עליכם!

קענט איר מיר פערזענליך ניט,
שטעל איך זיך איצט פאָר:
אַן איינגעדאַרט שמעגעגעלע,
אַ קעפעלע אָן האָר,
צוויי שפּיציג אייזעל-אויערען,
אַ נעזעלע אַ פליג,
אַ קוויטשענדיג סאָפּראַנעלע,
וואָס מעקעט ווי אַ ציג.

כ'האָב אַ מפּיל פנים'ל
און וועג קוים אַכציג פונט,
אַלט בין איך שוין פערציק יאָר
און זע אויס ווי אַ קינד.
שיך און סוטעלעך טראָג איך
פון דער קלענסטער מאָס,
שטענדיג האָב איך רק אַ „קאָלד"
און ס'קאַפּעט פון דער נאָז.

אַ נערוועז מענשעלע ביך איך,
וואָס ווער מיר גרינג אין כעס,
מיין מאַמע רופט עס „נערוועזנעס",
מיין ווייבעל — „משוגעת"...
דער שכן מיינער רופט מיך — יאָלד,
צעקראָכענער סקעלעט,
צעפלאַכטענער טשודאַקעלע,
משוגע'נער פאָעט...

איז וואָס איך בין אַ געגעצעל,
אַרט מיך ווי די וואַנט;
האָט גאָט אין וואוקס מיך קליין געמאַכט,
האָב איך כאָטש טאַלאַנט.
שרייב איך אָן אַ לידעלע,
האָט עס טויזענט חן,
אַז קיינער זאָגט עס ניט אויף מיר —
זאָג איך עס אַליין...

דער ריינער אמת...

אין יעדען מענטש שטעקט אַ שגעון,
וואָס האָט נאָר ליב אַ שטאָך צו טאָן,
אַז צאַפּלען זאָל מען זיך פון פּיין,
די פאַרב אין באַק זאָל גיך אַריין...

אָט, למשל, נעמט צוויי פרויען פריינט:
מען קושט זיך אין די פּיסקלעך היינט,
נאָר טוט איינע אָן אַ קלייד, אַ „העט",
מאַכט די צווייטע: „פע, עס מאַכט דיך פעט;
דאָס קלייד צו־קורץ, די פיס צו־לאַנג,
דאָס פּנים בלאַס, דו זעסט אויס קראַנק..."

ווען אַ קבצן טרעפט אַ מיליאָנער —
איזפּאַרדריסט אים וואָס יענער איז נישט ער,
זאָגט ער צו אים מיט גאַל און פּיין:
„מען נעמט קיין געלט ניט מיט אין דר'ערד אַריין..."

און ווען אַ קאַרליק טרעפט אַ ריז
פון אַ זעקס ביז זיבען פוס,
פרעגט ער ביי אים:

„וואָס העלפט עס דיר?
אַז שטאַרבען וועסטו גלייך מיט מיר..."

עס מאַכט נישט וואָס, צי ווער דו ביסט;
אין יעדען מענטש שטעקט אַ סאַדיסט,
וואָס וואָלט געטאָן נאָך מער וויי
ווען ס'וואָלט ניט געוועזן קיין פּאָליציי...

דער שבת קודש

פונקט מיט פערציג יאָר צוריק,
זאָגט מיין טאַטע שמייכלענדיג:
„טעמעניו, מיין גליק איז גרויס,
נאָר אַ שרייער פעלט אין הויז".
האָט מיין מאַמעניו געלאַכט,
נאָכגעקלערט, אַרומגעטראַכט,
און געפאַלען אויף אַ פּלאַן
אויסצופאָלגען באַלד איר מאַן.
און הערט און שטוינט!
וואָס ס'איז געשען
ס'איז שבת קודש דאַן געוועזן.
מיין מאַמע „אוי", מיין טאַטע „וויי",
בין איך אַרויס מיט אַ געשריי.
„גוט שבת" — זיי האָב איך געזאָגט.
„אוי, האָט איר מיר דאָ פאַרבראַקט!
צום ביישפּיל, וואָס האָט אייך געאַרט,
אַז כ'בין געלעגען דאָרט פאַרשפּאַרט,
די הענט און פיסלאַך דאָרט פאַרדרייט
און גע'חלומ'ט שטילערהייט?"
האָט מיין טאַטע מיט פאַרדראָס
מיר אַ שאָס געטאָן אין נאָז

„שוויג, דו שגץ, נים רעד קיין וואָרט!
האַלט דאָס מויל, דו קליינער טשאַרט!
קאָוולע איז אַ וואוילע שטאָט
מיט פיינע אידען, דאַנקען גאָט;
און איך, אַ סטאָליער ביים פאַך
מעג האָבען קינדערלעך אַ סך".
און אָט אַזוי, ני בע, ני מע,
בין איך שלימ'מזל'דיג אַרוים.
איצט דריי איך זיך
די גאַנצע צייט
אַרום, אין משוגעים-הויז...

איך זע פאַר מיר...

איך זע פאַר מיר
דעם לעצטען טאָג;
איך זע פאַר זיך
דעם גרו...
עס באַגלייטען
פריינט מיר אָן אַ שיעור
ווען מען טראָגט מיך
אַרוים פון שטוב.
איינער זאָגט:
„ער איז געווען
אַ פּאָעט מיט טאַלאַנט,
וואָס האָט קיינמאָל אַרויסגעלאָזט
די „פּאָונטענפען" פון „האַנט"...
דער צווייטער טראַכט:
„ער איז געווען אַ שנאָרער — איך געדענק;
אַ גראַפאָמאַן, אַ לאַפּאַצאַן,
אָן איינגערעדטע קרענק"...

טראַכט איך מיר:
אַ דאגה דאָרט, וואָס איך בין געווען!
כ'וועל דאָס פּאַסקודנע וועלטעלע
סיי ווי מער ניט זען.
טאָ לאָזט מיך, פריינט, אַצינד געמאַך;
נעמט אייך אַ שפּאַציר,
און טוט מיר אָפּ אויף קוידעריש,
און קומט ניט צו מיר...

נו, איז וואָס?

און לאָמיר זאָגען,
אַז איינער זאָגט,
אַז איך בין ניט קיין גרויסער חכם
איז וואָס?
און לאָמיר זאָגען,
אַז איינער זאָגט
אויף מיר שוין גרויסע שבחים —
נו איז וואָס?
און לאָמיר זאָגען,
אַז איינער זאָגט
כ'האָב קיין מזל צו קיין ווייבער
נו, איז וואָס?
און לאָמיר זאָגען,
אַז איינער זאָגט
איך בין אַ קליינער שרייבער, נו איז וואָס?
און לאָמיר זאָגען אַז איינער זאָגט:
איך בין אַ קאַפּעטשקע משוגע —
איז וואָס?
און לאָמיר זאָגען,
אַז איינער זאָגט:

איך בין אַ פליאַסקעדריגע —
נו, איז וואָס?
און לאָמיר זאָגען,
אַז איינער זאָגט
איך בין אַ פוילער, אַ לא יוצלח;
און לאָמיר זאָגען,
אַז איינער זאָגט:
איך בין צו גאָרניט נוצלעך —
נו, איז וואָס?
אַז דער וואָס זאָגט
לגנאי — לשבח —
לייגט מען אין דר'ערד
מיט מיר צו גלייך...
נו, איז וואָס?

דער הונט און די קאַץ

אַ הונט און אַ קאַץ האָבען זיך אויפגעהאָדעוועט צוזאַמען אין אַ הויז.
דעם הונט האָט ניט אויסגעפעלט קיין ביין און דער קאַץ קיין מויז.
האָבען זיי זיך אַמאָל באַגעגענט אונטער דער בעט
און ביידע האָבען זיך געמיטליך דורכגערעדט:
„מילא," מאַכט די קאַץ, „דאָס וואָס דו האַווקעסט אויף מיר,
פאַרשטיי איך, איז ווייל איך בין קלענער און שוואַכער פון דיר,
אָבער וואו ליגט דיין שכל און זין
אין נאָכלויפען נאָך יעדער מאַשין?
באַגרייפט דען ניט דיין הינטישער קאָפּ,
וואָס עס וואָלט פון דיר געוואָרען, ווען זי שטעלט זיך ניט אָפּ?"
דער הונט האָט די קאַץ אויסגעהערט
און האָט איר אויף זיין הינטישען לשון דערקלערט:
„אַ פריינט צו דעם מענשען ווייסען אַלע, אַז דאָס בין איך.
מיט מיין האַווקען פרעג איך: צו וואָס יאָגען זיך?

איך זאג דער מאשין, אז מיט איר פליען ברייינגט זי אומגליק בלויז,
ווייל פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס . . .
אבער דו, קעצעלע פאלשע, ביסט פארקערט
אין דיין פארבארגענער שטילקייט ווערט דאס מייזעל פארצערט.״
מיט די ווערטער האט דער הונט דערלאנגט דער קאץ
א געפערלעכען קלאפ,
און זי האט, מיט א געהויבענער לאפקע, א געשריי געטאן
„כלב דו, שאראפ !״

מאַלע וואָס מ׳זאָגט...

מען זאגט: ס׳איז דא א יענע-וועלט,
וואו מען ווערט צום משפט געשטעלט,
וואו א שטארקער, אמת׳ער גזזעץ
פאנגט דעם מענש ווי אנעץ,
וואו דער צדיק קריגט זיין גוטען שכר
און דעם רשע העלפט ניט קיין כאבאר —
א וועלט פון יושר און פון רעכט,
וואס פסק׳ענט אפ גוט אדער שלעכט.
מען זאגט: ס׳איז דא ערגעץ א גביר,
וואס איז שטענדיג גרייט צו העלפען דיר;
א פריינט אין פיין, א טרייסט אין נויט,
וואס העלפט דיך אויס מיט געלט און ברויט.
ס׳איז ארימקייט, זאגט ער, ניט קיין שאנד;
יעדער מענש, זאגט ער, איז ביי גאט אין האנט:
אט מאכט ער ארים, אט מאכט ער רייך,
א מאכט ער קרום, אט מאכט ער גלייך...
מען זאג: ׳איז דא א גוטע פרוי,
וואס ברענט ניט איר מאן ווי פייער-שטרוי,
וואס וואשט און קאכט און רוימט דאס הויז
און העלפט דעם מאן גאנץ אפט ארויס;

א הארץ פון גאָלד, אַן אויג וואָס גלעט,
איין גאָט, איין מאַן, איין-איינציג בעט...
מען זאָגט: ס'איז דאָ א מעצענאַט,
וואָס איז מיט שרייבער פּאַני-בראַט,
וואָס שטיצט פּאָעטען מיט א פולער האַנט
און באַטראַכט ני שרייבען פאַר א שאַנד.
בעט איך דיך, גאָט, באַווייז א נס —
און שיק מיר צו זיין אדרעס...

לאָזט אים אַריין

ווי א פאַרבלאָנדזשעטע טויב אויף גליטשיגע שטיינער
איז ער היימלאָז פאַרצווייפעלט אליין
מיט אַן אָפּגעשיילטע הויט און צעהליגע ביינע
צוזאַמענגעוואַקסען און קליין.

פון פאַרפאָלגטע געדאַנקען און געטריבען פון ווינד
געשלאָגען דורך האַנד פון שיקזאַל
צאַפּעלט זיך נעבאַך דאָס אָרימע קינד
נישטאָ פאַר אים קיין פלאַץ איבעראַל.

גענוג שוין געוואָרפען די בלאָטיגע שטויב
זאָל קומען א סוף צו דעם כעס
גיט שוין א נעסט דער פאַרוואָגעלטער טויב
פאַרגעסט שוין דעם צאָרען, דעם האַס.

שליסט אויף די טירען און לאָזט אים אריין
די ערד איז ניט אייער נאָר אירע
לאָזט ניט אַז ער זאָל אין גלות נאָך זיין
איר ווילדע באַבאַרישע טיערע...

לעש אויס די לאָמפּען

לעש אויס די לאָמפּען מיין טרייע,
ווערען זאָל טונקעל אין שטוב,
מאַך זיך איינגאַנצען אַ פרייע,
אַט אַזוי האָב איך דיר ליב.

בויג איין דיין ציהרונג גאַנץ גאָהענט,
מאַך צו די אויגען אַצינד,
ביי פרייע הייסט דאָס אַ רייכטום,
ביי נאַראָנים הייסט עס אַ זינד.

קוש מיינע ליפּען מיט פיבער
זאָל ברענען די תאווה אָן שיר
די גוטסקייט איך טראָג ניט אַריבער
עס ברענען די בלוטען אין מיר . . .

איצט פיל איך עס פעלען די כוחות,
וואָס האָבען די פלאַמען גערירט
ווען ס'האָבען פאַרגאַנגענע צייטען
דעם קערפּער ווי עלעקטרעצירט.

דאָס פאַרבאָטענע

לאָז מיר דעררייכען דאָס פאַרבאָטענע
דעם גלויבען פון נעכטען און היינט,
לאָז מיר דעררייכען דאָס פאַרבאָטענע
און בלייבען ווייטער אַלץ גוטע פריינד.

צעברעך ניט די ליבשאַפט און פריידען,
וואָס צייט האָט שטענדיג געפלאַנט,

פיר מיר צו צום גלוסטיגקייט,
ווי מען פירט אַ בלינדען ביים האַנט.

שטיל איז די נאַכט און באַשיידען
קיינער וועט ניט וויסען דערפון,
אַ גליק וועט זיין פאַר אונזביידען
דורך פינסטערניש וועט שיינען די זון.

די מינוטען זיי לויפען געשווינדער,
עס קלאַפּט באַלד דער זייגער אוים דריי,
לאַז רירען מיינע פינגער אַצינדער
ווייל דערנאָך איז אַלעס פאַרביי.

אין חלום

קומסט צו מיר פיעל מאָל אין חלום
און שטילסט מיט ליבשאַפט מיין באַגער,
איך הער דיין הארץ ווי האַמערם קלאַפּען,
קלאַפּען תמיד אָהן אויפהער.

איך הער די נערוועז דיינע שפּילען,
ווי עס שפּילט אויף בערג דער ווינד,
דאַן געפין איך אין דיין הארצען
אומשולד, ריינקייט, קלאָר פון זינד.

הויבסט מיך אויף אין הויכע ספערען,
שיך שייד זיך אָפּ דאַן פון דער ערד,
אַ שטימע הער איך פון די הימלען,
איך בין אינגאַנצען דיר ניט ווערט.

ווי קומסטו צו איר זאָגבאַפלעקטער
איינגעטונקענער אין זינד!
אָה שווייגט איר מיאוסע בייזע גייסטער
צו קדושה באַהעפט איך זיך אַצינד...

אַ קאַצען שפרונג

דאָס לעבען איז אַ קאַצען שפרונג מיט הונדערט טויזענד שפּרייזען
אַט ביסטו יונג אַט ווערסטו אַלט און קענסט גאָרניט באַווייזען.
פילסט די כוחות פון אַ ריז צו שעצען און צו ליבען
און פאַרגעסט אַז שפּעטער צו ווערסט חשבון דאַרפען געבען.

וועג דיין טריט און יעדען שריט אויך ווערטער זאָלסט צעהלען,
זוך די קלאָרקייט פון דער שפּראַך, דער אמת זאָל ניט פעלען.
ווי זינגט אַ פּאָעט דאָרט אין ליד געלאַסען און ניט כאַפּען,
ווייל דעם אמת קען אַ מענטש מיט די פינגער באַלד אָנטאַפּען.
אייביג זאָל דיין פריינשאַפט זיין געפּאַסט און צוגעמאָסטען,
אויב ניט וועט דיר, ברודערקע, שפּעטער טייער קאָסטען.
דאָס מיין איך זיך און דיר אַליין לעזער פון די לידער
און ווערסטו וויסען וואָס איך מיין ווערסטו מיך לעזען ווידער.

קוים געלונגען וועט דיר ניט מיין מיינונג אויפצודעקען,
מאַך איך איצט מיט דיר אַ וועט מיין ליד וועט דיר ניט שמעקען,
און באַגריסען ווערסטו מיר מיט אַ גוט מאָרגען גאָר אַ קאַלטען
און מיין בוך אין דיינע הענט ווערסטו קיינמאָל האַלטען...

ליבע און ווייטאָג

פלאַגט זיך צפורה און וואַשט פרעמדע פלאָרען,
פאַרשיכורט איר מאַן דאָס געלט אין סאַלון,

ער האָט אויף איר גאָר ניט קיין ביסעל רחמנות,
קען זי זיך ניט קויפען אַ קלייד אָנצוטאָן.

וואונדערען שכנים ווי קען זי אויסהאַלטען
אַ נישטיגען מאַן אַ לומפּ פּאַראַזיט
מיר וואָלטען דעם מוח דעם שיכור צעשפּאָלטען,
ווי אַ הונט אים געטריבען אַרויס אויף דער סטריט.

דאָך איז צפּורה אַזאַ שטילען נשמה,
פאַרבייסט זי די ליפּען און מאַכט גאָר אַ שווייג,
זי וועט דאָך דעם שיכור אויף הפקר ניט לאָזען
זי ווייסט זיין כאַראַקטער, ער דאַרף האָבען אַ ווייב,

צו שפּעט אין די יאָרען מיט אים זיך צו שיידען,
שיידען דאָס קען נאָר בלויז איינער דער טויט,
זיך בעסער אַ מיתה איידער אים מאַכען צו ליידען
עס ציט אים צו שיכרות זיין ביטערע נויט.

ווער קען די נשמה פון פרויען באַטראַכטען,
צו ליידען און שווייגען אָננעמען פאַר ליב,
צו שוואַך זיינען מוחות גאָר צו באַגרייפען
די סודות פון פרויען זיי זיינען צו טיף...

קאַלטער מערדער

אַוועק פון מיר דו קאַלטער מערדער
איך וויל ניט שטאַרבען נייַן,
לייג דאָס אָפּ אויף הונדערט יאָר
און קום דאַן צו מיר צו גיין.

איך האָב נאָך לידער אויסצודיכטען
און ברענגען צו דער וועלט,

איך וועל מיין נשמה דיר אָפּגעבען,
נאָר דאַן ווען מיר געפעלט.

איך וועל דיין שווערד ווי יענער תנא
אַרויסרייסען פון דיר,
אָהן טויט אַנגסטען אין גן עדן
מאַכען מיין שפּאַציר.

אַוועק פון מיר דו קאַלטער מערדער
ניט דול מיר איצט דעם קאָפּ,
איך האָב נאָך זאַכען צו פאַרפּאַסען
לאָז מיר איצטער אָפּ.

פאַרשעמט האָט זיך דער קאַלטער מערדער
און איז געבליבען שטום,
האָט פאַרשפּראָכען ער וועט קומען
אין הונדערט יאָר אַרום...

ביז דאַן קען נאָך גאָט באַשערען
אַ מיטעל געגען טויט,
מענטשען זאָלען גאָר ניט שטאַרבען
ניט וויסען פון קיין נויט.

עס וואָלט די מענטשהייט דאַן געוואוסט
פון לעבען גוט די ווערט
און אויסגעראָטען וואָלט מען דאַן
דעם מערדער און זיין שווערד.

דערוויל וועל איך נאָך שרייבען פּיעסען
דיכטען פאַר דער וועלט,
זומער שוויצען ווינטער פרירען
ליידען הונגער, קעלט.

דאָס איירישע צעטעל
(לאַכערדייקע)

מען האָט אים גערופען ר׳ שמענדריק פּאַסאַליע,
דער דומער און קרומער מיט דער הינערישער וואַליע
פלעגט האָבען אַ טבע צו ציהען מיטן נעזעל
פינטלען מיט די אויגען און קייען אַ גרעזעל.
בייסען די נעגעל דערצו פאַנפעוואַטע
און אויב איך מאַך ניט קיין טעות געוועזען — — —
געמאַכט האָט ער אַ לעבען קלייבענדיג שמאַטעס,
אַן אַנצוג געטראַגען מיט פארשיידענע לאַטעס
בלויע און גרינע געלע און רויטע,
ווי עס פּאַסט פאַר אַ הונדערט פּראָצענטיגען שוטה.
וואַנטצעס צוויי רויטע מיט אַן אומגליקלעך בערדעל
און הירזשען פלעגט שמענדריק פּונקט ווי אַ פערדעל —
זיין לשון געוועזן איז ניט עסיג ניט וויניג
נאָר גלאַט אין דער וועלט פלעגט ער האַקען אַ טשייניק.

און די פלונית׳טע זיינע, איר זאָל ניט זיין צו קיין בושה
איז געווען אַ פאַרדריפּעטע קויטיגע אשה.
די נעגעל באַוואַקסען וו דעם אשמדאַי׳ס פיסעל
אַ זויערע אידענע מיטן נאָמען חיה זיסעל,
מיט אויגען צוויי גרויסע ווי קאַטשענע אייער,
אַ נאָז אַ צופּלאַטשטע ווי דער טשופּ פון אַ קרייער,
און אַ בייכעל געטראָגען האָט זי ווי אַ פאַס
און שמענדעריק׳ן שעלטען פלעגט זי אויפן באַס,
פלעגט פאַרקויפען געשמירעכץ פאַר די בעלי החיים
מעטשעס דריי באַקסלעך — טהרי פאַר אַ דייעס.

מאַכט זיך אַמאָל אַ טאָג פון די טעגלעך
וואָס איז ניט נאַטירלעך, ווערט אויך אַמאָל מעגלעך
און עס הויבט אָן אַ בעזעם פלוצים צו שיסען

און אַ זויערע זאַך ווערט פאַרוואַנדעלט אין זיסען.
קויפען זיי איינמאָל אַן איידיש בילעטעל
און ציהען אַרוים דאָס מזל׳דיג צעטעל.
איצט הייסט ער ניט שמענדריק, נאָר סעמיועל בעבעל,
ווייל ער קלייבט ניט קיין שמאַטעס, און זי פאַרקויפט
ניט קיין שוועבעל.
אָבער זייט דער ר׳ שמענדריק קלייבט ניט קיין שמאַטעס
טראָגט ער אַנשטאָט אויף די הויזען אויף די אויגען די לאַטעס...

שפילט מיין האַרץ

שפילט מיין הארץ אַ ניגון
באַגלייט מיט אַ געוויין
ווערזשע קען די טענער
די טרויעריגע פאַרשטיין?

די אויגען די מחשבה
דאָס בלוט וואָס קאָכט און זידט
די ריינע צאַרטע ליבע
נאָר זי פאַרשטייט מיין ליד.

די שיינע זיסע ליבע
וואָס צינד אין מיר אַ פלאַם
די ווינטען פון די בלעטער
די כוואַליעס פון דעם ים.

דאָס זשוזשען פון די בינען
די שטים פון תרנגול
דאָס פייפען פון אַ פאַסטוך
דער לאַנגער גלות קנויל.

דער איד וואָס טראָגט דאָס פּעקעל
מיט גזירות אָהן אַ שיר,
ער פאַרשטייט די טענער
וועלכע זינגען אין הארץ ביי מיר.

דער אַרבעטער אין קייטען
וואָס טראָגט דעם שווערען יאָך,

וועלכער ווישט דעם שוויים פון שטערען
יעדע שטונדע פון דער וואָך.

דער קאַנטשיק פון די באָסעס,
וואָס שנייד דאָס לייב גאַנץ טיף
ער האָט שוין די טענער
פון מיינע אַ באַגריף.

דער קלאָרער בליץ פון הימעל
די האַרמאָניע אָהן רייד,
פון זיי איז דאָך דער ניגון
פון וואָס מיין ליד באַשטייט...

וואָס לאַכט איר?

וואָס לאַכט איר פון מיר איר ווילדע נערנים
פאַרשטייט איר מיין לעבען מיין גאַנג?
ביי אייך איז די פאַלשקייט די מאַסקע פון פנים
ביי מיר זענט איר טויטע פון לאַנג.

איר קוועטשט מיט די ליפּען און דרייט מיט די מיילער
איר טאַנצט אין אַ ווילדען גאַלאָפּ,
שטאָלצירט מיט דער דומהייט וואָס איז אייער פאַרמעגען,
מיט אייער קויטיגע בלאָטע אין קאָפּ.

איר קענט ציילען די רענדלאַך און איך מיינע צרות,
דאָך זענען מיר קיינמאָל ניט גלייך
פאַר מיר טויגט איר אַלע אויף טויזענט כפּרות
פאַר ווערים וועט איר נוצען אַ סך.

עס קומען אָן קינדער מיט וויסטע פאַרלאַנגען
וואָס ווילען אויף אייך בעטען דעם טויט,
ווייל אויף די פינסטערע וועגען איר זענט געגאַנגען
וועט הערשען די אייביגע נויט.

דאַן וועט איר געדענקען און איר וועט דערקענען
דעם טעות וואָס איר האָט געמאַכט,
און בעטען פאַרצייאונג פון דעם וואָס איר האָט
אַזוי גרויזאַם און שפּאָטיש געלאַכט.

ער וועט אייך פאַרגעבען, ווייל וואָס איז אַ דיכטער
אַ פּיצעלע קינד פון דעם שוים,
אַט וויינט ערשט זיין אויג, אַט קלאָגט זיין געפיל
באַלד לאַכט ער סאַרקאַסטיש זיך אויס.

דערווייל זאָלט איר שווייגען איר נישטיגע קעפּלעך
מען קען אייך און די סודות גאַנץ גוט,
האַלט אייערע צונגען, מישט ניט פרעמדע טעפּלעך,
ווייל די צייט שלאָגט שטרענגט מיט אַ רוט.

הערט אויף צו לאַכען ניט ווינקט מיט די אויגען
אַריין קען אַ שפּרענקעל פון ווינד
פאַרמאַכט זשע די מיילער איר אידיאָטען,
ווייל באַרעדען איז אָן אייביגע זינד...

איך זע

איך זע אין דער צוקונפט אַ בעסערע וועלט,
ווי איינער וועט דעם צווייטען ניט דריקען,
איך זע די צעשמעלצונג פון אייביגער קעלט,
וואָס וועלען דעם מענטשען באַגליקען.

איך זע ווי אַ מוטער זויגט אָן איר קינד
און שפּייזט עס מיט נאָרמאַלע שפּייזען,
די מוטער אַליין איז דערצויגען אַהן זינד
און דאָס קינד וועט איר אומשולד באַווייזען.

איך זע ווי דער שווינדעל עקזיסטירט שוין ניט מער
נישטאָ מער קיין באָסעס וואַמפּירן
פאַרשוואונדען געוואָרען איז דעם אַרבעטערס טרער
אין טיראַנען וועלכע זאָלען רעגירען.

איך זע ווי עס גיסט זיך שוין מער ניט קיין בלוט
עס קלינגען די פרייהייטס אַקאָרדען
נישטאָ מער די פינסטערע וויסטיגע צייט
ווי איין ברודער זאָל דעם צווייטען דערמאָרדען.

איך זע ווי די פרויען וואָס זיינען געוועזן
מיט פּערעל בריליאַנטען באַהאַנגען
זיינען מיט איינמאָל פון זוניגען שטראַל
ווי אַ שנייאיגע בלאַטע צעגאַנגען.

איך זע ווי דער טייוועל שאַרפט ניט זיין שווערד
נישטאָ מער אָרעם קיין רייכע,
די שרעקלעכע גאווה ליגט טיף אין דרערד
און אַלע זיינען מיוחסים זיך גלייכע.

איך זע ווי די פרייהייט זינגט אוים אַ ליד
פון ווערדע און אַרבעטס מוסקולען
עס איז אויף דער וועלט אַזוי טייער און גוט
מען דאַרף שוין קיין גענגסטער באַצאָלען.

איך זע אין דער צוקונפט אַ געוועזענע שלאַנג
וואָס איז גאָר אַ מלאך געוואָרען,
איך זע מיינע פריינד די צייט איז ניט ווייט
נאָר אַ פאַרלויף פון צוויי צוואַנציגער יאָרען.

ווען איך שלאָף

ווי שטיל און ווי רואיג
איז די וועלט ווען איך שלאָף,
ווי לוסטיג און פריילעך
ווען איך כאַפּ זיך אויף.

די בלעטער די בוימער
דאָס גראָז אויפן פעלד,
זיי זינגען אַ זמר
פון זייער געצעלט.

די שרייבער און דיכטער
זיי טונקען די פּען
און דיכטען אַ שירה
מיט הימלישען ברען.

די הימלען דערציילען
מיין דערוואַכונג פון שלאָף
און שיקען מלאכים
וואָס העכער אַרויף.

עם טומלען די הימלען
מיט געטליכע פּראַכט
ניט שווייגען זאָל קיינער
ווען איך האָב דערוואַכט.

שפּילט מעלאָדיען
מיט געוואַלדיגען גלאַנץ
און אַלע זיך לאָזען
אין אַ באַגייסטערטען טאַנץ.

שליסט אויף די טירען
פון געטליכען שיין,
די מענטשהייט זאָל שפּירען
דעם סוד פון מיין זיין.

דעקט אויף די אוצרות
וואָס זיינען פאַרשטעלט
און וואַרפט עס אַראָפּ
אויף דער ערדישע וועלט.

דער מענטש

דענקער וואָס זוכט איר אין די הויכקייט פון הימלען,
וואָס ווילט איר די מענטשליכע מוחות פאַרטומלען,
וואָס מעסט איר וואָס פאַרשט איר די טיפקייט פון ימים,
וואָס ווילט איר די קעפּ פון די מענשען פאַר׳סמ׳ען,
און ווען אייך וועט געלינגען די חכמה דערגרייכען
וועט זי אייך מיט גיפטיגע שפּיזען דערשטעכען,
און ווען איר וועט שוין דעם אמת׳ן אמת געפינען
וועט מען ערשט זאָגען איר זענט אַראָפּ פון דעם זינען.
זאָגט ניט דעם מענשען אַז ער ווערט ניט געבוירען,

דערקלערט ניט אַז ער לעבט ניט און ווערט ניט פאַרלוירען,
ער וועט אייך קיינמאָל פאַר קיינפאַל ניט גלויבען
אַז אַלעס איז נישטיג סיי אונטען סיי אויבען,
דער מענש מיט זיין גייסט און ריינעם געוויסען
וועט מיט אייך קיינמאָל קיין שלום ניט שליסען,
ווייל דער מענש איז געוואוינט אַז מען זאָל אים באַטריגען
ער לעבט און ער שטאַרבט אין זיין אייביגען ליגען,
ווייל ער האָט ביי זיין לעבען געפאַסט זיך תעניתים
דערפאַר וועט ער אויפשטיין תחית המתים...

אַזוי ווי דו

אַזוי ווי דו אַזוי בין איך
מיין שפּראַך באַשטייט פון בליק
נאָר אין דער פינצטער ווי איז מיר
האָב איך ניט קיין גליק.

די שיינע ליבען מיר אָהן שיר
אויף יעדען וועג און אָרט
אַלע מיאוסע האַסען מיר
זאָג ווערזשע בין איך פאָרט...?

אַלע פוילע

אַלע פוילע ליבען מיך
איך בין דעם קראַנקענס פריינד,
איך האָס צו גיבען שלום דיר
ווי לאַנג די זון נאָך שיינט.

איך קום צו דיר איעדעס מאָל
ווען דו ביסט פון אַרבעט מיד,
און ווי אַ שומר היט איך דיך
ווען דער פּאָעט שרייבט זיין ליד...

זיי פרום

זיי פרום אין דער שטיל
גלויב אין אדוני,
זיי אין הארצען א איד
אויפן פנים א גוי.

זיי ערליך צו זיך
צו יענעם געטריי,
ניט גנב'ע קיין רייד
ווען מען איז דא דערביי.

און אליין ווען דו ביסט
אין א ווינקעל פון שטיב
דערצייל דאן דעם בורא
ווי דו האסט אים ליב.

ער הערט יעדעםווארט
פארשטייט עס גאנץ גיט
טוט מעשים א סך
און דרשנ'ט זיך ניט...

אויף הייסע מינוטען

אמאל אויף הייסע מינוטען
ווען דער צארען פרעסט אויף דיין לייב
ס'ווערט איבערגעקאכט דיינע בלוטען
א כעס וואס דו טראגסט אויף דיין ווייב.

זאלסטו דאן זיך גאר ניט פארלירן
ווען פון רוגזה דיין פנים ווערט בלאס

דו דאַרפסט זיך אַליין קאָנטראָלירען
לויף אַרונטער מיט אימפּעט אין גאַס.

און האָט דאָס אין גאַס דיר געטראָפן
ווען דאָס בייזקייט שלעפּט דיר צום גרוב,
דו פילסט ווי אין מדבר אַנטלויפען
דאַן זאָלסטו לויפען אין שטוב.

און קענסטו דעם צאָרען ניט שטילען
דו פילסט ווי עס ברענט דיר דאָס בלוט,
דו האָסט איבער זיך ניט קיין ווילען
אַנטלויף שנעל אינטער דער שטאָט...

פ אַ נ ט אַ ז י ע

איך דו נישט מער ווי פאַנטאַזיע
אַן אָפשפיגלונג פון אייביגען כאַאָס
דיין פאַרשטיין פון בליק
רייכטום לוקסוס שמערץ און גליק
גאָט וועלט מענש איין האַרמאָניע
געפינזעלט פון נישטיגען חלום.

ווי שטאַרבען ווען ניט געבוירען
ווי פאַרדאָרבען ווען ניט פאַרלוירען
באַשטימטקייט פון הונטען הויבען
הענגט אויף וואָגשאָל גלויבען.

דאָס גלויבער אויג איז אַ רייטער
וואָס גייט אַלץ ווייטער און גרעכט
די פאַרבאָרגענע ווינקלען פון פראַגען
ווי די וויסענשאַפט מיט איר קאָפּ שטעלט זיך אָפּ.

פון זיך אַליין

יעדעס מאָל דו רייסט פון מיר
רייסטו פון זיך אַליין,
יעדעס מאָל ווינק איך צו דיר
און גיב דיר צו פאַרשטיין.
מענשעלע באַטראַכט נאָר גוט
און קוק אַריין אין מיר,
דאָס זעלבע וואָס מיט מיר פּאַסירט
וועט פּאַסירען אויך מיט דיר...

טויזענד געשטאַלטען

גאָט האָט מיך באַשאַפען מיט טויזענד געשטאַלטען
קיין זאַך אויף דער וועלט קען זיך פון מיר ניט באַהאַלטען
ווער איך בין און וואָס איך בין
און ווי אַ טיר איך עפען
בלייבט פאַרן לעזער דעם נאָמען מיינעם
פון דער רעטעניש צו טרעפען...

איך ווייס ניט פון וואַנען

איך ווייס ניט פון וואַנען עס נעמט זיך די קראַפט
וואָס האָט מיך צו מיידלעך געטריבען
ווען איך בין געזעסען אין צימער אַליין
און דאָרטען אַ לידעל געשריבען.

צי איז דאָס די יוגענד דאָס רוישענדע בלוט
די בחורשע לעבענס פאַרלאַנגען,

אידבין געוועזן אין מיין ארבעט פארטאָן
און ווינציג צו מיידלעך געגאנגען.

דאָך האָט מיר דער יצר די סודות דערקלערט
אין חלום אין טראַכטונג פון שלאָפען
און מער האָב איך קיינעם שוין געהערט
אליין גאָר צו מיידלעך געלאָפן.

איך האָב זיי געקושט און געדריקט צו מיין הארץ
וועסט מיידעל מיר אייביג באלאנגען
אויף מאָרגען האָב איך זי שוין מער ניט געזען
נאָר צו אַן אנדערע מיידעל געגאנגען.

אזוי איז די יוגענד דער וויסטער געדאנק
ער צינדט אין דיין מוח אַ פייער
און ווערסטו אין אַ מיידעל אויף אַן אמת פארליבט
באצאָלסטו איצטברודערקע טייער...

עס ציהט דאן דיין הארץ מיט טויזענדער ציהען
מיט קרעפטיגען פיין און באטראָג,
דו פילסט זיך געבונדען מיט אייזערנע קייטען
ווי דער ארעסטאנט אין אסטראָג.

דערפאר זאָלסטו וויסען דו שטילער פארליבטער
צו האלטען זיך אייביג דיין וואָרט
אויב ניט וועסטו בלייבען אַ וויסטער באטריבטער
אויף איעדען צערטליכען אָרט.

האָסטו אַ מיידעל פיל ליבע געשוואָרען
פארדריי ניט מיט פאלשקייט איר קאָפּ
אויב נישט ביסטו ברודער אויף אייביג פארלאָרען
עס וועט דיר גיין מיט דער פוטער אראָפּ...

דער בוים

בויג איין דיין קאָפּ מיט הייליגע פּראַכט
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
און קוש מיר מיט געוויין ביז מיין האַרץ וועט צעגיין
פאַרליר ניט קיין צייט ווייל צו טאָג איז ניט ווייט.

בויג איין דיין מי ביז צו מיין קני
און לאָז פאַלען דיין גלי ביי מיר אויפ׳ן שוים
זינג אוים דיין ליד פאַרשפּעטיג זיך ניט
מאַך דאָס האַרץ וואָס איז פּוסט געניסען דיין ברוסט.

קלאַמער מיר איין מיט כישוף׳דען צוואַנג
די נאַכט איז ניט לאַנג פאַר אונזער געזאַנג
פאַרהאַלט ניט דאָס גליק ביז דער האָן גיט אַ קריי
ווייל צו קורץ איז די פרייד און לאַנג איז דער וויי.

דערלויב מיר געניסען פון פאַרריגעלטען שלאָס
צו שטילען פאַרדראָס ביז פרימאָרגען אויפגאַנג
שפּעטער איז שפּעט די לוסט דאַן פאַרגייט
דער בוים אויסגעדאַרט און אַליין זיך גענאַרט...

זיי וויסען מענטש

זיי וויסען מענטש, אַז דו ווערסט ניט געבוירען
אַז דו לעבסט ניט און שטאַרבסט ניט, און ווערסט ניט פאַרלוירען,
אַז וואָס ביז אַהער מיט דיר איז געשען
זיינען מיאוסע אָדער שיינע פאַנטאַזיעס געוועזן.

זיי וויסען מענטש אַז אויף דער זינדיגער ערד
וואָס דיר איז צו חלום׳ען אַביסעל באַשערט

פרילינג בלומען

האָט ניט עקזיסטירט און איז איצט אויך ניטאָ
נאָר אפשר אין הימעל איז יאָ עפּעס דאָ?...

זיי ווייסען מענטש, אַז אונטען און אויבען
איז אַלעס געקלאָמערט מיט אייביגען גלויבען,
ווייל דעם גאָט וואָס דו זוכסט פאַרמאָגט גאָר קיין פּאָר ניט
ער ליגט הייליג באַהאַלטען אין פאַרכישופטען גאָר ניט.

נאָר פון דעם נולעגען אָטעם שפּראָצט קרעפטיגער זינען
ער איז דער אין סוף, און צו אים זאָלסטו דינען
אָהן אים ביסטו מאַכטלאָז, ווי פעדעם פון שטריקלעך
נאָר דער הייליגער דת קען מאַכען דיך גליקלעך...

רעד צו דיין פאָלק

רעד צו דיין פאָלק
מען זאָל דיר פאַרשטיין
אָהן סימבאָלישע קונצען
נאָר אידישלעך ריין,

אָבער דאַן ווען דו האָסט
אַ גאָר טיפען געדאַנק
מוז שוין אויך אַנדערש
זיין דיין געזאַנג.

נאָר וואָס טויגען די סודות
די געפליגעלטע שפּראַך,
אַז ווען אַ ליד אונפאַרשטענדלעך
איז ווי אַ הויז אָהן אַ דאַך...

קאָשמאַרען

הערט אַ חלום וואָס געחלום׳ט קען אַ מענטשען גאָר זיך ווען,
אַז איך שוועב אַרום אין הימעל און מלאכים קען איך זען,
גאָט אַליין אויך ביי זיין טישעל, שטרעקט זיין ווייכע האַנט צו מיר
און עס קלינגט זיך אָפּ אַ שטימע שלום עליכם זיך דיר.

וואָסזשע טוסטו עפּעס עוזר וויזשע קומסטו גאָר אַהער
איז אויף יענער וועלט קיין פּלאַץ גאָר ניטאָ פאַר דיר שוין מער?
איך ווייס אַז דו ביסט ווי אַ פויגל וואָס אייביג נאָר נאָך פליען גאַרט
אַז דו האָסט פון ערדיש פּעסעל קונציג זיך אַרויסגענאַרט.

עוזר ווילסט אוודאי וויסען וואָס אַזוינס בין איך און וועלט,
סאָמעך איז מיין גאַנצער נאָמען, קיילעכדיג בין איך געשטעלט,
איך אָהן דיר בין אַ גאָרניט, דו מיט מיר ביסט זיך צען
צוזאַמען זיינען מיר אַ חלום פון דער יצירה קענסטו זען.

גיי אַרונטער פון דעם הימעל דו וועסט זיין שוין אַ פּאָעט,
מיט איין קנאַק בין איך געפלויגען פון די הימלען ביז צום בעט.
איצט באַשרייב איך זיך מיין חלום וואָס געחלום׳ט האָט זיך מיר,
זיך דעם אמת אוים פון חלום וואָס קען נוצן זיך פאַר דיר.

פאַרביטענע טעג

פאַרביטענע טעג געזאַנגען פון גראָז
קומען געשווינד פרעג ניט פאַרוואָס,
שטימען פון לופט אָהן מענטשען געשטאַלט,
הימעלשע שריפט וועלען מיר זען באַלד.

פאַרריסענע קעפּ צום הימעל גאַנץ הויך
שוואַכע וועלען קריגען אייזערנעם כוח

בלוטדורשטיגע חיות וועלען ווערען געשטילט
די וועלט וועט מיט וואונדער זיין איינגעהילט.

דער טויט וועט אַנטלויפען אונטער די בערג
די צייט וועט באַווייזען אומנאַטירלעכע ווערק
און קיין פאַרשידענעם דור איז אַזוינס ניט געשען
דאָס וואָס אייער אויג וועט אין קורצען דערזען.

אַ וואָרנונג

אויסגעצויגען האָט זיך פּאַסען אויף מיין ווייסען קלאָרען בעט
און אַ שטימע פון דער ווייטען האָט אַזוי צו מיר גערעדט:
עוזר גיי צו די ברייטע מאַסען אין מיין נאָמען זינג אַ שיר
זאָג דעם פאָלק דעם פאַרהאַסטען דינען זאָלען זיי צו מיר.

אויב ניט וועל איך די ערד באַלד טראָגען
ווי עס טראָגט דער ווינט די בלאַט
זאָלטסו זיי עוזר זאָפאָרט זאָגען
אַז נאָר איך בין זייער גאָט.

איך האָב דורך נביאים זיי געוואָרענט,
אַז דורך זינד ווערען זיי באַשטראָפט
האָבן זיי פיל געטער שנעל באַשאַפען
און צו די געטשקעס זיך געהאָפט.

איך וועל די געטשקעס אויך צעברעכען
און פאַרניכטען וועל איך זיי
ביז דעם הימעל וועט מען הערען
זייער וויינען און געשריי...

בויגען זיך בוימער

בויגען זיך בוימער אין דרייען
פון מאַגנעט געצויגען צו דרערד
הערען זיך שטימעלעך שרייען
וואָס האָבען זיך איבערגעקערט.

יאָגען זיך ווינטען געשווינדער
געטראָגען פון פליגעלטען כוח
און שפּילען זיך פּונקט ווי די קינדער
ווי געדאַנקען אין מענטשלעכען מוח.

און כוואַליעס אין ימים דאָרט טאַנצען
און שפּרינגען אַ ווילדען גאַלאָפּ
געפלאָכטען זיי זיינען ווי קראַנצען
און שווימענדיג זיי זינגען צום טראָפּ...

דער כעס

די בוימער זיי שטייען דערשראָקען
עס שלאָגט זיי דער כעס פון דער צייט,
ווי דער פּויער וואָס הערט די גלאָקען
פון קלויסטער וואָס שטייט דאָרטען וויַיט.

עס האָט זיי דער גלויבען דערצויגען
פון קערנער וואָס ליגען שוין לאַנג
אָדער יאָרען וואָס זיינען פאַרפלויגען
פאַר די וואָס געוועזן זיינען קראַנק...

טראַכט פון מיר

ווען דו קענסט ביי דער נאַכט ניט שלאָפען
ווען דיר האָט שלעכטעס געטראָפען

אַ ציל וואָס דו האָסט ניט דערגרייכט
און אַ קללה איז פאַר דיר די נעכט.

ווען דו האָסט פאַרדראָס אויף דער וועלט
כאָטש זי קומט דיר ניט קיין געלט
קריגסט גאָרניט פאַר דיין מי
נאָר שאַנד און שפּאָט דערצו.

ווען דיין האַרץ פּלאַצט פון ווייטאָג
און האָסט ניט וואָס דיר איז נויטיג
בעט איך איצט ליבסטער ביי דיר
זאָלסט האָבען אין זינען אויך מיר.

זון-אונטערגאַנג

קום צו מיר געליבטע ווען די זון ווערט פאַרגאַנגען
ווען דאָס האַרץ מיינס גייט אויס פון בענקשאַפט נאָך דיר,
קום ווען די פענסטער ווערען מיט גאַרדינען באַהאַנגען
קום און לעש אויס דעם העלישען פייער אין מיר.

קום און ניט שרעק זיך פאַר קיינע געפאַרען
ווען ליבשאַפט און פרייד ביי מיר עקזיסטירט
איך וועל דיר ניט פאַרלאָזען דיר ניט אָפּנאַרען
ווייל ליבשאַפט אין האַרץ איז ביי מיר איינגעגראַווירט.

קום שנעלער געליבטע און לאָז מיר געניסען
דעם בעכער פון ליבע טיף ביז צום גרונד
אין לוסטיגע שטונדען וועט דיר ניט פאַרדריסען
אויסהיילען פון האַרצען וועל איך דיין יעטווידען וואונד.

קום איך וועל זינגען דיר מעלאָדיען
פון שענערע צייטען פון אַ שענערע וועלט,

צוזאַמען וועלען מיר פאַר דער ליבע דאָרט קניען
בויען פון זיסקייט אַ ליבעס געצעלט.

צוויי חבר׳טעס

פעני און דזשעני חברטעס צוויי
פילט איינע אַ וויי טאָג טוט דער אַנדערער וויי
האָט איינע אַ דעיט

גייט די צווייטע אויך מיט
שלעפּען זיך אַלע
אין גאַס זאַלבעדריט.
קושט ער דזשענין און פענין
און גלעט זיי די האָר
באַזינגט אויך ראָמאַנטיש
זייער פיגור.

ווען עס קומט אַפצופירען
ביידע אהיים
פילט דאַמאָלסט דער בחור
גאָר ניט באַקוועם.

טראַכט ער ניט לאַנג
און פאַלט אויף אַ פּלאַן
שיקט ביידע צוזאַמען
אין דער העל אריין.

זיצט פעני און דזשעני
און טראַכטען פאַרוואָס
זיי געפעלען ניט קיינעם
און האָבען פאַרדרוס.

האָב איך זיי געענטפערט
ווען געפרעגט האָט מען מיר
אַז אַ בחור מיט צוויי מוידען
איז אַ מיאוסער שפּאַציר.

האָבען זיי מיר געפאָלגט
און געטאָן נאָך מיין ראָט
האָבעןביידע מיט מזל
טאָקע חתונה געהאָט.

און איצט אַז מיר טרעפען
די מענער פון זיי
הויבען זו קולאַקען
מיט אַ געשריי:

גזלן רוצח
ווער האָט דיר געפרעגט
דיין עצה צו זיי
האָט אונז אין קבר געלייגט.

זיי זיינען דען ווייבער
נאָך גאָט און געבאָט
איינע קוקט אויף דער צווייטער
וואָס די אַנדערע האָט.

האָט איינע אַ צווילינג
וויל די צווייטע דאָס אויך
גאָטעניו פאָטער
ווי נעמט מען דעם כוח.

די ווייבער זיי זיינען
אַ קללה נישט מער

זיי פטור צו ווערען
איז אונזער באַגער.

דו שטייסט ווי אַ פלאָקען
און האַלסט־צו דיין מויל
און אויף אונזערע לייבער
גייט איבער אַ גרויל.

וואָס האָסטו געהאַט צו אונזערע יאָר
דו האָסט דאָך דער׳הגר׳עט
מענער אַ פּאָר.

איך זע זייער צאָרען
פאַרשטיי זייער טראַכט
נאָר איך האָב זיך פלוצים
משוגע צעלאַכט...

קום צו מיר

קום צו מיר מיט פראַכט אין אַ שיינע זומער־נאַכט
און שטילען אונזערע געפילען אויף אַ באַשיידענעם וועג,
זאָלען מיר אויסטרינקען די רומאַנטישקייט פון גאָלדענעם בעכער
געגען דער לבנה־שיין וואָס גיסט זיך אין דער נשמה אריין.

קום צו מיר מיט זיידענע טריט געמאָסטען פון געטין מאָס
דאָ אויף דעם גראָז וועלען מיר זיצען און אויסנוצען
די פרייד וואָס אונז ביידע באַקלייד און פינגער
וואָס גלעטען און ליפּן וואָס בעטען וועלן אָהן נויט באַרירען דיין הויט

האַלט צו די אויגען וואָס טויגען צו בליקען אויף פרידען
און זאָל דאָס בלוט וואָס זידט שפּילענדיג דעררייכען

די פאַנטאַזיעס וואָס ווערטער קענען ניט דער דערקלערען
ווי צו ווערען אָהן שפּאַט אַ גאָט אַ העלד פון דער וועלט.

קוש מיינע ליפּען ניט צאָם דעם פלאַם וואָס ברענט הייליג זיס
גרייכענדיג דעם פּאַראַדיז ניט אָנוועדענדיג די פּיס
וואָס זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרען פון צאָרען
ברענענדיג מיט כעס און האַס וועלטען גאַס.

אַ געזאַנג

ווען דיין האַרץ ווערט צעריסען פון ווייטאָג
ווען דער פּיין בויגט דיר איין ביז דער קני
ווייסטו וואָס פאַר דיר איז דאַן נויטיג
אַ קאַפּעטשקע געוויינלעכע רו.

ווען דאָס לעבען צעברעכט דיר אין צווייען
קעמפּף מוטיג מיט האָפענונגס מאַכט
ווען ביז האַרץ האָט דערגרייכט דיינע ווייען
פון דער אייביגער שענדלעכער שלאַכט.

ווען דיין רוקען איז פון צרות געבויגען
דיינע פיס זיינען שטומפּיג אויף גאַנג
אויסגעלאָשען איז פון ליכט דיינע אויגען
דאַן דיכטע זיך אויס אַ געזאַנג.

האָט ווען דיר אַ ליבע דערשלאָגען
ניט וויין און ניט זיפץ און ניט קלער
ווייל דער וואָס האָט דיר שרעקלעך באַטראָגן
וועט ליידען נאָך טויזנד מאָל מער.

שווייג!

שווייג און רעד ניט קיין וואָרט
ווען דיין ליבע דריקט דיר צו ערד,
שווייג קרעפטיג האַלט איין דיין צונג
אויב דו ווילסט האָבען ביי יענעם אַ ווערט.

שווייג ווען עס פּלאַצט דיר דיין גאַל
פון זאַכען וואָס זיינען ניט רעכט,
שווייג ווען עס מאַכט זיך אַ פאַל
ווען דיין ווייב איז צו דיר שלעכט.

שווייג ווען געדאַנק מאָלט דיר אויס
אַז דיין ווייב איז פאַלש און אונטריי,
שווייג און גיב ניט אַרויס
ווייל דו ביסט ניט געוועזען דערביי...

שווייג אין דער שטיל מיט געבעט
זינג אויס פון ליידען אַ פּראַכט
האָט קריג אויסגעבראָכען דער טאָג
וועט שלום שוין מאַכען די נאַכט...

שווער מיר...

שווער מיר מיין ליבער אַז דו וועסט אין מיר ניט פארגעסען
ווען אויף מיר וועט שוין ליגען אַ בערגעל מיט ערד
צו זען דיין פּנים איז אייביג געווען מיין כוונה
נאָר געווען איז דאָס גליק פאַר מיר ניט באַשערט.

שווער אַז דו וועסט מיינע ווערטער געדענקען
ווי איך האָב געשוואָרען צו בלייבען דיר טריי

זינג איבער די לידער וואָס איך האָב געזונגען
אַה דעמאָלט ווען איך וועל שוין ניט זיין דערביי.

שווער מיר אַז דו וועסט בייַנאַכט אויף דיין קושען
נישט וויינען ניט זיפצען ניט אָטעמען שווער
ניט לאָזען אין חלום די זיסע פאַנטאַזיעס
ווערען פאַרוואַנדעלט אין אַ אייביגען טרער...

שווער אַז דו וועסט מיין בילד צו זיך דריקען
און זאָגען אַך ווי האָב אים ליב
די ווערטער וועט אַ מלאך צו מיר איבערשיקען
ווען איך וועל שוין ליגען אין דער פינסטערער גריב...

די שטים פון אמת

האָסט מיך שוידערליך געפּאַלמעסט
און פאַרשאַרט מיך אונטער דר׳ערד,
ווייל איך האָב פון דיינע מעשים
יעדע פאַלשקייט אויפגעקלערט.

האָסט פאַרטונקעלט מיינע גייסטער,
וואָס מיין וואָרט האָבען פאַרשפּרייט,
און פאַרבלוטיגט די מלבושים,
וואָס גאָט אַליין האָט אויפגענייט

האָסט געמעסערט מיינע קינדער,
זיי געשפּיזעלט אויף אַ שטיין;
ווי־זשע וועסטו, ווילדע בעסטיע,
צו אַמשפּט קאָנען גיין?

גאָט וועט רופען דיך צו חשבון
מיט דער שאַרפקייט פון זיין קול,

או דו וועסט פאַר דיינע מעשים
מוזען צאָלען טויזענט מאָל!

ער וועט ענדלעך דיר באַווייזען
דורך זיין געטלעך שטאַרקער מאַכט,
אַז ווער ס'וויל פון רשעות לעבען,
מוז פאַרשווינדען אין דער נאַכט...

שמע ישראל!

הער זיך צו דו פאָלק ישראל,
ניט אייביג וועט פאַר דיר זיין נאַכט;
דער וואָס אָפטמאָל פלעגט אייך שטראָפען
האָט גוטע בשורות אייך געבראַכט.

בלעטערט נאָר די אַלטע ספרים
וועט איר פאַקטען דאָרט דערגיין,
אַז ווען עס פלעגט דיין הימעל טונקלען —
פלעגט אַ גואל באַלד אויפשטיין.

ברענט מען דיינע שוועסטער, ברידער;
ווערט זיין אייביגקייט געשטערט —
מאַכט ער גלייך, אַז די משחיתים
זאָלען שווינדען פון דער ערד.

ווייל דער בורא איז מיט יושר,
און מיט גערעכטיגקייט באַצירט —
און ווער עס שטעלט זיך אים אַקעגען —
ווערט צום שוואַרצען תהום פאַרפירט...

אַ פינסטערע שטימונג

וואָס פאַר אַ פינסטערע שטימונג
האָט דיך מיט דיינעם געשפּאַנט
געדאַרפט אים אין פנים אָנשפייען
ווען ער האָט געבעטען דיין האַנט.

ער האָט דאָך דיין לעבען פאַרפינסטערט
פאַרביטערט האָט ער דיר דיין וועלט,
אויף קרענקלעכע וויסטע געדאַנקען
האָט ער דיר אַנידערגעשטעלט.

ער איז ניט צו גאָט און צו לייטען
קיין מאַן און קיין פאָטער צום קינד
ווי קען מען זיך האַלטען פון ווייטען
ווען מען זעט צו אַזעלכע זינד.

זאָל איינער דערשיינען און זאָגען
אַנטלויף פון דעם העלישען גרוב
וואָלסטו באַלד געענטפערט געלאַסען:
איך קען נישט, איך האָב אים דאָך ליב.

און ליבסטו אויפריכטיג און אמת
דאַן דולד אים מיט ביטערען ווי
און קיינער דאַרף זיך גאָר ניט מישען
ביז אויסגיין ווערסטו פון געשריי.

אַ צייטיגע קווייט

די ביסט ווי די טוי פון דעם הימעל
וואָס פאַלט אין פרימאָרגען אויפן פעלד,

עס ציט מיך מאַגנעטיש דיין שיינקייט
דיין פּנים איז ווי דו זון אויף דער וועלט.

דיינע בליקען זיי גרייכען די טיפקייט
באַצירען מיין האַרץ מיט אַ פרייד,
דיין אָטעם ווי די בעסטע פּאַרפיומען
שמעקען ווי אַ צייטיגע קווייט.

עס ציט דיינע ליפּען צו קושען
און זויגען די זאַפט פון דיין ברוסט
און גרייכען די קראַפט פון דער ליבע
און שטילען דעם פייער פון לוסט.

איך וואָלט וועלען צו דיר זיך באַהעפטען
ווי הימעל באַהעפט זיך מיט ים
אָנטרונקען דעם זאַפט פון קדושה
און פילען דעם געטלעכן טעם.

שטייען די שומרים פון ווייטען
און וואַרפען ווי שטעכערם אַ בליק,
וויל איך צו די נעענטער קומען
שרייען זיי טרעט אָפּ אויף צוריק...!

אַלץ הייסט אַ גליק!

גרוים איז מיין שמחה, פאַרשוואונדען מיין קלאַג,
ווען איך זע מיינע לידער דערשיינען אין „טאָג".
איך פיל ווי אויסצוקושען פון יענעם די האַנט,
וואָס מאַכט מיינע לידער צום לעזער באַקאַנט.

איך וועל אייביג געדענקען אָט יענעם פּערזאָן,
וואָס שטעלט מיך אַוועק אונטער דער שרייבערשער פאָן.

איך בין אויך גרייט פאַר אַ שטרענגער קריטיק,
דאָך ווינטש איך מיין רבי'ן פיל פרייד און גליק.
מיין רבי איז דאָך אויך געוואָרען קריטיקירט,
ווען דער שיקזאַל האָט אים צום שרייבען דערפירט.

אינגעלשע חלומות...

לעב איך אין חלומות, לעב איך אויפ'ן וואָר,
וואָס האָב איך שוין אויפגעטאָן אין נײַן-און-צוואַנציג יאָר?
זיבען יאָר געהונגערט, זיבען יאָר געקרענקט,
זיבען יאָר נאָך ליבע האָט מיין הארץ געבענקט

פיר יאָר שוין געשריבען, פיר יאָר שוין געמעקט,
ענדלעך דער רעדאַקטאָר האָט מיין טאַלאַנט אַנטדעקט.
איצט בין איך אַ שרייבער פון אַ קליינער מאָס,
פאַרדין ניט אויף אַ טיכעל אָפּצואווישען זיך די נאָז..

דענקט איר אַז פאַר שרייבען וועל איך קיינמאָל קריגען געלט?
היינט וואָס איז דאָס פאַר אַ חלום וואָס האָט מיר זיך פאַרגעשטעלט?
איך ווער דאָך אייגעטריקענט, אויסגעצערט און איינגעדאַרט,
אוי, דער שיינער חלום ווי ער האָט מיר אָפּגענאַרט...

פאַרליבטע הערצער

שפּאַצירט אַ בחור מיט אַ מויד
אויגען שוואַרץ און ליפּען רויט
ציינדלעך בלאַנק אַ צינגעל שאַרף
און אַלעס וואָס דער בחור דאַרף.
גייט ער אַריין אין טיפען זינען,
וויל אַלעס באַלד שוין אויסגעפינען

אויגען מאַנען, דאָס האַרץ צעגייט
און העגטלעך אַרבעטען אָהן רייד.

מאָלט די וועלט מיט אירע פּראַכטען
זוכט אַ נאַכט עס זאָל אים דאַכטען
גלעקער רופען ליפּען ציען
און די ביינער אַזוי בריען,
ליפּ צו ליפּ האַרמאָנירט זיך
ליבעס פלאַם באַלד דערשפּירט זיך,
וואַקסען קווייטען אין דער לופטען
און מען טראַכט פון קיין צוקונפטען.

נאָר חנדלען קושען איז קיין זינד,
דאָך צופיל סמאָטשקע ניט מיין קינד,
מעגסטו זיין דער דאַמען העלד
וויים צו לעבען אויף דער וועלט,
ליבע זאָגט מען איז גאַנץ פיין
דאָך טראַכט פון שפּעטער וואָס קען זיין,
לאָקשען ווערען אויך גאָר מיאוס
פון ליבע פאַלט מען פון די פיס.

געגעדעל

געגעדעל איז אַ וואוילע פרוי
האָט נאָר ליב צו ריידען
און איר מאַן אַ שטילער איז
וויל ער מיט איר זיך שיידען.

דערשראָקען האָט געגעדעל זיך
וואָס הייסט אין מיטען גט׳ן

און זי האָט מיט טרערען באַלד
אים אָנגעהויבען בעטען.

זאָלסט מיר טרייער ליבער מאַן
כ׳בעט דיך ניט פאַרשעמען,
איך שווער אַז איך וועל פון איצטער אַן
שטומעניש איינעמען.

געגעדעל האָט געהאַלטען וואָרט
איר שבועה ניט פאַרדאָרבען,
ביז געפּלאַצט האָט איר די גאַל
און איז אוועקגעשטאָרבען.

איז איר מאַן אַן אַלמן איצט,
וועט הייראַטען מסתמא
נאָר זוכט אַ כלה וואָס איז שוין
פון געבאָרען אַ שטומע...

אין מיין קינדהייט

איך האָב אין מיין קינדהייט געוועבען חלומות
אַרומרייזען קענען אין ווייטע מקומות,
איטאַליע, אויסטראַליע, אויף נאָך קאָנטינענטען,
און שפּעטער דערציילען צו אינטעליגענטען.

האָט ציוויליזאַציע, געזריבט מיר מיין נחת
געמאַכט פון דער וועלט כמעט ווי עיר אַחת,
בין איך געוואָרען אַ טייל פון פּאַטעטען
און שוועב מיר אַרום אויף הימעלס פּלאַנעטען.

איך זע דאָרטען קיין מערדער, גענגסטער, גנבים
דאָס לעבען האָט דאָרטען אַ שענערען פּנים,
עס איינינען ברואים געלאַסען באַשיידען
און פלאַץ איז דאָרט דאָ, אַזוי פיל פאַר יעדען.

דיקטירט מיר פאַנטאַזיע פון קינפטיגע צייטען,
ווען מיר וועלען ווערען ווי יענע דאָרט לייטען,
ווייל ווער ווייסט און ווער קען מיט זיכערקייט זאָגען,
צי עס וועט אונז די צייט אַהין ניט פאַרטראָגען.

די מוזע

עס האָט מיך די מוזע געמוטשעט מאַנאַטען
איך זאָל אין אַ לידעל באַזינגען אַ טאַטען,
אַ פאָטער געפאָרעמט פון פלייש און פון גלידער
און פון אים זאָל איך דיכטען עטלעכע לידער.

האָב איך איר בקשה ניט געוואָלט אַנערקענען
עס זאָל מיר מיין ווייב מיט׳ן פּיסק ניט פאַרברענען,
איך הער אָפּט געוואַלדען, זי קריצט מיט די ציין,
איידער אַזאַ טאַטע, איז שוין בעסער אַ שטיין.

צי מאַכט ער פון לעבען זיך עפּעס אַ צימעס,
וואָס אים ליגט אין זינען איז קריגען נאָר טעמעס
און מיר מיט די קינדער לאָזט ער זיך פּלאָגען
איך וועל אָט דעם פּאָעט אין קאָרט נאָך אָנקלאָגען.

דאָרט צווישען גראַטעס זאָל ער שרייבען לידער
ווייל אין הויז איז ער שטענדיג מיט מיר קידער-ווידער,
תמיד צעטראָגען, דאָס העמדעל צעפּלאָכטען
זעט אוים ווי אַ האַנטשיק, וואָס נאָר וואָס געשאָכטען.

נאָר ווי קען איך אים שטעלען גאָר פאַר אַ ריכטער
ווי קען מען פאַרשעמען אַ שרייבער, אַ דיכטער,
אַ מענטש זאָל נאָר האַלטען פון קאַטשקען און שרייבען
ער וועט יונגערהייד מיך אין דרערד אריין טרייבען.

זאָג מיר פאַרוואָס?

זאָג מיר מיין ליבסטע, פאַרוואָס האָסטו געשוויגען
דו ביסט דאָך געקומען צו מיר אַלס קינד
פלעגסט דאָך מיר צערטלען און וויך אַרום ארמען
נאָך וואָס געדאַרפט וואַרטען אַזש ביז אַצינד?

דו האָסט מיר געלאָזען מיט מיינע חלומות
פונקט ווי מען לאָזט אַ קראַנקען אַליין,
וואָס שוועבט אין זיין היץ אין ווייטע מקומות
און טויב איז די נוירם צו זיין שוואַכען געוויין.

וואָלסטו מיר דאַן דיינע לידער געזונגען
וואָלט איך שוין איצט געווען אַנערקענט
און אפשר קען זיין אין אַ גליקלעכע שטימונג
וואָלט איך געקושט היים דיינע הענט.

נאָך וואָס געדאַרפט וואַרטען ביז צייטיגע שלאַנגען
זאָלען מיר גיפטען מיט צער און מיט בייז
און זען ווי אמת ווערט אויפגעהאַנגען
פון בייכער וואָס וואַקסען פון אַרבעטער שוויים.

געדענקט האָב איך אַנדערש אין מיין קינדער-פאַנטאַזיע,
געמיינט אַז דאָס לעבען איז פראַכטפול און שיין
נאָר געענדערט מיין מיינונג אין שפּעטערע יאָרען,
ווען איך האָב דאָס גרויעגע לעבען דערזען...

צו מיין גליק

שטאַרק צו דיר איז מיין ליבע, פונקט ווי דו זיצט דאָ דער שטיין
דאָך וואָלט איך געווען מער צופרידען, בייננאַכט זיין מיט דיר דאָ אַליין
ווען די זון ווערט איינגאַנצען פאַרשוואונדען
ווען יעדערער שלאָפט אויף זיין בעט,
וואָלט איך געוואָלט מיט דיר זיצען
געאַרמעט אַליין שטילערהייד.
איך וואָלט דיר געקושט דיינע ליפּען
פאַרשיכורט אין פריידען געננוס
געצויגען די זאַפט פון באַהעפטונג
ווי עס ציען די שטראַלען צום גראָז,
דאַן וואָלטען מיר ביידע געגאַנגען
באַזונדער, פאַרשיידען זיין וועג
אוים בענקשאַפט אויף דער עלטער געזונגען
פון פאַרלוירענע גליקלעכע טעג.

איך באַוויין אייך

איך באַוויין אייך פאַרגאַנגענע צייטען
מיט פייניגען טרויער געוויין,
איין בליק נאָר אויף אייך פון דער ווייטען
אויף אַ סעקאָנד אייך קענען בלויז זען.

איך זאָל קענען אייך ווינקען מיט בליקען
אייך שענקען מיין קוש פון דער ווייט
מיין האַרץ וואָלט איך דעמאָלט דערקוויקען
און האָפען אויף אַ בעסערע צייט.

קומט נאָענט צו מיר מיינע יאָרען
ווען מיין יוגענט האָט ווי פייער געברענט,

מיט רייצונג און ליבעם דערקלערונג
געקנאַטען פון פריידען צעמענט.

אוועק זיינען ווייט יענע וואָכען
דאָס לעבען האָט אַנדערש באַשטימט,
די פיגורען זיי ליגען צעבראָכען
דאָס פנים פון לאַנג אויסגעקרימט.

איר וועט מיין געבעט ניט דערהערען
איר פאָלגט דאָס געזעץ פון נאַטור
איר קענט זיך צוריק ניט אומקערען
מיינע טייערע קינדערישע יאָר.

ווייב — מוזע און פליכט

פון קליינערהייד אַן איך בין צעטראָגען געוועזען
רק ס'האָט מיר געצויגען שטודירען און לעזען,
חומש מיט רש"י משניות, גמרא,
נאָר עפּעס פאַרדינען געטויגט אויף כפרה.

אַט בין איך אַ שוחט מיט מזל געוואָרען
נאָר קריגען אַרבעט, אוי ווי מיינע יאָרען
האָב איך זיך צו דער באַרבער־מלאכה גענומען
איז קיינער צום שטול צו מיינע געקומען.

דאָ בין איך פאַרהייראַט און האָב גרויסע צרות
מיין פלונית'טע קאָכט זיך, דו טויגסט אויף כפרות,
וואָס דישעם פאַדלאַגעס און ברענג אַ פּאָר קלינגער
איך זאָל מיט די קינדער ניט אויסגיין פון הונגער.

וואָס טויג דיר דאָס שרייבען, קאַטשקען און מאָלען
מיט דעם וועסטו קיינמאָל דיין רענט ניט באַצאָלען,

זיי ווילן אין צייטונג דיר קיינמאָל ניט דרוקן
נאָר דיר אַלעמאָל די לידער צוריקשיקן.

בין איך דאָך אַן עקשן וואָס איז דאָ צו ריידן
און וויל מיט מיין פּען זיך קיינמאָל ניט שיידן
אין דער צייט וואָס מיין ווייב האָט דאָס שרייבן פאַרהאַסט
האָב איך דערווייל מיר צען ביכער לידער פאַרפאַסט.

זומער

זומער ברודער ביסט געקומען
מיט דיין פולן גלאַנץ און פּראַכט
און מיט זיך אַ שווערן פּעקל
פאַר דער מענטשהייט מיטגעבראַכט.

זאָרג און וויטאָג און לוויות
חתונות און גט פּראָצעס
אַנטיפּאַטיע מיט גזירות
און סענסאַציעס פאַר דער פּרעס.

פרישע קינדער זיך צו פּלאָגן
און פאַרשקלאַפן זיי פאַר ברויט,
מערדער גענגסטער און גנבים
אַ פּראָדוקציע פון דער נויט.

זינגער שרייבער און פּאָעטן
איינגעטיילט אין יעדער לאַנד,
יעדער וועט מיט זיין אַמביציע
אַרוים ווייזן זיין טאַלאַנט.

יאָ דו ביסט צו אונז געקומען
מיט דער שיינקייט פון דיין שפּראַך,
איינעם וואַרפן ביז פּאַדלאָגע
דעם צווייטן הויבן ביז צום דאַך...

יאָרען לויפען

לויפען יאָרען ווי טייוואַלים
אין דעם תהום אַוועק געשווינד,
וויזשע איז דער שיינער חלום
מיין זיסער חלום פון אַלם קינד.

ס'האָט פאַנטאַזיע מיך געצערטעלט
און דערקוויקט מיין יונגען גייסט,
מיר פאַרשפּראָכען אַלע גליקען
און מיט האָפענונג געשפּייזט.

דו וועסט וואַקסען ווי אַ בלימעל
האָט געדאַנק גערעדט אין מיר,
ס'וועט גאָט און לייט דיר זיין מקנא
בענטשען וועט מען זיך מיט דיר.

עס וועט דער מזל פאַר דיר שיינען
ווי אין אַ שיינעם תמוז-וואָך,
ס'וועט הצלחמה מיט דיר טענה'ן
האָבען וועסטו ניט קיין יאָך.

נאָר די פאַקטען פון דעם לעבען
האָבען מיר געוויזען קלאָר,
אַז ניט ווערט איז אַ שמעק טאַבעק
חלומות פון די קינדער-יאָר.

עולים ויורדים

בערל באָק און חיים גרין —
קומען ביידע פון בערלין.
בערל ווערט אַ ביזנעס מאַן ;

חיים בלייבט אַן אָרימאַן.
בערל איז אַ גביר שוין איצט,
חיים זיצט אין שאַפּ און שוויצט.

אַזוי, אַזוי, מיין ליבער פריינט,
איז אונזער וועלט צעטיילט נאָך היינט:
בערל זיין פאַרמעגען מערט;
און חיים, נעבעך, ליגט אין דר'ערד...

וואָס מער

וואָס מער איך שרייב דערזע איך מער,
ווי ווייט איך בין פון שריפט;
וואָס מער איך טרינק דערפיל איך מער,
ווי כ'טרינק זיך אָן מיט גיפט.

וואָס מער איך עס דערשפּיר איך אַלץ,
ווי כ'עס זיך אָן מיט ערד;
וואָס מער איך שלאָף — כ'דער'חלום מער,
אַז ס'לעבען האָט קיין ווערט...

וואָס מער איך טראַכט אין זיך אַריין,
אַלץ האָב איך מערער צער;
וואָס מער איך נאַש פון חכמה-קוואַל —
אַלץ ווער איך מערער נאַר...

וואָס מער איך לעב, פאַראַכט איך מער
אַט דעם, וואָס חוצפּה האָט,
און מאַכט פון יענעם שטויב און אַש —
און זיך אַליין פאַר גאָט!...

דער וועיטער — פאָעט

אוים שרייבער געוואָרען!
איך בין שוין אַ וועיטער;
מען מורמעלט שוין מער ניט:
„אָט גייט דער צעדרייטער,
וואָס האָט אָנגעשריבען
פיל לידער און פיעסען;
פיל טינט אויסגעטרונקען
און מכות געגעסען".

איז אַרט מיך גאָר וויניג
זייער חוזק־געלעכטער;
נאָר וואָס, אַלס אַ וועיטער
עס גייט מיר נאָך שלעכטער!
איך וואַרט אויף די טיפּען,
און ס'ציט די עצמות;
זיי עסען די קרעפּלעך —
מיר לאָזט מען „אַקדמות"...

און כ'מוז נאָך דערנערען
אַ ווייב מיט אַ קינד,
אויב ניט — ליג איך דאָרטען,
וואו כ'ווינטש ניט קיין הינט.
נאָר כ'האָב עס „ניין איילען" —
סיי־ווי אַ סקעלעט;
אויב שטאַרבען אַ קבצן —
זאָל זיין כאָטש — אַ פּאָעט!

דער קאַלטער מערדער

אוועק פון מיר דו קאַלטער מערדער, איך וויל ניט שטאַרבען נייַן
ליג דאָס אַפּ אויף הונדערט יאָר, און קום צו מיר צו גיין.
איך האָב נאָך לידער אויסצודיכטען, ברענגען צו דער וועלט,
מיין נשמה וועל איך געבען, נאָר ווען מיר געפעלט.

איך וועל דיין שווערד ווי יענער תנא אויסרייסען פון דיר,
אָהן טויט-אנגסטען אין גן עדן, מאַכען אַ שפּאַציר.
גיי אַוועק, דו קאַלטער מערדער, דול מיר ניט דעם קאָפּ,
איך האָב זאַכען צו פאַרפאַסען, לאָז מיר איצטער אָפּ.

פאַרשעמט האָט זיך דער קאַלטער מערדער, און איז געבליבען שטום,
האָט פאַרשפּראָכען אַז ער וועט קומען אין הונדערט יאָר אַרום.
ס׳קען ביז דאַמאָלט צייט באַשערען אַ מיטעל געגען טויט,
אַז מענטשען זאָלען קיינמאָל שטאַרבען, ניט וויסען פון קיין נויט.

וואָלט די מענטשהייט דאָן געוואוסט פון לעבען גוט די ווערט
אויסגעראָטען וואָלט מען אויך דעם מערדער מיט זיין שווערד,
דערווייל וועל איך נאָך פּיעסען שרייבען, דיכטען פאַר דער וועלט,
זומער שוויצען, ווינטער פרירען און ליידען הונגער קעלט.

זינדיגע מחשבות

איך זע אַ פרוי שפּאַצירען גייַן פאַלט מיין בליק אויף איר,
טראָגט זי אַ ווייס בלאָזקעלע, און אונטען קיין בראַזיר,
איך עס דער פרוי מיט בליקען אויף, פון אויבען ביז אַראָפּ
און זינדיגע מחשבות נאָר, באַמבלען זיך אין קאָפּ.

געדענק איך מאמר פון חז״ל: שטעל זיך פאר דעם טויט
מאין באת, מענטשעלע, דו ביסט ניט מער ווי קויט
העלפט דאס בילד אזוי מיר אוים ווי א טויטען א קלאסטיר,
עס שלאגט די חיה מענטשלעכקייט, אצינד אין הארץ ביי מיר.

וואס־זשע טוט מען פארט אצינד, עס ברענט אויף מיר מיין לייב,
א האלבע וועלט גיב איך אוועק, זי האבען פאר מיין ווייב
אוי ליבע יוגענט זינדיגע, וואס זאל איך טאן מיט דיר
ווייז שוין גיכער מיר דעם וועג, באקענען זיך מיט איר.

נאר חוצפה האט צום פרויען מין, דעם אמת׳ן טאלענט
און האט מיר דורך מיין צינגעלע מיט׳ן ווייבעלע באקענט,
די גלוסטונג האט מיך ניט גענארט, באפרידיגט מיין פארלאנג
נאר נאך יעדער זים עבירה, טוט שפעטער אבער באנג...

דער באַרבער

אין א גאס פון ניו־יארק איז א בארבער פאראן
וואס שרייבט לידער, פאעמעס און דראמעס,
ער איז אויך פון נאטור גאר א עדעלער מאן
און האלט ווייניג פון אלע רעקלאמעס.

האב איך זיך איינמאל מיט׳ן בארבער צערעדט
ווען ער האט געריבען א פנים,
איר זייט דאך א איד וואס קען האלטען א פען
פארוואס דיכטען פאר אידען קבצנים?

דארט ביי די קריסטען איז כבוד און געלט
שפאצירען דאך ביידע צוזאמען,
ניט ווי ביי אידען ווייזט איינער טאלאנט
זוכט א צווייטער אים באלד צו פארדאמען.

ער האָט זיך צעשמייכעלט און אונטערגעזאָגט
ווי גליקלעך ער איז און צופרידען,
וואָס גאָט האָט זיין האנט געבענטשט מיט טאַלאַנט
צו דיכטען און שרייבען פאַר אידען.

איך האָב דיר געגעבען טענה׳ט זיך גאָט
אידישע אותיות צו שרייבען,
דו זאָלסט דיינע ברידער וואָס זיינען פאַרשקלאַפט
זייער פינסטערען אומעט פאַרטרייבען...

דער איד וואָס ער האָט נאָר צו שרייבען טאַלאַנט
און שענקט ניט די שריפטען צו אידען
אויף אים איז דער בורא זייער אין כעס
און איז גאָר פון אים ניט צופרידען.

שלום בית

אַ לאַז דער נפקא פון זיך אָפּ, און לאָז זי גיין איר וועג,
זי וועט באַוויינען קלאָגענדיג שפּעטער אירע טעג,
ניט שיין אַ מאַן זאָל מאַכען זיך אַן אידיאָט אַ נאַר,
ווייל ווער עס זינדיגט געגען גאָט, האָט שפּעטער פון דעם צער.

אַ פרוי וואָס בייט נאָר אוים איר מאַן אויף אַ מיאוסען שאַרלאַטאַן
באַדאַרף צו גיין מיט׳ן קאָפּ באַלד אין דרערד אריין,
נו זיפץ ניט שטילער ליבער מענטש, דיין ערלעכקייט איז ווערט
האָבען אַזאַ פרוי ווי דיין, לאַנג איבערגעקערט.

אַ פרוי וואָס האלט זיך צו אינטים מיט יעדען מאַנספּאַרשוין
מוז פריער שפּעטער צו אַמאָל אָפּקריגען איר לוין,
מען דאַרף ניט זיין קיין מאָראַליסט און פּרעדיגען מאָראַל,
מען דאַרף באַזייטיגען נאָר בלויז, וואָס שעדלעך און באַנאַל.

די קראַנקע בלומען סמ'ען אָפּט, גייסטיג אָפּ דעם קינד
און ברענגען שוואַכע דורות אָן, איז די גרעסטע זינד
וואוין ניט מיט קיין פרוי וואָס האָט, אַ צווייטען נאָך צו דיר,
האָסטו איר פאַלשקייט בלויז אַנטדעקט
גט זיך אָפּ פון איר.

ווייל שלום בית קען נאָר זיין ווי ס'איז ערלעכקייט פאַראַן
און נישט דאָרטען ווי מען פירט אַ לינקעטשקען ראָמאַן,
קללות הערען אין אַ הויז איז ערגער ווי דער טויט
און דאָרט ווי קריג זאָגט מען ביי אונז, איז נישטאָ קיין ברויט.

דער אַלטעטשקער

(פרילינג און האַרבסט)

אָך יונגעטשקע מיידעל, דול מיר ניט קיין קאָפּ
איך קען מער קיין ליבע ניט פירען
ווייל דו גייסט אַרויף און איך גיי אַראָפּ,
דו וועסט נעבען מיר נאָך פאַרפרירען.
קען זיין אַז גייסטיג דו נאַרסט זיך ניט אָפּ
נאָר פיזיש בין איך שוין צעבראָכען
אויסערלעך בין איך מיט יוגענט פאַרפוצט
אינערלעך איז די עלטער פאַרקראָכען,
יונגעטשקע מיינע, צו שפּעט איז פאַר מיר
מיט דיר איצט אַ ליבע צו פירען
קען זיין מיין האַרץ וועט גלוסטען צו דיר
און גלוסטענדיג וועל איך קראַפּירען
אויב דו האָסט באמת מיך מיידעלע ליב
שעץ איך דיינע ריינע געפילען
אָבער צו שפּעט, מיין קינד, איז פאַר מיר
מיט דיר אַ ליבע צו שפּילען.

דו ביסט נאָך אַזוי יונג און דאָס הערצעל ביי דיר
איז ריין און נאַיוו אומדערפאַרען
נעמזשע מיין קינד אַן עצה פון מיר:
דו זאָלסט זיך ניט לאָזן פאַרנאַרען
עס זיינען די יונגען פון היינטיגער צייט
כאַראַקטלעך גאַנץ היפשלעך פאַרדאָרבען,
עס איז דער מאָראַל פון מיידעלשען זין
איינגאַנגען ביי זיי אָפּגעשטאָרבען
שענק דיינע צנועות און ליבע צו דעם
וואָס האָט דיר געהייראַט מיט עדות
און לאָז ניט פאַרטומלען דיין מיידעלשען קאָפּ
מיט אַנטי-מאָראַלישע רעדעס...

דער בייזער פאַרגעפּיל

איך ווייס ניט פאַרוואָס, עס שרעקט מיר דאָס הארץ
צו ווערען ביינאַכט גאָר אַנטשלאָפען
אַלעמאָל פיל איך ווי אָנצוטיהן זיך
אין דער וועלט אריין וואָלט איך געלאָפען.

עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז קוים שלאָף איך איין
וועל איך שוין ניט זען דעם מאָרגען
עס שפּרינגט מיר דאָס הארץ פון יעדער גערויש
מיט איבערנאַטירלעכע זאָרגען.

אָפט פיל איך מיר דאַכט, אַז איך ווער דערשטיקט
ס'האָט די לופט ווער פון מיר צוגענומען
איך וואָרף זיך מיט שרעק אויפן געלעגער אַרום
און הויב אָן פון מורא צו ברומען.

איך ווייס ניט פאַרוואָס, עס שרעקט מיך מיין הארץ
און דאָר מער יעדען טאָג ווי אַ שאַרבען

פלוצים באַפאַלט מיר אַ פינסטערע שרעק
אַז איך וועל נאָך שלאָפענדיג שטאַרבען.

פון וואַנען איך בעט אייך קומט מיר דער געפיל
פון וואַנען גרייכט מיר די מחשבה?
אויסזאָגען אַ סוד אייך איצט אין דער שטיל
איך וואָלט ניט געוואָלט זיין קיין נביא...

דרייצען יאָר

איך בין קיין דרייצען יאָר ניט אַלט געווען
ווען איך האָב דיר שטעטעל מיינס פאַרלאָזט
ס'האָט דעמאָלט אַ קיל ווינטעלע
מחיה'דיג געבלאָזט.

בלייב געזונט פריינט זרח'קע
איך שייד זיך איצט מיט דיר,
אפשר וועט די גוטע צייט
דיר ברענגען ווען צו מיר.

פריינד באַקאַנטע וואונטשען אונז
קומט אָן אַהין מיט גליק,
איך וואַרף אויף מיין הויז מיט טרערענדלעך
מיין לעצטען אויגענבליק.

זיי געזונט מיין שטעטעלע
אַדיע אייך אַלע פריינד,
איך פאָר אָפּ קיין אַמעריקע
ס'איז אַ שמחה ביי מיר היינט.
אין אַמעריקע זיין וועל איך

אַ דאָקטאָר צי אַ רב,
נישט געטראָפפען זרח'קע
כ'בין אַ פּאָעט גאָר צום סוף.

דער נס גדול

געוואוינט האָט אַ פרוי ניט ווייט פון מיין געסעל
איר נאָמען געדענק איך איז געווען חנה פּעסעל,
געקריגט מיט'ן מאַן גערופען אים צרה,
ווייל זי איז לא עליכם געווען אַ עקרה.

פלעגט גיין צו צדיקים זיי זאָלען איר בענטשען
און אַזוי נעמען ברכות פון ערלעכע מענטשען,
זיך שמירען מיט סגולות, זיך רייבען מיט בראָנפען
נאָר עס האָט חנה פּעסלען גאָר ניט געהאָלפען.

און דער אָרימער יאָסעל אַזוי האָט ער געהייסען
פלעגט זיך פאַר צרות די פינגער אַזש בייסען
אַ ריזיגער מענטשעל מיט שטאַרקע מוסקולען
נאָר אַ מענטשלעכע צורה ניט געטויגט אויסצומאָלען

פלעגען זייערע הערצער צעברענען פון קנאה
ווי עס לייגט זיך אין קינדבעט אַלע יאָר די קאַזינע,
און זי חנה פּעסעל אַזאַ קרעפטיגע אשה
האָט ניט קיין קינדער אַזאַ ווייטאָג און בושה.

אַזוי זענען צוויי צענדליגע יאָרען פאַרלאָפען
און האָב איך אַנומלט איר יאָסלען געטראָפען
ער האָט זיך צעשמייכעלט ווי בלומען אין פרילינג
ווייל חנה פּעסעל האָט אים געבאָרען אַ צווילינג...

גאָט׳ס גנבים

געווען איז ר׳ זלמן אַ איד אַ בן תורה
פלעגט גלאָצען די אויגען צום הימעל מיט מורא
אַ שטיקעלע שמעלקע געווען מיט׳ן בורא
און האַנדלען בשתיקה מיט גנב׳ישע סחורה.
אין שול איז ר׳ זלמן אַ גאַנצער בעל דעה
איבערהויפּט ראש-השנה דער בעל-תוקע
שטייט איינגעוויקעלט און קרייזעלט אַ פּאה
און אין זיינע געדאַנקען שווימט ווידער אַ מאה.

און דאָס דאַרף אויסבעטען פאַר מיר אַ גוט קוויטעל
אַ גנב אַ זשוליק פון שיך ביז צום היטעל
וואָס ליגט אים אין זינען מאַריאַשע און גיטעל
אין דער צייט ווען ער שטייט איינגעוויקעלט אין קיטעל.
פרעג איך רבותי איר זאָלט מיר דערקלערען
ווי אַזוי קען דער בורא אונזערע תפילות דערהערען
און וועלען פּרנסה ישראל׳ן פאַרמערען
אַז אַזעלכע צבוע׳קעס ווילען עם שטערען.
ווען אַזאַ וויסטיגער שרץ מיט אַ טריפה מערכה
מאַכט אַן אויף דער וועלט אַזאַ מיאוסע געסרוכע
און גיט זיך נאָך אָפּ מיט אַ מיאוסע מלאכה
און מאַכט איבער דעם אַ הייליגע ברכה.

איך קען ניט פאַרטראָגען

איך קען ניט פאַרטראָגען ווען מענטשען זיך גרויסען
און מאַכען חניפה און דערביי עפּעס אויסען,
כיטרע זשוליאַקעס געפּערלעכע שווינדלער
און לייגען זיך אונטער ווי פּיצלעך קינדער.

איך קען ניט פאַרדייען אַ גראַבענגגען שרץ
וואָס וויל מען זאָל האָבען פאַר אים דרך־ארץ,
און אויך ניט אַ מאַן אַ פאָטער פון קינדער
וואָס האָט אַ גוט ווייב און וואוינט גאָר באַזונדער.

איך קען ניט פאַרטראָגע אַ לומפּ אַ פּאַדליעץ
וואָס פּייפט אויף די הימלען פון מענטש און געזעץ
און אויך ניט אַ פרעסער וואָס ער זיצט און עסט
לאָקשען אין דער איסט און מען הערט אין די וועסט.

ס'איז מיר דערווידער ווען אַ פרוי וואָס אָהן ציין
סמאָוקט ציגאַרעטען און מיינט דאָס איז שיין
פאַראַכט גאָר אַ פרוי וואָס איז פעט ווי אַ פאָס
און טראָגט די תחתונים ווען זי גייט אין גאַס.

איך האָב פיינט אַן אַלטען פון זיבעציג יאָר
וואָס קריכט מיט די לאַפּעס צו מיידעלעך נאָר
איבערהויפּט האָב איך פיינט אויף מיין ערען וואָרט
אַן עלטערן רב וואָס טראָגט ניט קיין באָרד...

האָט רחמנות

זייט ווען הער רעדאַקטאָר זענט איר אַ באַרבער
און שניידט מיינע לידער ווי אַ שערער אַ באָרד,
וואָלט איר געוואָלט זיין אין מיין לאַגע
און איך מלך עוזר אויף אייער אָרט.

אויב אייך גלוסט זיך שניידען, איז ניט אויף מיין בערדעל
מאַכט שטומפּיג דאָס שערעל ווען עס קומט צו מיין ליד
שליסט אויף די זכרונות פון אייער דערפאַרונג
ווען אַ שריפט אַפּעראַציע האָט אייער נשמה געבריט.

פאַרצאַפּט ניט די דמים פון אַ שוואַכענקען מענטשעל
וואָס איז לא עליכם ניט אינגאַנצען געזונט,
און וועגט מיט די הויזען, שיך און קאַפּאָטע
אַ חשבון פון עטלעכע און זיבעציג פונט.

מען זאָגט דאָך אויף אייך אַז איר האָט געהירען
און זענט ווי מען שמועסט, אַ איד מיט טאַלאַנט
פאַרוואָס זאָלט איר מיך מינימיזירען
און ברענגען אַ דיכטער צו אַ קרענקלעכען שטאַנד?

גענוג אַז מיין ווייב דערגייט מיר די יאָרען
אָבער זי איז דאָך מיין כדת וכדין
ווילט איר מיר אויך אינגאַנצען דערשלאָגען
איך זאָל פון אייך ביידע אַרונטער פון זין?

לעש אויס די לאָמפּען

לעש אויס די לאָמפּען מיין טרייע
ווערען זאָל טונקעל אין שטוב,
און מאַך זיך אינגאַנצען אַ פרייע
ווייל אַזוי האָט אַ מאַן אַ פרוי ליב.

בויג איין דיין צירונג גאַנץ נאָענט
איצט מאַך צו די אויגען געשווינד
ביי פרייע הייסט דאָס אַ רייכטום
ביי שוטים הייסט עס אַ זינד.

קוש מיינע ליפּען מיט פיבער
זאָל ברענען די תאווה אָהן שיר,
דו גוטסקייט טראָג איך ניט אַריבער
עס ברענען די בלוטען אין מיר.

נו וויקעל זיך איין אין די גלידער
וואָס האָבען אַ הייליג באַדייט,
ביז זינגען וועט ליבע די לידער
ווען זי וועט דערגרייכען די צייט.

איצט פיל איך עס פעלען די כוחות
וואָס האָבען די פלאַמען געריררט
און האָבען צו חיה׳שע ברעגען
פאַנטאַסטיש אונז ביידע דערפירט.

אומזיסט די שבועה

טויזענט מאָל האָב איך געשוואוירען
ניט צו שרייבען מער קיין ליד,
נאָר די תאווה צו דער מוזע
ווערט אין מיר קיינמאָל ניט מיד.

שווים איך מיר אין גראַמען־וועלטען,
צייל כסדר זילב און וואָרט,
נאָר אין קאָפּ פּיקט אַ מחשבה:
וואו שיק איך די לידער פאָרט?

זאָל איך אפשר זיי פאַרניכטען? —
ציטערט־אויף דאָס הארץ אין מיר:
וויפיל נעכט כ׳בין ניט דערשלאָפען
ביז געזען זיי אויף פּאַפּיר!

און די לידער מיינע וויינען:
„מיר פאַרלאַנגען ניט קיין געלט!
לאָז אונז אָטעמען ווי פרייע
און דערשיינען אויף דער וועלט!”

קאָן איך טרערען ניט פאַרטראָגען,
קויף איך גיך מיר אַ קאָנווערט,
און שיק די לידער צום רעדאַקטאָר,
און מיין שטאָלץ האָב איך אין דר'ערד...

צו אונזער אָנקעל

אָ, ווייז איצט, מיין אָנקעל,
אַ מוסטער פאַר פעלקער,
און שטרעק צו אונז אוים שוין
דיין פריינטלעכע האַנט!
אַז שארית הפליטה
פון פוילען און ליטע,
איצט זאָלען שוין האָבען
אַ מנוחה באַשטאַנד.

און זאָלען פון פעלקער,
די הערשער סאַדיסטען,
וואָס דרייען באַרבאַריש
די וועלט אויף צוריק,
באַגרייפען, אַז מענטשהייט
איז ווייט פון פאַשיזם,
אַז שנאת העמים
ברענגט קיינעם קיין גליק.

געפּאַנצערט זיי, אָנקעל,
מיט דיינע פּרינציפּען,
און פלאַסטער דיין וועג אוים
מיט רחמים, גענאָד!
וועסט הערען דאָן ברכות
פון טויזנטער ליפּען;

דיין לאַנד זאָל באַשיצען
דער אייביגער גאָט!

דו האָסט מיר באַגייסטערט,
מיין הארציגער אָנקעל;
איך ליב דיין אויסשטראַלונג
און שעץ דיין פּאָרטרעט;
עס רעדט אַזוי איצטער,
אין נאָמען פון אידען,
צו דיר, מלך עוזר,
דער „שפּיגעל־פּאָעט...

צום „קרומען"

ס'רינגלען שונאים מיך אַרום
און רייצען זיך מיט מיר:
„אומזיסט דיין שרייבען, ברודער'ל,
צום „קרומען" אויף פּאַפּיר.

פרעג, אויף טשיקאַוועס, אָן ביי אים
פון דיר וויפיל ער האַלט,
וועט זיכער, פון זיין ענטפער, דיר
אין האַרצען ווערען קאַלט.

ער וויל ניט וויסען פון דיין פרייד
און אויך ניט פון דיין צער...
טאָ לייג בעסער דיין פען אַוועק
און מאַך דיך ניט צום נאַר"

איז, בעט איך, קרומער, דרוקט מיין ליד,
אין אייער „שפּיגעל" פּאָרט —
זיי זאָלען זען, אַז כ'האָב ביי אייך
ווי אַ פּאָעט — כאָטש אָן אָרט...

וואו איז יושר?

אָ, מעכטיגער בורא,
פון וועלטען, פּלאַנעטען,
פון ריינע מלאכים
און גייסט־מאַיעסטעטען!

אָ, ענטפער די פראגע,
דו גרויסער דערלייזער,
וואָס ס'פרעגט דיך אַצינדער
דיין קנעכט, מלך עוזר —

וואָס האָט זיך געפּייניגט
כמעט זיין גאַנץ לעבען,
מיט שריפטען, פּאָעמען,
געזאַנגען צו וועבען.

איצט איז ער געבליבען
אַנטוישט און צעבראָכען;
אַנשטאָט אין רעדאַקציע —
צו „באָס באַי" דערקראָכען.

איז, פרעג איך דיך, טאַטע,
וואו איז ביי דיר יושר?
מאַכסט איינעם — אַ קבצן;
אַ צווייטען — אַן עושר.

גיסט חיות־רעגירער
צו האַלטען די לייצעס,
צו ביטשען די פעלקער
צו קאַטעווען פלייצעס...

און זיצסט זיך אין הימעל
און פרעגסט דאָרט מיט ביטול:
„וואָס וויל מלך עוזר?
וואָס דרייט ער אַ היטעל?"

דעם זיידענ'ס נבואה

ווען ס'האַרץ מיינס פון פיין ווערט צעריסן
און ביטערער ווערט מיין געמיט
דאַן קומען צו מיר מיינע לידער
מיט ווייכקייט פון זיידענע טריט.

איך הער ווי זיי בעטען מיט טרערען:
„ניט טרייב אונז אַוועק פון דיין זייט!
דיין דיכטונג זאָלסטו ניט צעשטערען —
דאָס וועט שוין פאַר דיר טאָן די צייט...

„דו ביסט דאָך צום דיכטען געבוירען,
מיר מאַכען פון דיר ניט קיין שפּאַס;
דערמאָן זיך דיין זיידענ'ס נביאות;
אין דיר וואַקסט אַ שטיק משוגעת"...

גערעכט! ס'האָט מיין זיידע געטראָפען,
ער האָט שוין דערקענט אין מיין גאַנג,
אַז מיר וועט באַגלייטען שלימזל,
ווייל איך האָב צו טאָן מיט געזאַנג...

אַ חכם איז געווען דאָך מיין זיידע
זאָל אים דאָרט נאָר גרינג זיין די ערד:
ס'איז בעסער אַ שיקעל גמרא,
ווי לידער פון שענסטען קאָנצערט...

צוויי וועלטען

כ׳האָב פאַר זיך אַ וועלט־באַשאַפען,
רייך, פאַנטאַסטיש אויסגעפיינט;
אָפּגעהובעלט יעדעס ווינקעל,
מיט קאָלירען העל באַשיינט.

דאָרט דערגרייכען ניט קיין קלאַנגען
פון דער ערדס באַרבאַרען־וועלט,
וואו טייוולאָנישע פאַרניכטונג,
ווי אַ פעסט, איז איינגעשטעלט.

הויבען שלאַנגען אָן דערקוטשען
מיר נאָך ערדישען פאַרלאַנג,
פלי איך צו מיין אייגען וועלטעל
און איך זינג מיר מיין געזאַנג.

דאָרטען ברעכט מיך ניט דער הונגער
און עס פלאָגט מיך ניט די נויט,
דאָרט געווינען מיינע לידער
אָנערקענונג — נאָכ׳ן טויט...

קום איך דאָך צוריק פון דאָרטען,
ווען אַראָפּ צו אונזער ערד,
פרעגט די וועלט די אַלטע קשיא:
וויפיל איז דיין לידעל ווערט?״

פרעג ניט...

פרעג ניט, ליבסטע, פאַרוואָס מיין וויזיט
ווערט אויסגעוועפּט אַזוי צו דיר;
צי פאַרטיפונג פון פּאָעזיע,
פאַרשלעפּערט דעם פאַרלאַנג אין מיר?

אָפּט מאָל אין די שפּעטע שעה'ען,
נאָהענט צו דעם האַנ'ס געקריי,
קרייזעלט זיך אין האַלז דיין נאָמען,
מיט אונטעדריקטען אויסגעשריי...

דאָך האָט צייט ניט לאַנג געציפּערט
מיינע פּיס אויף דיינע טרעפּ;
ווייל פּונקט ווי דיר, האָט מיר דאָס לעבען,
פּרעזענטירט אַ פּאַרציע קלעפּ...

טו, לאָמיר בענקען פון דער ווייטען
ביז אין שטראַל פון זון אויפגאַנג;
אפשר וועלען נאַכטיגאַלען
אויס'כלי־זמר'ען אונזער פּאַרלאַנג

רבנים

רבנים, האָט קיין מורא ניט
פּאַר דעם פּרעזידענט פון שוהל
ער זאָל אָפּזאָגען אייך פון דזשאָב
ווייל איר מוסר'ט קהל!

זאָל אייער דרשה תמיד זיין
פון ערלעכקייט און דין,
מיט רייד אַזעלכע
וואָס וואָרצלען טיפען זין.

אידישקייט איז פון אייביג אָן
מיט גייסט אויסגעצירט,
מיט געזעצען פון נאַטור
קרעפטיג קאָמבינירט.

מענטשלעכקייט און געטלעכקייט
איין רינג פון האַרמאָני,
שלום, רו און גלויביקייט —
אַ זיסע סימפאָני.

דער תלמיד-חכם

ברכות, שבת, עירובין, פסחים האָב איך גרינטלעך איינשטודירט
שקלים, יומא, סוכה, ביצה אין מיין קאָפּ כ׳האָב איינגראַווירט.
תענית, חגיגה, מועד קטן זיינען אויך מיר גוט באַקאַנט;
יבמות, כתובות, סוטה, גיטין אויך געבלעטערט האָט מיין האַנט.

בבא-קמא און מציעא, ביז צו בתרא כ׳האָב דערפירט;
שבועות, הוריות און סנהדרין מיר האָבען שיר פון זין גערירט.
מכות אויך, די וואוילע תורה, (אויף אַלע מיינע שונאים נאַר,)
זבחים, חולין און מנחות האָבען מיך געלאָזט אָהן האָר...

אויך דער ברייטער שלחן-ערוך איז קיין גרינגער ביסען ניט;
כ׳האָב אין זוהר און קבלה אויך געכאַפּט דעם טיפען שניט...
נאָר מיט דער גאַנצער תורה מיינער—איז מיין טייסטער אָן אַ סענט!
גיב-זשע,קרומער מיר אַן עצה: פאַרט וואו נעם איך היינט אויף רענט?

אַ גרוס פון ווייבעל

מיין טייערער מאַן, יונה-געצעל,
איך רו זיך דאָ אוים ווי אַ קעצעל
דאָס עסען האָט טויזענט געשמאַקען
אַ, באַי, קען מען דאָ אריינהאַקען!

דער בעל-באַי דער באָס-באַי און ווייטער
ס׳איז יעדער פון זיי אַ שטיק פלוירטער

מען קוקט אין די אויגען, אויף די ליפּלעך
און אין זינען זיי האָבען די טיפּלעך.

זאָגען: „יעס, מעם״ אויף אַלע פאַרלאַנגען
און װעלען דיר אַלצדינג דערלאַנגען
אַ פולקע, לעם טשאַפּס, אַ סטייקעל,
דער עיקר איז, שיק מיר אַ טשעקעל.

דו װייסט דאָך, אַז דאָ דאַרף מען שמירען
און כלומרשט גרויס שטאָטיש זיך פירען
װען ניט, זאָגט מען דו ביסט אַ מייזער
זאָלסט גיין מיט אַ קלאָג אין די הייזער.

איך װאָלט דיר געבעטען זאָלסט קומען
בין איך דאָ מיט קאָרטען פאַרנומען
און עס ליגט מיר קיין זאַך ניט אין זינען
װי נאָר אַפּאָר געימקעס געװינען.

יענעמ׳ס פּאָמפּאַדור

1

איינע עסט
ביז צו זעט.
דער צװייטער עסט
צו װערען פעט.
איינער עסט
װי נאָך אַ קרענק
ביז דער גאַרטעל
װערט אים ענג
יעדער עסט

ווי ער באַגערט
נאָר איך עס ניט
און ווער פאַרצערט...

2

איינער זעט נאָר
יענעמס זינד
און ער אַליין —
אַן אומשולדיג קינד.
זעט עבירות
מערב עד בוקר,
נאָר קיינמאָל ניט
זיין אייגענעם הויקער.
אַזוי, מיין פריינד
איז די נאַטור,
מען זעט נאָר
יענעמס פּאַמפּאַדור...

איך זע דיך...

איך זע דיך, גאָט,
אין פעלד, אין בוים;
אין הימעל, ערד,
אין וואָר, אין טרוים;
אין חיה, מענטש,
אין פיש אין ים;
איז זילב, אין וואָרט,
אין קלאַנג, אין גראַם,
נאָר איך זע דיך ניט
אין שלענג, אין סם.

איך זע דיך, גאָט,
אין ערשטען אות,
אין שלאָסען מעם
אין וויין אין כוס,
אין משפט, רחמים,
צדק, דין,
נאָר כ'זע דיך קיינמאָל
ניט אין שפּין...

יאָ, איך זע דיך, גאָט,
אויף שריט און טריט,
איך זע, און זע —
און זע דיך ניט...

דאָס טייבעלע...

איך האָב געהאַט אַ טייבעלע
אַ חנ'עוודיגס, אַ שיינס —
אַן אויסנאַם צווישען טייבעלעך,
אַ חכמ'דיגס, אַ ריינס.
פלעגט טאַנצען אויף די ביימעלעך
וואָרקען דאָ און דאָרט,
און האָט צוליב איר וואָרקעניש
שונאים אָפּגעשפּאָרט.

נאָר דאָס זיסע טייבעלע
האָט אַ חסרונ'דל פאַרמאָגט,
אַז וואו עס פלעגט נאָר נעכטיגען,
דאָרט האָט עס ניט געטאָגט.
און אפשר איז דאָס טייבעלע
געוועזען טאַקע גערעכט,

ס׳האָט פיינט געהאַט דאָס שטייגעלע
די שאָטענס פון די נעכט...
האָט עס אַפּט געבונטעוועט
און דונערען מיין רו,
מיט טרערענדלעך געבייזערט זיך,
פאַרוואָס מען דעקט עס צו.
און איינמאָל אין אַ כמאַרנעם טאָג
געוואָרען שטאַרק אין כעס,
אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגעלעך
און איז אַרויס אין גאַס...

ס׳האָט זיך דאָס שיינע טייבעלע
פון אַלע אָפּגעשיידט;
וויינען איצט יתומימ׳לעך
אויףביימער שטילערהייט,
ווייל קיין נייע טויבען קומען ניט
און וואָס וועט זיין דער סוף?
און אַלטע טויבען שטימען ניט
ביז אין טיפען שלאָף...

חשבון הנפש

אַמאָל שטיי איך
און טראַכט צו זיך:
איך לויף און פלי צו אַלדע רוח,
איך גיי אַהער
און שפּאַן אַהין
און זשוזשע תמיד
ווי אַ בין.
ראַמאַנען, לידער,

וויצען פּיעסען,
וואָס מיר טרינקען?
וואָס מיר עסען? —
אַ זעמעל מיט אַ טעפּעל קאַווע —
אַבי דער עולם קלאַפּט מיר בראַוואָ!

אוי, מלך עוזר,
ביסט צעדורעט
האַלב משוגע, אַנגעכמורעט;
אַלע טאָג מעם תמ׳עוואַטע,
האָסט אַ פּנים ווי אַ שמאַטע..

וואָס-זשע טויג דיר
ס׳גאַנצע שרייבען?
יונג אין דר׳ערד אַריין זיך טרייבען?
טראַכט איך זיך: זיי האָבען רעכט!
כ׳וועל מער צו שרייבען
ניט זיין קיין קנעכט.
דאָך ווען די מוזע גיט אַ ברען —
נעם איך זיך ווידער צו דער פּען...

רשעים...

הערט, איר שלעכטע קינ׳ס קינדער,
גייסט-פאַרפּעסטעטע ביז׳ן ביין;
שעדיגער פון אידען-קברים,
ברעכער פון מצבה-שטיין:

לאָזט די מתים דאָרט צופרידען!
שטערט זיי ניט דעם שלאָף פון טויט;
ווייל איר קענט פאַרשטיינערט ווערען
נאָענט קומענדיג צום פלויט...

גענוג אייך פינסטערע וואנדאלען;
ציון־האסער — ברעכט דעם קאָפּ.
גענוג איר מוטשעט זיי ביים לעבען —
לאָזט זיי טויטערהייד כאָטש אָפּ!

ס'האָט לעגענדע שוין באוויזען,
אויך דאָס לעבען איבערצייגט,
אז ווער מיט מתים פירט מלחמה —
ווערט אין דר'ערד אריינגעלייגט...

דריי פליכעס

זיצען דריי פליכעס
און רעדען מיט צאָרען
ווי זיי האָבען די האָר
פון קאָפּ אָנגעוואָרען.
דער ערשטער פון צרות
דער צווייטער פון דראמען,
דער דריטער פון לויפען
מיט פריילעכע דאמען...

בין איך אָנגעקומען
געוואָלט עס בא'טעמ'ען
מיינע הערלאך פארלאָרען
שרייבענדיג גראמען,
און בשעת זיי האָבען
מיין פליכעל באטראכט
האָב איך מיר דערוויל
דאָס לידעל געמאכט...

דער שטרויענער העלד

הייסען הייסט ער חיים, און איז דאַר ווי אַ שפּענדעל
מיט קרומע צוויי רגלים און קרעהט ווי אַ הענדעל
עס פּייפט אים אין אַן אויער און ער רעדט היקעוואַטע,
אַ פּנים האָט ר׳ חיים, ווי אַן אויסגעווייקטע שמאַטע.

גייט ער אין אַ שטורעם טראָגען אים צוויי מענטשען,
קומט ער אַהיים בשלום דאַרף ער גומל בענטשען.
דענקט מען, אַז ר׳ חיים האָט נעבעך די טשעכאַטקע
און וועט אין מיטען פּורים אַוועקלייגען די קאַלעקאַטקע.

פון קינדווייז אויף איז חיים אַ שוואַכינקער, אַ בלייכער,
מיט אים פּלעגען די שכנים אָבער פאַרשטאָפּען אַלע לעכער.
איינער פּלעגט אים שיקען קויפען סיגאַרעטען
אַן אַנדערער נאָך נאָפּט אויסשפּריצען די בעטען.

דער רבי פלעגט אים שטורכען מיט׳ן עלעבבויגען
געשלאָגן אים אין אויער געשאַרט דעם הוט איבער די אויגען.
אַזוי איז ער געוואַקסען ווי אַ ציבעלע אין ווינטער,
האָט מען אים פאַרשלייערט געמיינט עס וועט זיין געזינטער.

האָט אַ אידענע ר׳ חיים אַ פּעטינקע — אַ ברייטע
מיט קאַטשענע צוויי אויגען אַ נאָז ווי טאָמייטאָ,
זעט זיך אַן ר׳ חיים ביי זיין אידענע דעם בלאַטער
ווי אין אַ גרויסען סידור דער קליינער טל-ומטר.

ווערט זי נאָר אַנטשלאָפען פּייפט איר נאָז ווי אַ קאַפּעליע
הויבט זי אַן צו גענעצען פליט ער ביז דער סטעליע,
בלייבט ער הענגען אויבען ווי אַ סמיטשיק אָהן אַ פידעל,
טויג חיים׳קע צו גאָר ניט, אַ חוץ כ׳זאָל מאַכען פון אים אַ לידל.

דער „חולה״

ליגט אַ איד אין בעט;
ניט ער שווייגט,
ניט ער רעדט;
נאָר ער אויקעט,
נאָר ער קרעכצט,
נאָר ער גענעצט,
נאָר ער לעכצט;
נאָר ער היצט,
נאָר ער שוויצט;
נאָר ער הוסט,
נאָר ער ניסט;
„איטס נאַטהינג ניו״
ער האָט די „פלו״...

— — — — — — — — —

הונדערט איינס,
הונדערט צוויי,
הונדערט דריי...
און זיין חיה שטייט דערביי;
ברעכט די הענט,
ווישט די נאָז
האַלטענדיג אין האַנט אַ גלאָז.
גיט אים שלינגען אַספּערין,
און אַ שוואַרצען מעדיצין.
און דער איד ליגט אין בעט;
נישט ער שווייגט נישט ער רעדט.
וואָס־זשע איז אייך פּאָרט, ר׳ איד?
„לאָזט מיך אָפּ! — איך מאַך אַ ליד!״.

דער דלות

דער דלות שאַפֿט גראַמען
אַ דיכטער טאַלאַנט
דיכטעסט מיט שאַרפֿקייט
עס איז אינטערעסאַנט.

פֿריער שאַפֿסטו פֿאַמעלעך
און שפּעטער גאַנץ גיך
נאָר זאָלסט דיינע לידער
ניט האַלטען פֿאַר זיך.

נעם זיך צום שרייבען
פֿאַרליר ניט קיין צייט
זאָל ווערען דיין יוגענט
מיט שפּאַנונג באַנייט

און ווען מען דיר פֿרעגען
ווי קומט עס צו דיר
ענטפֿערען זאָלסטו
נויט שאַפֿט עס אין מיר.
איינזאַם פֿאַרצווייפֿלונג
יסורים און שמערץ
ציען די לידער
אַרויס פֿון מיין הערץ...

מיין שטאַם

די תורה זאָגט
איך שטאַם פֿון ערד
און חוזק האַלט

איך שטאַם פון פערד —
דאַרווין שרייבט
איך קום פון אַף,
היסטאָריע זאָגט, אַז איך קום פון גראַף
דער טאַטע דענקט
פון באַטאַני
די מאַמע קלערט
פון קעמעסטרי
דער זיידע זאָגט
איך שטאַם פון בין
די באָבע שרייט
פון יעדען מין...

האָב איך דעם חשבון
לעצטע נאַכט
גוט שטודירט
און דורכגעטראַכט
אַז אַלע דענקען
גאָר ניט שלעכט
נאָר מיין באָבע
בלייבט גערעכט.

אַלערליי ליבעס

איינער ליבט טרינקען
אַ צווייטער ליבט פויקער;
אַ דריטער ליבט זען נאָר
אויף יענעם דעם הויקער...

איינער ליבט עפּעל,
אַ צווייטער — מאַראַנצען;

א דריטער — אויף יענעמ׳ס
אן אומגליק צו טאנצען...

איינער ליבט שלאפען,
א צווייטער ליבט עסען;
א דריטער — מיט די אויגען
יענעמ׳ס ווייב אויפצופרעסען...

איינער ליבט וויצען,
א צווייטער — סאטירע;
א דריטער — זיך פרייען
מיט היטלער׳ס פגירה!

וואס איך ליב, איז שרייבען!
דאס וועגט איבער אלעם;
דערפאר מיין באלוינונג —
מיין ביטערער דלות!...

מיין באגלייטער

כ׳האב זיך אויסגעקליבען
א וואוילען רעזארט;
געמיינט, ס׳וועט שלימ׳מזל
ניט זוכען מיך דארט.

געטראכט, מיט מיין שרייבען
כ׳וועל מאכען „סוקסעס" —
ז׳געקומען דער בחור
אהין מיט עקספרעס.

און ער האָט גענומען
זיך בעטען ביי מיר:
„וווזר'קע, טאַטע,
כ'וויל וואוינען ביי דיר.

„מיר זענען דאָך פריינט שוין
כמעט פערציג יאָר,
אינאיינעם געוואַקסען
ווי דערנער א פּאָר.

„טאַ, לאָז מיך ניט איבער
אַליין אויף דער וועלט" —
הקיצור — איך האָב אים
צופרידען געשטעלט...

שפּאַצירען מירביידע;
טשיקאַווע איז בלויז,
וואָס ער, דער שלימזל,
איצט לויפט מיר פאַראויס!...

ווי אַ שיפס-קאַפּיטאַן

אָ, זאָלען די פונקען
פון געטלעכען פייער
אָנגליהען, צעצונדען
מיין גאַנצען געביין;
געקרעפטיגט זאָל ווערען
מיין שוואַכער בטחון,
כ'זאָל קאָנען נסיונות
פון לעבען ביישטיין.

ווייל צו שווער איז די לאַסט
פון יסורים צו טראָגען,
אַפילו ווען ס'איז ניט
קיין פיזישער ווי;
און דאַרפען פּרובירען
ניט זיין פּעסימיסטיש,
און ענטפערען פריילעך,
אַז אַלץ איז „אָ-קעי"...

ס'איז אַן ענגלישער אויסדרוק
מיט מאָדנער באַדייטונג,
וואָס שלענגעלט איראָניש
פון צונג זיך אַראָפּ;
מען קאָן עס אויסטייטשען
„אַ וועלט פאַרגעניגען" —
אַמאָל אָבער אויך:
„כ'בין אין ד'רערד מיט'ן קאָפּ"...

צו דער קאַטעגאָריע,
אַלמעכטיגער טאַטע,
באַלאַנגט אויך דער „שפּיגלער",
דער גראַמער פון ליד,
וואָס ליידט פון צערייצטע
דרוקאַרניע פאַרלאַנגען,
וואָס קומען געוויינלעך
פון שרייב-אַפּעטיט...

עס האָט זיך דער שטן
מיט ממזר'ישע אויגען
געשטעלט מיר אַנטקעגען,
ווי אַ שוואַרצער טומאַן.
איך געפין זיך אין יענער

פאַרצווייפעלטער לאַגע,
ווי פון אַ צעבראָכענעם קאָמפּאַס
אַ שיפס־קאַפּיטאַן...

מיין קריטיקער

צערעדט האָט מיט מיר זיך
אַ אידעל אַ פּראָסטער,
כדי מיך צו „פּאַקען",
און זיין פּיסקעל צעלאָזט ער:
„וואָס ווילט איר, ר' עוזר,
אַז איך זאָל אייך גלויבען
אַז איר האָט דאָס שרייבען
גע'ירשנ'ט פון אויבען?

„איר גראַמט־אויס די שורות
און טינטעלט די סטראָפען.
אָ, ליבער פּאָעטעל,
ניט מיך קאָנט איר בלאָפען!
איר גנב'עט פון ביכער
אַרויס גוטע זאַכען,
מ'זאָל מיינען, אַז איר קענט
אַליין לידער „מאַכען".

„ווי קאָן אַזאַ מענטשעל
ווי איר אַלץ אויסקלערען,
איר קאָנט דאָך פון טראַכטען
משוגע נאָך ווערען!
בפרט אַ פאַרשווינדעל
אָהן הויט און אָהן ביין!

איך בעט אייך, ר׳ מלך,
פאררעדט ניט די ציין!״

איך האב אים פארשוויגען
מיט שטעכיגען צער,
ווייל איך האב פארשטאנען
אז ס׳רעדט דא א נאר,
א שוטה, וואס קאן ניט
דעם אמת באגרייפען,
אז לידער צו שרייבען —
דעם קאפ מוז מען שלייפען...

זינג, מיין קאנאריק!

זינג, מיין קאנאריק! —
איך בין דיך מקנא,
עס ווערט פון דיין זינגען
צעשמאלצען מיין וויי;
כ׳פיל אויסצוקושען
דיין פייגעלשען שנאבעל;
די „לידעלעך״ דיינע —
מיין טרייסט זיינען זיי.

איך וואלט אויך, ווי דו,
געוואלט זיך צעזינגען;
פארגיין זיך אין טרעלען
פון וועלט׳ס הארמאני;
האט זיך דער בעל דבר
צעלייגט אין מיין גארגעל
און ס׳קומט נים ארויס גאר
קיין פונקט מעלאדי!...

נאָר אפשר בין איך גאָר
צו דעם ניט באַשאַפען;
כאָטש באַלד בין איך פונקט
ווי דו אַזוי קליין —
דאָך פעלט מיר דער ניגון,
מיט וואָס ביסט באַשאָנקען,
ווייל ס'איז דיין נשמה
מער זויבער און ריין...

אין איינם דאָך מיר קענען
זיך ביידע פאַרגלייכען —
דו, אין דיין שטייגעל,
און איך אין מיין שטוב;
עס וואַרט אויף אונז ביידע
דער זעלביגער גורל;
מיט'ן איינציגען אויסנאַם —
די טיפקייט פון גרוב...